STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06304

NAYE DERTSEYLUNGEN

David Bergelson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָוויד בערגעלסאָן

נייע דערציילונגען

געקליבענע ווערק

באַנד 1

איקוף פאַרלאַג
בוענאס איירעס

1949

PRINTED IN ARGENTINE
IMPRESO EN ARGENTINA

DAVID BERGUELSON

NUEVOS CUENTOS

OBRAS ESCOGIDAS

Tomo I

EDITORIAL "I C U F"

Buenos Aires, 1949

דאָוויד בערגעלסאָן איז דער געטרײַסטער העמשעך פֿון די ייִדישע קלאַסיקער נישט נאָר דערמיט וואָס ער האַלט שטענדיק אָפֿן אויג דאָס פֿאָלק און גייט נאָך פֿוסטריט זײַן סאָציאַלע אַנטוויקלונג, זײַנע הײַנטצײַטיקע געזעלשאַפֿטלעכע אומוואַנדלונגען, ווי זיי און ווי אַלע עכטע גרויסע שריפֿטשטעלער פֿון אַלע צײַטן; ער איז עס אויך מיט זײַן טיפֿן ייִדישן פֿילן, וואָס גייט דורך דעם פֿילטער פֿון לויטערן געדאַנק, אין דער אַטמאָספֿער פֿון קאַמף און מיט דער וויזיע פֿון אַ ליכטיקער צוקונפֿט פֿאַר די אויגן.

אָט די בערגעלסאָנישע מײַלעס, וואָס מאַכן אים פֿאַר דעם געטרײַען העמשעך פֿון די קלאַסיקער און דעם געטרײַען לערער און מאַדריך פֿאַר די נײַע דורעס ייִדישע שרײַבער, ווײַזן זיך אַרויס מיט באַזונדערער רייפֿקייט און שאַרפֿקייט אין זײַנע לעצטע ווערק, איבערהויפּט אין די דערציילונגען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די יאָרן פֿון היטלעריסטישן שטורעם איבער מיזרעך־אייראָפּע, וואָס האָט געקאָסט דעם ייִדישן פֿאָלק זעקס מיליאָן קאָרבאָנעס.

און אָט דעם ביזן העכסטן גראַד אויסגערײַפֿטן בערגעלסאָנישן הומאַניזם האָט דער פֿאַרלאַג „איקוף" אין זינען, ווען ער טרעט צו אַרויסצוגעבן די געקליבענע ווערק פֿון דאָוויד בערגעלסאָן, אָנהייבנדיק מיט זײַנע לעצטע דערציילונגען. אונדז אינטערעסירט צו ווײַזן די דערגרייכטע שליימעס פֿון דעם שרײַבער, און טאַקע אין דער אַטמאָספֿער פֿון קאַמף און מיט דער וויזיע פֿון דער ליכטיקער צוקונפֿט פֿאַר די אויגן, אים, דעם שרײַבער מיט דעם פֿילנדיקסטן האַרצן און לויטערסטן מויעך, מיט דעם שאַרפֿסטן כוש פֿאַר דער ייִדישער ווירקלעכקייט און פֿאַר דער ווירקלעכקייט בִכלאַל.

פּ. קאַץ

צווישן בערג

ביסלעכווײַז האָבן זיי פֿאַרלוירן איינער דעם אַנדערן אינעם געדרייטן לאַבירינט פֿון די קאַווקאַזער בערג. יענע, וואָס זײַנען איינציקווײַז אָדער עטלעכע אינייינעם אָפּגעגאַן אין אַ זײַט, האָבן זיך מער צום לעבן נישט אומגעקערט.

און אַרום און אַרום האָט געהאַלטן אין איין צעגיין, זיך שמעלצן און זיך אַראָפּגליטשען דער שניי פֿון די בערג. פֿון הויך, פֿון העכער און פֿון נאָך העכער זײַנען אומעטום אַראָפּגערונען הונדערטער און טויזנטער ריטשקעס און ריטשקעלעך, און וואַסערן האָבן, לײַטערנדיק זיך, גערוישט, געזעדט און געשריגן, און שרײַענדיק, האָבן זיי זיך געלײַטערט, ווי צו אַ גרויסן יאָנטעוו. און שטאַרקער און לויטערער איז אַלץ געוואָרן זייער פֿרייִלעכער געשריי. און געדאַכט האָט זיך: דאָס לאַכן די בערג.

— 1 —

עטלעכע און דרײַסיק געזונטע און באַוואָפֿנטע דײַטשן זײַנען זיי גע-וועז, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון זייער צעמאַזיקטער גיך־אָפּטרעטנדיקער דיוויזיע. פֿאַרבליבן איז פֿון זיי דאָ אין באַרג־שפּאַלט סאַכאַקל דער שאָפֿער הערבערט לימקע, דער רעדאַקטאָר פֿון אַ פֿראָנט־צײַטונג האַנס מעסער, דער אָבער־יעפֿרייטער ווילי ברייטשייד און דער פֿיר־און־צוואַנציק־יאָריקער לעבעדיקער מאַשקן — גאָדאַשווילי, וועלכן זיי האָבן מיט זיך פֿאַרכאַפּט באַ די באַרג־ייִדן אינעם לעצטן אַאול, ווו־הין זיי האָבן צו פֿאַרנאַכט־צו זיך אַרײַנגעריסן. אין אײַלעניש האָבן זיי דאָרט אין איינער אַ סאַקליע געשלאָגן דעם באַלעבאָס, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי אַרויס־

צופירן פון די בערג. זיי האָבן אים דערשאָסן און גענומען שלאָגן און פאַר־דערן דאָס זעלבע פון זײַן ווײַב. דעמאָלט האָט אין שטוב שטיל און פּלוצעם זיך באַוויזן אָט דאָס יונגע באָבערל. אינעם העלן טשערקעסישן בעקעש איז זײַן שטאָלטנע טאַליע געווען אַזוי דין, אַז אַרומגענומען זי קאָן אַ דערוואַקסענער, האָט זיך געדאַכט, בלויז מיט די פינגער פון זײַנע הענט.

— קומט, — האָט ער מיט ווונקען באַוויזן, — איך וועל אײַך אַרויס־פירן.

באַם אַרויסגיין מיט אים אין גאַס האָבן די דײַטשן דערזען, אַז ער הינקט קוים־קוים אונטער אַף אַ פוס. אין אָונט־פינצטערניש האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַף אַן אַלטיטשקער אין אַ שוואַרצער שאַל.

— מאַנאַנאַ! — האָט ער זי אַ רוף געגעבן און אָנגענומען איר האַנט אַף צו געזעגענען זיך.

און ווען די דײַטשן האָבן אַף אים אָנגעשריגן, האָט ער שוין געהאַט צו איר עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן. דערנאָך האָט ער זיי געפירט אַ גאַנצע נאַכט. באַם געדרייטן ראַנד פון שמאָלע און ראַכוועסדיקע אָפּגרונטן, וואָס רוקן אָן אַ גרויל אַף די פיס, ווען מע פרוווט זיך אײַנקוקן, ווי טיף זיי זײַנען, האָט ער אַלץ געשפּאַנט פאַר זיי מיט פעסטע טריט, ווי נישט אַף אים גאָר וואָלט געווען אָנגעשטעלט זייער אויטאָמאַטישע ביקס.

באַ טאָג־ווערן אין אַ טיפן באַרג־שפּאַלט האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט נישט באַלד דערקענט דאָס אָרט. דער גרינער אָפּשײַן איז אַף זײַנע מאַט־טונקעלע באַקן נאָך אַ נישט־געשלאָפענער נאַכט געווען עפּעס אַ מין אָרטיקער. דער שוואַרצלעכער מאָך אין ביידע זײַטן פון זײַן אונטערשטער ליפּ האָט דערמאָנט אָן דער פרישקײַט פון די אַרומיקע מאָ־ביקע פעלדזן. צאַרט און שוואַכלעך אָפּן ערשטן בליק, ווי אַ „מעיוכעס באַ דער מאַמען", האָט ער דאָך געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי אין זיך וואָלט ער זײַן אָנגעגאָסן מיט האַרטנעקיקײַט און מיט גוווּרע. מיט זיכערקײַט האָט ער זיך צוגעזעצט אַף אַ שטיין, און אַלץ, וועגן וואָס די דײַטשן האָבן צו אים געוווּנקען, האָט אַף קיין האָר נישט געענדערט דעם שטומען בליק אונטער זײַנע בייזע ברעמען. נישט אַרויסלאָזנדיק אים פון אויג, האָבן די דײַטשן זיך מעיאַשעוו געווען צווישן זיך. מיט פיל ווונקען האָבן זיי זיך קוים דערשלאָגן, ער זאָל פאַרשטיין, אַז מע באַפעלט אים:

— פיר ווײַטער!

אומדערוואַרט און שטרענג, שיר נישט ווי אַ קאָמאַנדע, האָט אַ קלונג געטאָן זײַן קאָל:

— סטאָפּ!

דענסטמאָל האָט מען אים נאָכאַכמאָל באַזוכט. פֿון אונטערן בעקעש־אונטערשלאַק האָט מען בײַ אים אַרויסגעשלעפּט אַ העפֿטל פֿון אַ יונגן מאַסמיד — אַ סטודענט אױפֿן דריטן קורס פֿון היסטאָרישן פֿאַקולטעט. פֿון דעם, וואָס דאָס העפֿטל האָט ער אַזוי טיף פֿאַרשטופּט, איז געווען צו דרינגען, אַז עס איז בײַ אים טײַער. אױפֿן ערשטן זײַטל איז דאָרט מיט לאַטײַנישן שריפֿט געווען פֿאַרשריבן:

Grote. History of Greece.
Niebuhr. Rőmische Geschichte.

אינעם זעלבן העפֿטל האָבן די דײַטשן געפֿונען אַ ציטאַטע אױף דײַטש:

„אין קאָרסיקע און אין סאַרדיניע האָבן די רוימער זיך באַשעפֿטיקט מיט יאַגד אױף מענטשן. זײ פֿלעגן כאַפּן די אָרטיק־געבוירענע מיט דער הילף פֿון יאַגד־הינט און די געכאַפּטע נאָכדעם פֿאַרקויפֿן אױף די קנעכט־מערק" (מאָמזען).

הייסט עס: אַ קאַפּעלע קען ער דײַטש, נאָר ער פֿאַרלייקנט. היטנדיק זײַנע באַוועגונגען, האָבן די דרײַ דײַטשן באַנײַס גענומען זיך מעיאַשעוו זײַן, וואָס זאָלן זײ מיט אים טאָן. נאָר ער האָט עס ווי נישט באַמערקט. אונטערגעשפּאַרט זײַן נידעריק־געשווירענעם קאָפּ אױף ביידע עלנבויגנס, איז ער געלעגן נישט ווײַט פֿון די דרײַ דײַטשן אויסגעצויגן מיטן בויך אױפֿן גראָז. זײַנע צונויפֿגעוואַקסענע קויל־שוואַרצע ברעמען זײַנען די גאַנצע צײַט געווען ברויגעזלעך־אָנגעשטרענגט, שיר נישט בייז, און פֿון אונטער זײ האָבן זײַנע קרום-צעשטעלטע אָוואַלע אויגן אָן אויפֿהער אַרויפֿגעקוקט פֿון טיפֿן באַרג־שפּאַלט צו די הויכע פֿעלד־שפּיצן, אַקוראַט, ווי ער וואָלט וואַרטן פֿון דאָרט אױף עמעצנס אַ צייכן. צי האָט ער פּלוצעם נישט דער־פֿילט, אַז דאָ, לעבן אים, שעפּטשעט מען זיך וועגן זײַן גורל?

קײַענדיק זייער קלײנע דאָזעם פֿון דער קנאַפּער שפּײַז, וואָס יעדערער באַזונדער האָט מיט זיך געטראָגן, האָבן די דײַטשן פֿון מאָל צו מאָל גע־קוקט, וויאַזוי ווירקט עס אױף אים, וואָס האָט בײַ זיך נישט קײַן שום עסן. צום אַלעם ערשטן איז פֿאַר זײ נייטיק געווען זיך דערוויסן, ווער ער איז:

דעם דערהאַרגעטן באַרג־ייִדנס אַ זון צי עפּשער זײַנער אַ שאָכן און אַליין גאָר נישט קיין ייִד? פֿאַרשטעלט האָבן זיי געדעדט צווישן זיך, וויאַזוי דאַרף מען ווײַטער מיט אים זיך פֿירן. אָט האָט ער פּאַמעלעך זיך אויפֿגעזעצט. צווישן אַ געוואַלגער פֿון גרין־פֿאַרצוויטעטע שטיינער האָבן האַרט לעבן אים פּרייעלעך געבולבעט און געאײַלט, ווי צו אַ יאַנטעוו, די ריטשקעלעך פֿליסנדיקער קרישטאָל פֿון שוימענדיקע וואַסערפֿאַלן און געפֿינקלט מיט טויזנטער דימענט־שפּריצן אַקעגן דער גרויסער שײַן־פֿאַרפֿלייצונג פֿון נײַעם זוניקן טאָג. רויִק האָט ער אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער זײַן האַנט, און בייז האָבן זײַנע אויגן נאָכגעקוקט נאָך די טראָפּנס, וואָס פֿאַלן פֿון זיי צוריק אַראָפּ, — טראָפּנס, וואָס אים, דעם אָרטיקן, זײַנען זיי אַזוי טײַער, און זיי, די דײַטשן, אַזוי פֿרעמד.

מיטן אָנגעשטעלטן אויטאָמאַט אין די הענט איז סאָף טאָג צו אים צוגעגאַנגען איינער פֿון די דײַטשן און מיט ווונקען געהייסן אויפֿשטיין און גיין. ער האָט אַ טראַכט געטאָן און איז אויפֿגעשטאַנען. געדאַכט האָט זיך אַז אַ שמייכל האָט געטאָן נישט זײַן פּאָנעם, נאָר בלויז דער גרינער אָפּגלאַנץ אַף זײַנע מאַט־טונקעלע באַקן. פֿאָרויס האָבן געשפּאַנט צוויי פֿון די דײַטשן, און נאָך זיי האָט דער דריטער דײַטש מיטן אָנגעשטעלטן אויטאָמאַט געצווונגען גיין אים, דעם סטודענט. די גאַנצע צווייטע נאַכט האָבן זיי זיך באַנײַס געדרייט באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף באַם ראַנד פֿון טיפֿע אָפּגרונטן. נאָר באַ טאָג־ווערן זײַנען זיי ווידער אָנגעקומען צום זעלבן באַרג־שפּאַלט וואָס נעכטן.

דורך בייזע גומען־ווערטער און נאָך מער בייזע ווונקען האָבן די דײַטשן געוואָלט באַם סטודענט וויסן:

— ווי אַרום איז דאָס געשען?

מיט צוגעטריקנטע ליפּן, וואָס נאָך אָנדערהאַלבן מעסלעס נישט שלאָפֿן, דערמאָנען זיי אין דער פֿאַרב פֿון צוגעטריקנטע מאַנדלען, איז ער שווײַגנדיק געשטאַנען אַקעגן זיי. צערײַסן אים אַף שטיקער האָט געהייסן צערײַסן דאָ אָפּן אָרט די לעצטע האָפֿענונג אַף זייער רעטונג. מיטן העפֿטל אין די הענט האָט אַף אים אָנגעטראָטן איינער פֿון די דײַטשן:

— קענסט דאָך דײַטש — אָ!... פֿאַרוואָס ענטפֿערסטו נישט?... רייד!

דער סטודענט איז געבליבן קאַלט. דער קרעפּטיקער שטופּ, מיט וועלכן ער האָט פּלוצעם דעם דײַטש פֿון זיך אָפּגעשטויסן, איז געווען אינגאַנצן

אומדערוואַרט און האָט געקאָנט האָבן נאָר איין טײַטש: „דו ביסט מיר מיִעס אינײנעם מיט דײַן שפּראַך, און איך וועל אַף איר נישט רעדן". מיט פֿאַרשיידענע ווינקען האָט ער די דײַטשן געגעבן צו וויסן, אַז ער איז אַ רויטאַרמייער:

— פֿאַרווונדעט אין פֿוס — אָ... זיך געשלאָגן מיט אַזוינע... איך שטעל פֿאָר איין צאַד, און איר — אַ צווייטן. אָן מיר וועט איר פֿונדאַנען נישט אַרויס. און איך וועל אײַך פֿונדאַנען נישט אַרויספֿירן. איר זײַט דרײַ — איך בין איינער. די שפּיל איז אויס. איך לייג אײַך פֿאָר: אַן עק מאַכן דאָ, באַלד, אויב איר האָט מוט, נו?...

קימאַט מיט שפּאָט האָט ער צוגעקוקט, ווי שטאַרק בײַ די דײַטשן איז דער דראַנג צו וואַרפֿן זיך אַף אים און ווי אַלע מאָל מוז אַן אַנדערער פֿון זיי אָפּהאַלטן דעם צווייטן מאַמעש פֿאַר די הענט.

אים האָט מען גלײַך פֿאַרבאָטן זיך אָנטרינקען און גענומען היטן, אַז ער, דער דאָרשטיקער, זאָל זיך נישט צורירן צו דער שעפּע פֿון פֿײַכטקײַטן, וואָס קוועלן און מורמלען דאָ אַרום אים. דעמאָלט האָט ווידער ווי אַ שמייכל געטאָן דער גרינער אָפּשײַן אַף זײַנע טונקעלע באַקן און אַף אַ רעגע צעקרימט זײַן יונג געזיכט.

ערשט איצט האָבן די דײַטשן גוט אַרומגעקוקט דעם טיפֿן באַרג-שפּאַלט — ער האָט אויסגעזען פֿיל אומהיימלעכער און פֿיל געפֿערלעכער ווי נעכטן.

ווי אַ לעבעדיקער מענטש וואָלט געהיט און נישט גערן אַרײַנגע-שטעלט אַ פֿוס אין אַ צוגעגרייטער טרונע, אַזוי געהיט און נישט גערן האָבן האָבן די דײַטשן דאָ געמאַכט יעדן טראָט. דורך אַלע וואַסער-גערוישן האָט מען דאָ, ווי נעכטן, פֿון מאָל צו מאָל געהערט, ווי פֿאַרדומפּענע קנאַלן ער-געץ ווײַט כאַזערן זיך איבער צוויי מאָל און דרײַ מאָל, און, ווי נעכטן, נישט געקאָנט וויסן, צי דאָס דערגייט אַהער דאָס ווײַטע דונערן פֿון אַ גע-וויטער אַף יענער זײַט באַרג אָדער דאָס שיסן ערגעץ האַרמאַטן.

דער מונטערער געפּילדער פֿון די קעסיידער פֿאַלנדיקע באַרג-וואַסערן האָט זיך אַלץ מער און מער אָפּגערופֿן אַף די דרײַ דײַטשנס צעטרייבערטע נערוון. די שפּיל פֿון די פֿאַנטאַסטישע פֿרימאָרגן-שײַנען אַף די באַלויכ-טענע שפּיצן פֿון די נאָענטע און גאַנץ ווײַטע אײַזבערג איז צו זיי דער-גאַנגען ווי אַ סימכע אַף זייער בראָך. און אין דער מאַסיווקײַט פֿון אַרומי-

קע פעלדזן האבן זיי שוין געזען נישט מער, ווי עפעס אזוינס, וואס איז אומיסטן אקארשט־א אויסגעוואקסן, קעדיי זיי זאלן באנעמען זייער שוואכקייט אקעגן דעם־א עלנטן און אויסגעהונגערטן גרוזינישן אדער יידישן באכערל, צו וועמענס פייניקונג זיי וועלן באלד צוטרעטן.

— 2 —

וועגן דעם, צי איז שוין צייט נעמען פייניקן דאס באכערל, זיינען די דריי דייטשן זיך פונאנדערגעגאנגען אין די מיינונגען. זיי האבן ביכלאל מיט זייערע מיינונגען אנגעהויבן אלץ אפטער זיך פונאנדערגיין.

ווי נאר פון זיי איז אראפ דער יאך פון אונטערגעווארפן זיין א וועלכן נישט איז עלטסטן, אזוי באלד האט יעדערער פון זיי אנגעהויבן ארויסצוווייזן זיינע באזונדערע רעגילעסן און די באזונדערע פאסטעמקעס פונעם שיכט, צו וועלכן ער האט אין דער היים געהערט. דער וווקסיקער שאפער הערבערט לימקע איז פארוואקסענערהייט געווארן נאך פיל רויטער, ווי ער איז געווען. אין זיינע קליינע אייגעלעך האט זיך באזעצט א ביטרע שמייכעלע פון א דייטשישן פויער, וואס פירט איינער אליין זיין באלעבאטישקייט און האט פיינט, מע זאל זיך אים אריינמישן און אריינקוקן אין טעפל. מיט זיינע געדאנקען וועגן רעטונג אדער אומקום האט ער מיט קיינעם זיך נישט געטיילט. פלוצעם האבן די איבעריקע צוויי דייטשן געקאנט דערזען, ווי ער פרווט באזארגן זיין אויטאמאט מיט וואס מער קוילן, דעמאלט, ווען קוילן איז בא אלע דריי שוין ווייניק געבליבן.

— דו, דו! — האט אין אזוינע פאלן געהוקעט אף אים דער אבער־יעפרייטער ווילי ברייטשייד.

און אין דעם הוק זיינעם האט פון מאל צו מאל אלץ מער זיך געלאזט פילן די ברייטקייט פון זיין פאטער, דעם באלעבאס פון א לייפציקער פאבריקל, וועלכער איז זיכער, אז ער לאזט ארויס די בעסטע שטאלענע קלינגלעך, כאטש די קוינים זיינען דאס נישט ווערט.

ווי זאגנדיק צו זיך: „איילן האסטו שוין נישט צו וואס“, האט, שיר נישט ווי א זייטיקער, זיי ביידן נאכגעקוקט דער פלעגמאטישער אכט־און־דרייסיק־יאריקער האנס מעסער, — א שוואב מיט פעדעמדיק־דינע טונקעלע האר און מיט זייער א ברייט און ווייבערש מאכשייפע־פאנעם. אנ־

דערש, ווי די יונגע פּרוסאַקעס לימקע און ברייטשייד, איז האַנס מעסער געווען נישט נאָר מיט זיין אויסזען. אַ האַלבער זשורנאַליסט, אַ האַלבער לײדיקגייער און, אין טאָך, אַ טיפּישער פּוילאַק, האָט ער פרי און אַף שטענדיק זיך אָפּגעריסן פון זיינע עלטערן — באַלעבאַטים פון אַ קליינער סיגאַרעטן־קראָם אין בײַערן, וואָס האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ „פּפאַרער"*). ווען און וויאַרום איז ער געוואָרן אַן אָפּגעלאָזענער פאַר־זעסענער באָכער — דאָס האָט ער קנאַפּ געדענקט. אין די יאָרן פון „וויי־מאַרער רעפּובליק" פלעגט ער, דער נישט געענדיקטער טעאָלאָג, אַלע זײַ־נע טעג און אָוונטן פאַטערן אין צוויי — דרײַ בערלינער קאַפעען. טומל־דיקע וויצלער און באַקענטע היים־דיסקוטירנדיקע דעמאָקראַטישע זשור־נאַליסטן פון פאַרשיידענע לענדער און פּעלקער פלעגן אים אַנטלײַען די פּאָר מאַרק אַף זײַן אָרעם קאַפע־אויסקומעניש. געזעסן איז ער דאָרט צווישן זיי האַלב־שלעפעריק מיט אַ שטענדיקן שוואַכן שמייכל, ווי אַף צו זאָגן:

— אָנגעלייענט און באַהאַוונט בין איך נישט ווייניקער ווי איר, נאָר צו וואָס זאָל איך זיך מיט אײַך שפּאַרן?

ער האָט זיך געפּוילט צו זידלען די צײַטונגען און זשורנאַלן, וואָס דרוקן אים אַזוי זעלטן, פּונקט ווי ער האָט זיך געפּוילט אַרויסצוזאָגן זײַן אומצופרידנקייט מיט דער אַרומיקער אָרדענונג — אַן אומצופרידנקייט, איבערגענומען בײַ זײַן פאָטער, דעם סיגאַרעטן־פאַרקויפער אין בײַערן. אַ האַלב־דרעמלענדיקער זײַטיקער צוקוקער איז ער געווען אין יענע יאָרן און שוין. אויפגעוועקט האָט אים די פאַשיסטישע איבערקערעניש. זײַן ווונטש, אַז ביסמאַרקס פּרינציפּ „מיט אײַזן און מיט בלוט" זאָל ווערן באַנײַט, פאַרשטאַרקט און פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, איז ווערט געווען אַ מאַיאָנטעק — אים האָט מען נאָך דעם זייער אָפט גע־דרוקט אין צײַטונגען און אין זשורנאַלן.

ווער האָט עס ערגעץ געשריבן: „דער פאַשיזם פאָדערט בלויז, מע זאָל מאַסקים זײַן מיט זײַן פּרינציפּ, ווײַטער גייסטו אים שוין אַליין נאָך טראָט נאָך טראָט"?...

האַנס מעסער קאָן זיך נישט דערמאָנען, — מעגלעך, אַז געשריבן האָט דאָס ערגעץ ער, האַנס מעסער, אַליין, פון זײַן אייגענער פּראַקטיק.

---

*) אַ דײַטשישער גאַלער.

ער איז נאָכגעגאַנגען: אויסראָטן פעלקער? — יאָ, אויסראָטן! טאָטאַלע מילכאָמע? — יאָ, טאָטאַלע מילכאָמע! קיין צייט אַף אַרומקוקן זיך איז נישט געווען.

נאָר אַט זיינען זיי, דריי דייטשן, געבליבן פאַרשפאַרט דאָ צווישן די קאַווקאַזער בערג. די מילכאָמע איז אַוועק נישט ווי מע האָט געמיינט. ער, האַנס מעסער, איז איינער פון יענע, וואָס ווייסן עס. ער, לימקע און ברייטשייד זיינען געבליבן אין די הענט פון אָט דעם רויִק־שווייַגנדיקן קאַווקאַזער באָכערל.

דאָס באָכערל קאָן מען, פאַרשטייט זיך, איינס און צוויי אַוועקהאַרגענען. נאָר וואָס וועט זיין די פּולע?

זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פונעם גוירל, וואָס דערוואַרט זייער צעמאַזיקטע אָפּטרעטנדיקע דיוויזיע און דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק, און יעדערער פון זיי איז דאָ, הייסט עס, שוין אונטערגעוואָרפן בלויז זיך אַליין.

— ניקס צו מאַכן! — האָט אַף אַלץ אַוועקגעמאַכט האַנס מעסער און האָט דאָס אייגענע די גאַנצע צייט ווי איינגעטייַנעט מיט זיך אַליין.

אינייִנעם מיט זיין שלעפעריקן צושטאַנד פון פאַר דער פאַשיסטישער איבערקערעניש האָט זיך צו אים אומגעקערט די פעיִקייט צו האָבן אַן אייגענעם געדאַנק, און געליטן האָט ער פון אָט דער „אומנוצלעכער פּראָדוקציע", ווי פון ווייטיקן, וואָס זאָלן האָבן צו אים זיך אומגעקערט נאָך דעם, ווי ער האָט שוין גאַנצע יאָרן געהאַט אין זיי פאַרגעסן.

— צום טייפל! — האָט ער אַרויסגעברומט, קרימענדיק די באַקן־מוסקולן, ווי אַ מעפונעק, — צום טייפל!

צווישן איין שלאָף און צווייטן איז ער גאַנצע שאָען געזעסן אַף זיין שטיין און, ווי אין קאַפע אַמאָל אין די צייטן פון „ווייַמאַרער רעפּובליק", געהאַלטן אין איין צוקוקן זיך. לויט זיין פאָרשטעלונג, איז דאָ אין שמאָלן געשלאָסענעם באַרג־שפּאַלט איבערגעכאַזערט געוואָרן אַלץ, וואָס אַף דער ברייטער וועלט קומט איצט פאָר אין זייער אַ גרויסן מאַסשטאַב. ער און ברייטשייד און לימקע — די אייַנשטעלער פון דער דייטשישער מעמשאָלע דורכן פּרינציפּ „מיט אייַזן און מיט בלוט" — מוזן דאָ מיט אַלערליי מיטלען איינברעכן דאָס באָלשעוויסטישע קאַווקאַזער באָכערל און זיך אַרויסראַטעווען פונדאַנען. ער, האַנס מעסער, וויל לעבן בלייבן, און ער, האַנס מעסער, איז אַלץ — קיין שום אַנדער אינהאַלט איז אין ערגעץ אונטערן

הימל נישטאָ. ברייטשייד און לימקע, זעט ער, ווילן גלייך אָנהייבן פּייניקן דאָס באָכערל. נישט מער, ווי מעכאַניזמען זיינען זיי געווען, און נישט מער ווען זיי שוין אַף שטענדיק פאַרבלייבן. ווילי ברייטשייד באַהערשט גלענצנדיק איינע אַ בעריעשאַפט: פון איין קלאַפּ מיט אַ האַרטן פויסט, וואָס ער דערלאַנגט גלייך אין פּאָנעם, לאָזט זיך דאָס בלוט איינציייטיק פון דער נאָז, פון מויל און פון ביידע אויערן און מע פאַלט אַוועק אַף אַ געוויסער צייט אין כאַלאָשעס. ספּעציאַליזירט אַף דעם האָט ער זיך, ווען ער איז נאָך געווען צווישן דער „היטלער-יוגנט". אויסגעפּרוווט האָט ער דעמאָלט אָט די בעריעשאַפט אַף די פּענעמער פון איינציקע יונגע אַרבע־טער, וועלכע ער פלעגט שפּעט אין אָוונט אומיסטן אָפּוואַרטן אַף לייפּצי־קער שמאָלע הינטערגעסלעך. מיט דעם וויל ער איצט אָנהייבן. ער פאַר־קוועטשט שוין דעם פויסט.

— אין קאָפּ — מוז אָנשרייען אַף אים האַנס מעסער — האָסטו אַ מאָגן, נישט קיין געהירן!

אין אָט דעם קליינעם פאַרשמעלערטן וועלטעלע דאָ אין באַרג-שפּאַלט קומט אויס אים, האַנס מעסערן, צו נעמען אַף זיך די גאַנצע פונקציע פו־נעם „דענק-אַפּאַראַט". דאָנער-וועטער! ער, דער אַכט-און-דרייסיק-יאָרי־קער, האָט פאַר דער פאַשיסטישער איבערקערעניש נאָך באַוויזן וועגן עפּעס זעלבסטשטענדיק אַ קלער צו טאָן.

— לאָזט אים זיך גוט אויסהונגערן און זיך גוט אויסלעכצן נאָך אַ טרונק, — דערוויף שטייט אייַנגעשפּאַרט האַנס מעסער, — זאָל ער פון זיך אַליין אַביסל ווייכער ווערן.

ער גייט אײַן, מע זאָל באַלד צוטרעטן אויספרעגן דאָס באָכערל, נאָר דערוויַיל — „טרוקן": נישט פאַרגעסן, אַז מע מוז אים פאַרהיטן אין אַזאַ צושטאַנד, ער זאָל נאָך קאָנען פונדאַנען אַרויספירן. פּול, ווי אַן אויג, האָט ער אָנגעשעפּט זײַן קווערטל דאָ אין דער סאַמע קוועלנדיקער ריטשקע און איניינעם מיט ברייטשיידן און לימקען זיך דערנענטערט צום באָכערל. נאָר יענער איז אַלץ געזעסן שווייַגנדיק אַף זײַן שטיין און האָט זיך נישט געכאַפּט נעמען דאָס אויסגעשטרעקטע קווערטל וואַסער. צי הייסט עס נישט, אַז אים גייט אָן, וואָס וועט מען דערפאַר באַ אים פאָדערן? גו גוט, מיט פיל איבערגעכאַזערטע ווערטער און ווינקען האָט מען אים גע־געבן צו וויסן, אַז ער דאַרף דערפאַר בלויז אויסזאָגן:

— וואָס האָט ער אין דאַרף באַם אַרויסגיין פון שטוב געזאָגט דער פרוי אין דער שוואַרצער שאַל?

פאַרטאַראַמט און אומגעדולדיק האָבן געקוקט אַף אים אַלע דרײַ דײַטשן. פיל מאָל האָבן זיי איבערגעכאַזערט די פראַגע, נאָר ער האָט זיך אַלץ נישט געאײַלט ענטפערן. אַף אַ רגע איז פון זײַנע ברעמען אַראָפּגעפאַלן די מינע פון ברויגעזער אָנגעשטרענגטקײַט. ער האָט אויפגעהויבן אַף די דײַטשן זײַנע אָוואַלע אויגן — טונקל-גרויע, אומעטיקלעך-פאַרשמאַכטע און דאָך גלאַנצנדיקע. זײַנע שוואַרצאַפּל, פאַרצויגן אַ קאַפּעלע אַרויף, זײַנען גרייט געווען אויסצובאַהאַלטן זייערע פאַרטראַכטע פײַערלעך אונטער די אויגן-לעפּלעך. זײַנע פאַרטריקנטע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן באַ די מויל-ווינקלען און זיך דאָך נישט אויפגעמאַכט. דערמאָנט האָט ער זיך, ווי די פרוי אין שוואַרצן שאַל האָט שטיל אַ וויין געטאָן, ווען זי האָט דערהערט זײַנע קורצע געזעגנס-ווערטער: „מאַנאַנאַ, געדענק... דאָ בלײַבט מײַן מאַמע“. דערמאָנט האָט ער זיך אין דעם און... נישט צום איבערטראָגן ווייי געטאָן האָט פון אומקערן זיך בלויז מיטן געדאַנק צו אָט די ווערטער ווענן דער מוטער.

— אַהאַ... ער שווײַגט!

צו אים האָט זיך געריסן ווילי ברייטשייד:

— פאַרוואָס האָסטו צו דער פרוי גערעדט אַזוי שטיל?

דער סטודענט גאָדאַשווילי האָט זיך פאַרטראַכט: „נו יאָ... ווען מע זאָגט אַרויס אין אַזאַ פאַל דאָס וואָרט „מאַמע“, שרײַט מען נישט. נאָר צי קאָנען עס דען פילן אָט די־אָ!“ וויפל מאָל אים איז נישט אויסגעקומען זיך צו צוזאַמענשטויסן מיט „זיי“ אַפן פראָנט, ווי נאָענט ער האָט „זיי“ דאָרט לעבן זיך נישט געזען, איז נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק ווי איצט נישט דערגאַנגען צו אים זייער גיוועזקײַט. אין זײַנע אויגן וואָס האָבן אַרויפגעקוקט צו די דײַטשן, האָבן זיך שטאַרקער אָנגעצונדן די פײַערלעך. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. הערבערט לימקע האָט נישט באַוויזן אַ שעפּטשע טאָן: „ווילי, גרייט צו דײַן פויסט“, ווי מיט דער קני פונעם הינקענדיקן פוס האָט דער סטודענט דערלאַנגט ברייטשיידן אַ זעץ אין בויך אַרײַן און אים אומגעוואַלגערט.

— וואַרט! — האָט אַ געשריי געטאָן האַנס מעסער און האָט אויסגעצויגן ביידע הענט, אַף נישט צוצולאָזן קיינעם צום סטודענט.

פריער אביסל, ווען מיטן פולן קווערטל וואסער אין האנט איז ער גע־שטאנען אקעגן באכערל און האט אלץ טיפער זיך איינגעקוקט אין זיינע אויגן, האט ער אונטער אלע זייערע מידע שאטנדלעך פלוצעם דערזען עפעס אזוינס, וואס האט אים געגעבן די האפענונג: „דאס באכערל קאן מען איינבייגן, ער זאל ארויספירן פון די בערג״. ער מוז נאכאמאל זיך גוט איינקוקן אין אט די אויגן, קעדיי צו דערגיין, וואס האט ער אזוינס אין זיי געזען.

— ווארט, ווארט. — האט ער אלץ געשעפטשעט, נישט אראפלאזנדיק די צעשפרייטע הענט.

נאר ברייטשייד — מאמעש אן אנגעצויגענער מעכאניזם — האט שוין באוויזן אויפצושפרינגען און האט שוין צעווייגט זיין פארקוועטשטן פויסט. פון אונטער מעסערם אקסל האט ער אפגעלאזט דעם קנאק, און מיט א בלוט־פארגאסן פאנעם האט דאס באכערל א פאל געטאן אין כא־לאשעם. לאנג און בייז האט נאכדעם האנס מעסער געדלובעט ברייטשיידן:

— דומער בענגל! דומער בענגל! קיין זאך גיט מען נישט אזוינעם, ווען ער וויל עס, אפילו נישט — קלעפ... האסט עס באנומען?

און דעם גאנצן נישער טאג האט ער אלץ זיך געבראכן דעם קאפ, וואס אזוינס האט ער דערזען אינעם באכערלס אויגן, איידער ברייטשייד האט אפגעלאזט דעם קנאק, און וואס אזוינס האט אים דעמאלט געגעבן די האפענונג, אז דאס באכערל קאן מען איינבייגן.

— 3 —

אויפגעוואכט פון כאלאשעם, האט דער סטודענט גאדאשווילי זיך נישט געאיילט עפענען די אויגן. שאלעם ווערן באניים א קאן מיטן גע־דאנק וועגן אומקערן זיך צו א לעבן, וואס פארטראגט גאר, אז אזעלכע, ווי אט די דייטשן, זאלן זיין אפ דער וועלט, איז געווען פונקט אזוי שווער, ווי שאלעם ווערן מיטן געדאנק וועגן אוועקגיין גאר אינגאנצן פונעם לעבן.

און גראד בא אים, דעם סטודענט גאדאשווילי, איז דאס לעבן געווען א קאפעלע מער אנגעלייגט, ווי בא אנדערע. ער איז ביכלאל געווען א קאפעלע מער היציק, א קאפעלע מער פעיק, א קאפעלע מער פאראקשנט, מער שטאלץ, ווי פיל אנדערע. דאס דאזיקע „קאפעלע מער״ איז אים פון

קינדוויַיז אָן נאָכגעגאַנגען פּוסטריט — ס'האָט געשטאַמט פון זײַן היים, פון די בערג.

פרעגט באַ קינדער, ווער פון זיי האָט מער כיישעק צו אַ לעבעדיק לאַשעקל. איטלעכס קינד וואָלט זיך געאײַלט אַ געשריי צו געבן „איך!". פונקט אַזוי וואָלט דער סטודענט גאָדאַשווילי ערגעץ טיף אין זיך גע־אײַלט אַ געשריי צו טאָן „איך!" באַם דערהערן די פראַגע: „ווער האָט שטאַרקער, ווי אַלע, ליב זײַן לאַנד?"

נישט וויייניק יונגע באָכערימלעך זײַנען באַ זיך אין דער היים גע־בונדן דעריקער מיטן פאָטער, און יעדן פון זיי דאַכט זיך, אַז גראָד אים האָט אָפּגעגליקט צו האָבן דעם בעסטן פון אַלע טאַטעס. דער סטודענט גאָדאַשווילי האָט געקענט אַזעלכע. נאָר דאָס האָט אים דאָך אין קיין פאַל נישט צעשטערט זײַן געפיל, אַז זײַן טאַטע — דער געניטער גערטנער אין אַאול, איז דער סאַמע ־קלוגער, סאַמע ערנסטער און סאַמע ווילער (און נישט נאָר צווישן די קאַווקאַזער בארג־ייִדן): נאָך אַזאַ טאַטע איז גאָר נישטאָ אַף דער וועלט!

געווען איז דער פאָטער זײַנער נאָך אַביסל פרום, ווי פיל אַנדערע בארג־ייִדן, אַ שטרענגער און געצווימטער באַ אַרויסזאָגן די סאַמע וואַ־רעמסטע טאַטע-געפילן. די באָרד פלעגט ער נישט גאָלן, נאָר שערן — אַ שוואַרצע, האַרטע און שטעכיקע באָרד. און דאָך איז אין דער קינדהייט געווען אַ גרויס פאַרגעניגן צו רײַבן זיך אין איר מיט אַ בעקל. טוליעסט זיך צו איר מיט אַזאַ געפיל, ווי דו זאָלסט זיך טוליען צו עפּעס באַשטענ־דיקס און פעסטס, שיר נישט צו אַליץ, צוליב וואָס אַף דער וועלט לעבן מענטשן. אים, דעם זון זײַנעם, דעם געקומענעם פון פראָנט, האָט ער גע־הייסן אַוועקגיין פון דער סאַקליע, ווי נאָר די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין אַאול — מאַמעש אים געטריבן: „גיכער! איך בין עס אַף דיר גוויזער ביג־זייראַס־אָוו! אין דײַן פאַרוווּנדעטן פוס וועלן זיי דערקענען, אַז דו ביסט געקומען פונעם פראָנט".

אין ערשטן טאָג, ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער אים, דעם זון זײַנעם, געשריבן:

„און עס איז געווען, ווען באַ טישן, פול מיט גוטס, זײַנען געזעסן זין און טעכטער, און פון דרײַ זײַטן איז פּלוצלינג אָנגעפאַלן דער סוינע. און

פאַרטראַכט האָט מען עס אין אוראַלט בלויז אַף צו באַמאָלן מיט דעם איִעווס צאָרעס, און פאַסירט האָט עס איצט".

און אָנגעקומען איז דעמאָלט זייַן בריוו דעם סטודענט גאָדאַשווילי קייַן מאָסקווע, אינעם אינסטיטוט, וווּ ער האָט געלערנט. און געווען זייַנען דאָרט צווישן די סטודענטן נישט ווייניק אַזוינע, ווי ער, — יעדערער איז טיף זיכער, אַז דאַווקע זייַנע עטלעכע נאָענטע אינסטיטוט־כאַווײרים זייַנען עס די בעסטע, די קליגסטע, די ווּילסטע צווישן אַלע סטודענטן, און דאָס האָט אים דאָך נישט געשטערט צו זייַן טיף זיכער, אַז די בעסטע, די ווּילסטע אין גאַנצן אינסטיטוט זייַנען דאַווקע זייַנע דרייַ נאָענטע כאַווײרים: דאָס איז דער לאַנגער גוסיעוו, וואָס אַז ער גייט מיט אַ געוויינלעכן שפּאַן, דעריאָגט אים קוים זייַן מיידל אַף איר וועלאָסיפּעד; דאָס איז דער ווערטלזאָגער קאָסטיאַ, וואָס האָט טויזנטער באַווייַזן, אַז קעדיי האַנאָע צו האָבן פון איינעם אַ דיאַמאַט־לעקטאָר אין אינסטיטוט, דאַרף מען פּריער, פּונקט ווי ער, קאָסטיאַ, אָפּאַרבעטן עטלעכע יאָר אין דער אַרקטיק; דאָס איז דעם קאַלכאָזניקס זון, דער אַקראָבאַט אַקסענטיעוו, וואָס איז געקומען אין שטאָט זיך לערנען געשיכטע. אינאיינעם מיט זיי איז דער סטודענט גאָדאַשווילי אין די ערשטע מילכאָמע־טעג אַוועק אַפן פראָנט. און עפּעס גוטס איז געווען אין זייער האַלטן זיך איניינעם אויך דאָרט. און עפּעס שטאַרקנדיקס איז געווען אין זייער צונויפגעגאָסענער ליבע צום לאַנד און סינע צום סוינע.

און נאָכגעצויגן האָבן זיי מיט דעם פיל אַנדערע אין די סאַמע שווערע שלאַכטן.

און ווייַל צוויי פון זיי האָבן געהייסן ליאָווואַ, האָבן זיי דאָרט באַ זייער קאָמאַנדיר געהאַט אַ צונעמעניש „די לייבן".

און פאַרלוירן האָבן זיי דאָרט ביסלעכווייַז איינער דעם צווייטן אין די שלאַכטן.

און געשטאַרקט האָט זיך אַלץ די בענקשאַפט אַהיים, צום פריערדיקן לעבן, און פאַרטריבן איז זי אַלעמאָל געוואָרן דורך אַ נייַעם סינע־שטראָם צום סוינע.

פון פיל זאַכן האָבן אויסגעניכטערט אָט די עלף כאַדאָשים קעסיידערדיקע שלאַכטן מיט די דייַטשן. שטעכיק און ליב, ווי דעם טאַטנס באָרד, איז געוואָרן דאָס שלאָגן זיך פאַרן לאַנד.

מיט אָרדענס אַף דער ברוסט און מיט נישט קיין אויסגעהיילטער וווּנד אַף איין פוס האָט מען אים אָפּגעלאָזט זיך זען מיט די עלטערן, און שווער איז דעמאָלט שוין געווען דער וועג אַהיים, אין די בערג. ער האָט קוים באַוויזן אַהין צו קומען, ווי די דײַטשן האָבן זיך גענומען רייסן אַלץ טיפער קיין קאַווקאַז, און אומקערן זיך פון דער היים צוריק אַפן פראָנט איז שוין געווען אוממעגלעך, און געטראָפן האָט דאָס, וואָס האָט גע־טראָפן:

דרײַ פון די אָפּטרעטנדיקע דײַטשן האָבן מיט אומגעהייערן אומפּעט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן פאָטערס סאַקליע. מיט אַ מעשונעדיקער ווילד־קייט, גאָר נישט צו גלויבן, אַז זי קאָן געמאָלט זײַן, האָבן זיי מאַמעש אין געציילטע מינוטן צעטראָטן אין לעבן אַלץ, צו וואָס ער, דער סטודענט גאַדאַשווילי, איז נאָך פון קינדווײַז אָן געבליבן צוגעבונדן שיר נישט מיטן נאָפּל.

פונדעסטוועגן איז באַ זיי רעכט צו פאָדערן פון אים, ער זאָל זיי אַרויספירן פון אַט דעם באַרג־שפּאַלט, וווּהין ער האָט זיי פאַרפירט אַף אומצוקומען מיט זייי איניינעם, און רעכט איז באַ זיי, אַז זיי וועלן זיך דערשלאָגן, ער זאָל עס טאָן. פון זייערע פאַרלאַנגען איפּעשט מיט פאַר־ברעכן, ווי פון אַ היִענע איפּעשט מיט נעווײלע.

אַפן פראָנט איז אים אויסגעקומען אַרײַנצוקוקן אַזוינע־אַ פון נאָענט אין פּאָנעם. ווײַל ער קען אַביסל דײַטש, פלעגט מען אים אָפט רופן אויס־פרעגן געפאַנגענע. און טאָמיד איז אים דאָס געווען ביז גאָר דערווידער, און אוועק פלעגט ער נאָכדעם אַלעמאָל טיף זיכער, אַז מיט „זיי“ איז נישטאָ קיין אַנדער שפּראַך, כויץ געווער, וואָס נעמט אַ לעבן פאַר אַ לעבן. ט'האָט ער צו אָט די דרײַ אין באַרג־שפּאַלט געזאָגט: „אָן אָפּענער קאָן! איך בין אַ באַרג־מענטש — אָ! דרײַ אײַערע לעבנס פאַר מײַן לעבן“. די סאַמע געמיינסטע באַשעפעניש מאַכט אין אַזאַ פאַל אָן עק, און די־אָ מיינען דאָך זיך ראַטעווען — נישט מיט קויעך, איז מיט נידעריקייט. קיין מער נידעריקן סאָרט באַשעפעניש ווי זיי קען מען זיך גאָר שוין אַפילע נישט פאָרשטעלן.

דער סטודענט האָט זיך דערמאָנט, אַז די דײַטשן האָבן דאָ אַ פּאָר מאָל זיך שוין געקריגט צווישן זיך, און אין אים האָט איבער עפּעס פלו־צעם אַ צאַפּל געטאָן די האָפענונג צו געפינען זיך ווידער אַפן פראָנט און

ווידער אָוועקגעקומען באַ אַזוינע־אַ לעבנס און לעבנס — דאָ האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „געשיקט זיך, דאָס זאָל נאָך זײַן מעגלעך?״

דינע גאָלדענע שפּיזלעך האָבן אין טיפֿן באַרג־שפּאַלט שוין געהאַט געדרעליעוועט די אָוונט־בלאָקײַט, ווען דער סטודענט גאָדאַשווילי האָט אויפֿגעוואַכט פֿון די לעצטע שפּורן פֿאַרכאַלעשטקײַט. דאָס האָט די שײַן פֿון דער אויפֿגעגאַנגענער לעוואָנע ווי שפּיזלעך זיך געגליטשט איבערן שטאָלענעם גלאַנץ פֿון נאָענטן פֿליסיקן וואַסערל און מיט צעבראָכענע זיגזאַגן געזונקען דאָרט אין דער טיף.

צו זײַנע אויערן איז דאָ צום אַלעמערשט דערגאַנגען דער קעסיידער־רויִקער געמורמל פֿונעם קילן וואַסערל, און ער האָט אַ ווײַלע זיך אײַנגעהערט און אָקאָרשט נאָכדעם זיך דערמאָנט אָנעם פֿאַרטריקנטן בלוט באַ זיך אויפֿן פּנים.

— שלום! — האָט צו אים דערגרייכט אַ צערייצטער געשריי פֿון איינעם פֿון די דײַטשן.

אָפּגעוואַרט אַ רעגע און נאָך אַלץ נישט באַנומען, צי דאָס מיינט מען אים, האָט ער ערשט איצט ווי געהעריק דערפֿילט דעם ווייטיק אינעם צעשלאָגענעם פּנים. צו אים האָט זיך געריסן ברייטשייד, וועמען אָפּגעהאַלטן האָט מיט קראַפֿט האַנס מעסער.

— לאָז מיך צו אים צו! — האָט געבונטעוועט ברייטשייד, — נישט אײַנבייגן אָט דעם־אָ?! — שיר נישט אַ גאַנצע וועלט געשטעלט אויף די קני.

די לײדן באַם דערהערן אָט די ווערטער האָבן אויף אַ רעגע ווידער פֿאַרטעמפּט באַם סטודענט גאָדאַשווילי די ווייטיקן — דאָס האָט ער זיך דערמאָנט, אַז איינער פֿון אָט דער „שיר נישט אַ גאַנצע וועלט״ איז זײַן דערהאַרגעטער פֿאָטער, און אַזוי שטאַרק האָט באַ אים צום פֿאָטער אַ נאָג געטאָן אין האַרץ. בווילעט ביז גאָר איז דעם פֿאָטערס געשטאַלט אויפֿגעשווומען אינעם סטודענטס זיקאָרן, קימאַט באַשײַנפּערלעך האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי האָט אויסגעזען זײַן פּנים, בעיים די דײַטשן האָבן אים געשלאָגן, ער זאָל זיי אַרויספֿירן פֿון די בערג. ער האָט עס נישט געטאָן, זיי האָבן אים דערהאַרגעט, נאָר אויף די קני האָבן זיי אים פֿאַר זיך נישט געשטעלט. „ס'אַ ליגן! — האָט געטראַכט דער סטודענט גאָדאַש־

ווילי. — און אויך די גאַנצע וועלט... זיי האַרגענען זי, נאָר אַף די קני שטעלן זיי זי נישט. ס'אַ ליגן! ס'אַ ליגן!"

און דער לעצטער געדאַנק האָט באַרויִקט, ווי נאָך גאָר אַמאָל דעם פּאַטערס אַ גלעט איבערן קינדערשן קעפּל. נישט געבנדיק זיך קיין מינוט ריר אַפן אָרט, ווו ער איז געלעגן, האָט ער גענומען זיך אײַנהערן, וועגן וואָס אַמפּערן זיך באַנײַס אַ קאָן די דײַטשן, און ווידער האָט אין אים אויפגעלעבט עפּעס אַ האָפענונג.

— 4 —

ווילי ברייטשייד האָט אַף באַנאַכט געדאַרפט אַוועקגיין אויסשפּירן, צי קאָן מען זיך פּאָרט נישט אַרויספּלאָנטערן פון די בערג אָן קיינעמס הילף. איינער אַליין האָט ער זיך געזעצט פּראָווען זײַן סודע, זיך גע־קאַרגט דעם ביסן און אויסגעוואָרפן לימקען, אַז ער האָט אומיסטן מיט־אַמאָל אויפגעפרעסן אַלץ, וואָס ער האָט באַ זיך געהאַט:

— קלערסט וואָס גיכער זיך נעמען צום עסנוואַרג אין מײַן רוקזאַק, ווי?...

בייז האָט לימקע אָנגעקוקט ברייטשיידן און געטאָרקעט האָנסן:

— הער נאָר, הער נאָר!

פאַר האַנס מעסער האָט געהאַט אַ זינען נישט אַרויסצוווײַזן באַלד, ווענענס צאַד ער נעמט אָן — זאָל פריער קלאָר ווערן, ווי וועט ברייט־שייד זיך פירן מיט אים, האַנסן, אין ווענענס פעקל ס'איז צו יענער צײַט שוין אויך אײַנגאַנצן אויסגעגאַנגען דאָס עסן.

— און אין וועג גאָר נישט קלערן וועגן יאַגד, — האָט ער מאַדריך געווען ברייטשיידן, — מיט אַ שאָס אין די בערג וועסטו ברענגען אַהער פון גאַנץ ווײַט פּאַרטיזאַנער אָדער רויטאַרמייער. אויב עס וועט זיך מאַכן אָנפאַלן אַף עמעצן, איז נאָר מיט קאַלט געווער.

ער איז פּאָרט, דער רועך זאָל עס נעמען, געווען דאָ דער „דענק־אַפּאַראַט".

נאָר אָט האָט ברייטשייד האַרט פאַר זײַן אַוועקגיין אין די בערג פאַר־בונדן זײַן רוקזאַק אַף אַלע בענדלעך און קניפּלעך און אים אָפּגעטראָגן אין אַ זײַט מיט צופיל אימפּעט — אַ בעפיירעשע אָנצוהערעניש, אַז אָן אים זאָל קיינער דאָ צו זיין עסנוואַרג זיך נישט צורירן. אויב אַזוי, וועט

האַנס מעסער זיך נישט כאַפּן אים דערציילן, אַז אין באָכערל גאָדאַשווילים אויגן האָט ער באַמערקט עפּעס אַזוינס, וואָס גיט האָפענונג, און אויב ער וועט זיך צו עפּעס דערטראַכטן, וועט עס געהערן בלויז צו אים, האַנסן, פּונקט ווי דאָס עסנוואַרג אין ברייטשיידס זאַק געהער בלויז צו ברייטשיידן. צערייצט האָט ער נאָך ברייטשיידס אַוועקגיין אײַנגעשטעלט דעם וואָרטשענדיקן לימקען:

— האַלט ס'מויל!

דעמאָלט האָבן ביידע דײַטשן, ווי גלײַך ס'איז גאָרנישט נישט געשען, גענומען לויט דער ריי היטן, אַז דאָס באָכערל זאָל נישט אַנטלויפן און קיין טרונק נישט טאָן. און ביידע האָבן עס געטאָן ערנסט, לויט אַלע דיסציפּלין־דינים, אַקוראַט ווי היטן וואָלטן זיי דאָ שיר נישט אַלץ, וואָס האָט זיי פון איבער טויזנטער מײַלן געבראַכט אַהער אין די בערג.

מיט אַ מינע פון פאַרביטערטקײַט אַפן פּנים איז האַנס מעסער דאָ געזעסן אַף זײַן שטיין און פון צווישן פאַרקוועטשטע ליפּן אָפּטמאָל אויסגעברומט זײַן בייזן „צום טײַפל!". גערייצט האָט אים דאָ קעסיידער דער הונגער, וואָס ער לײַדט, די סאַקאָנע, אין וועלכער ער געפינט זיך, און אַפילע שוין די מעשונעדיקע אָוונט־שײַן אין אָט דעם פאַרשאָלטענעם באַרג־שפּאַלט, פונוואַנען מע קאָן נישט אַרויס. אַ לעוואָנע, דער רוועך זאָל עס נעמען, שײַנט דאָ אַף די בערג אַזוי, ווי אַף דער וועלט וואָלט שוין געווען גאָר לאַנג נאָך דער מילכאָמע און נאָך די דײַטשן און נאָך זייער וועלט־הערשאַפט. דו זיצסט, קוקסט און טראַכסט, און אַלץ אָן שום נוצן.

„די אויגן דינען דעם עכטן אַריער — געדענקט ער פון ערגעץ אַ בוך צי פון אַ לעקציע — נאָר אַף צו קוקן, פּונקט ווי די אויערן דינען אים נאָר אַף צו הערן מיט זיי, דעמאָלט ווען בײַ מענטשן פון נידעריקע ראַסן קריכן גלײַך אַרײַן אין די אויגן אַלע זייערע געפילן, און זיי שטייען פאַר דיר נאַקעטע מיט אַלע זייערע אינטימסטע איבערלעבונגען, צום בײַשפּיל, די אויגן בײַ יידן".

ס'איז אַלץ קעגן דעם אויסדרוק אינעם באָכערלס אויגן. מיט וואָס אַזוינס האָבן זיי אים, האַנסן, געגעבן די האָפענונג, אַז דאָס באָכערל וועט אַרויספירן פונדאַנען? אַן ענלעכן אויסדרוק אין די אויגן, דערמאָנט זיך האַנס מעסער, האָט געהאַט איינער פון די אויסלענדישע זשורנאַליסטן אין יענעם קאַפע, וווּ ער פלעגט אין די יאָרן פון דער „ווײַמאַרער רעפּובליק"

שלעפעריק פּאַטערן זײַנע טעג און זײַנע אָוונטן. יענער איז געווען אַ ייִד — אַ הומאָריסט, אַ קלייניווּקסיקער, זייער אַ באַרימטער און זייער אַ באַ־שעפּטיקטער.

— איר זיצט שוין אָפּ, ווי איך, אַ גאַנצן טאָג דאָ אין קאַפע, — האָט צו אים איינמאָל שפּעט אין אָוונט געזאָגט האַנס מעסער, — פון אינדערפרי אָן, זע איך, זיצט איר איינער אַליין דאָ אין ווינקל אָפּן די־וואַן. וואָס טוט איר דאָ?

— וואָס איך טו דאָ? — דער זשורנאַליסט האָט אַ ווײַלע געקוקט אַף אים. — נעכטן, פאַרשטייט איר מיך, הער מעסער, האָט איר די פינף מאַרק אַף אײַער שניצל גענומען בײַ מיר, איז דאָס קוק איך, בײַ וועמען וועט איר זיי נעמען הײַנט. — דאָ האָט ער אַרויסגענומען זײַן געלט־טאַש און אים געעפנט פאַר האַנסן.

— וויפל דאַרפט איר, הער מעסער, איר זאָלט זײַן הײַנט אַ גאַנצע נאַכט גליקלעך? נעמט, איך בעט אײַך, און האָט אַף מיר קײַן פאַריבל נישט. בײַ מיר אין דער היים, ווייסט איר, איז געשען אַ גרויסער פאַמי־ליען־אומגליק. כ'האָב געהאַט איין־איינציק קינד... זייער אַ ווויל מיידל געווען... — און אין זײַנע אויגן האָט זיך באַוויזן עפּעס מער ווי ווײ־טיק, און מער ווי לײַדן, און געווען איז עס עפּעס אַזוינס, וואָס בײַ היטלעריסטן אין די אויגן באַווײַזט זיך עס קיינמאָל נישט. געווען איז עס . . .

און פּלוצעם האָט האַנס מעסער באַנומען, וואָס אַזוינס ער האָט דערזען אינעם באָכערלס אויגן.

אינעם באָכערל לעבט איינס אַ געפיל, וואָס קײַן שום שפּורן דער־פון איז נישטאָ נישט בײַ ברייטשיידן מיט לימקען, נישט בײַ אים, האַנסן, און נישט בײַ קיינעם פון די מיליאָנען דײַטשן, וואָס דאָס „דריטע רײַך" איז זיי ליב, — און דאָס דאָזיקע געפיל קוקט אַרויס מיט פאַרטראַכטע פײַערלעך פון זײַנע אויגן — דאָס איז מיטלײַד, און דאָס קאָן ראַטעווען אים, האַנסן. קײַן אַנדער רעטונג זעט זיך נישט אַרויס, און די דאָזיקע רעטונג קער צו אים, האַנסן, ווײַל ער האָט זי אינעם באָכערלס אויגן דערזען.

איבערגענומען די וואָך בײַ לימקען, וועלכער איז גיך אַנטשלאָפן גע־וואָרן, האָט ער דאָס מאָל זיך נישט אָוועקגעשטעלט לעבן באָכערל מיטן

רעוואָלווער אין האַנט — זאָל באַם באָכערל זיך באַקומען דער אײַנדרוק, אַז האַנס פירט זיך מיט אים ווייניקער שטרענג און ווייניקער גראָב, ווי די איבעריקע צוויי דײַטשן. אַוועק איז אַ שאָ און מער, און ער איז נאָך אַלץ, ווי פריער, געזעסן דאָ נישט ווײַט אַף זײַן שטיין און זיך אַלץ אײַנגעזויגן מיט די אויגן אינעם ליגנדיקן באָכערל ווי אינעם אײנציקן מיטל צו בלײַבן לעבן. אַלע מאָל האָט ער באַנײַיס דורכגעשפּאַנט פאַרבײַ דעם סטודענט, קעדיי אים אַרײַנצוקוקן אין די אויגן: „פאַראַן אין זיי פאַרטראַכטע פײַערלעך, וואָס האָבן אים, האַנסן, געגעבן די האָפענונג אַף רעטונג? — יאָ, פאַראַן!”

אַזוי האָט פּאַמעלעכקע זיך גערוקט יענע נאַכט. די לעוואָנע האָט אַלץ באַלויכטן דעם באַרג־שפּאַלט אַזוי, ווי ביז הײַנט וואָלט קיין וועלט נישט געווען. און קײן לעוואָנע וואָלט נאָך קײנמאָל נישט געלויכטן. בלוילעך־געלע שײַנען האָבן ווי רויכלעך זיך געטראָגן צו פאַרטונקלטע פעלדזן פון פאַרשידענער הייך און זיך אָפּגעשלאָגן פון זיי ווי פון פילקאַנטיקן קרישטאָל, און פון דעם האָט האַנסן געשלעפערט אָן אויפהער און שטאַרק ווי פונעם שטאַרקסטן שלאָף־געטראַנק. אַף איין רעגע בלויז האָט ער זיך מאַטיר געווען צומאַכן די אויגן.

ווען ער האָט די אויגן נאָכדעם צוריק געעפנט, האָט ער גיך אַ זוך געטאָן דעם שטיין, פון וועלכן ער האָט אין שלאָף זיך אַראָפּגעגליטשט.

די בלוילעך־געלע רויכלעך האָבן שוין געהאַט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, און באַ זייער שײַן, ווי באַם שײַן פון פילקאַנטיקן קרישטאָל, האָט ער דערזען, אַז דאָס באָכערל פויזעט אָפּ פונעם נאָענטן מורמלענדיקן וואַסערל, — ער באַמערקט אים, האַנסן, טוט זיך אַ הייב אונטער אַף בײדע הענט. ער בלײַבט אַזוי פאַרגליווערט, נאָר פאַרפאַלן — ער האָט זיך אָנגעטרונקען... בײדע זײַנען זיי אַזוי אַ ווײַלע געבליבן צוגעשמידט צום אָרט — דער יונגער באַרג־מענטש אַף די אונטערגעהויבענע הענט און דער דײַטש מיטן רעוואָלווער אין האַנט.

— צוריק אַהין... אַף דײַן אָרט! — האָט דער דײַטש באַפוילן מיט ווינקען, ווי באַ אים אין דער היים באַפוילט מען הינט.

באַהאַלטן דעם רעוואָלווער, האָט ער צום באָכערל זיך דערנענטערט זייער פּאַמעלעך און אַ ווײַלע געקוקט אַף אים, בלײַבנדיק אָנגעבויגן מיט

אַרונטערגעלייגטע הענט און מיט אַ פּאָנעם, ווי באַ אויסזאָגן אַ סאָד ווען אַן אָפּגעטאָגנענעם שפּיצל.

— כ׳האָב געזען... האָסט זיך אָנגעטרונקען, — האָט ער מיטפּילנ־דיק צוגעוווּנקען, — כ׳וועל מײַנע נישט אויסזאָגן... זײַ רויק.

אַך! אים, האַנסן, האָט מען דאָ פאַרשפּאַרט עפּעס צעקײַען. „אין קאָרסיקע — האָט דאָס באָכערל פאַרצייכנט אין זײַן העפטל — פלעגן די רוימער זיך באַשעפטיקן מיט יאָגד אָפּן מענטשן”. פאַרשריבן האָט ער עס אַוואָדע פון מיטגעפיל צו אָט די מענטשן, וועלכע די רוימער פלעגן כאַפּן און פאַרקויפן אַף די קנעכט־מערק. עפּשער ווייסט נישט דאָס באָ־כערל, אַז באַ די אַלטע רוימער איז מיטגעפיל דאָך נאָך געווען אַ פּאַק־טאָר אין די באַציִונגען צווישן מענטשן. נאָר ער, האַנס מעסער, ווייסט עס, אַ רוימער האָט געקאָנט זאָגן צו זײַן קנעכט: „דין מיר גוט, וועל איך דיך נאָכדעם פרײַ לאָזן”. און דאָס הייסט: האָט מיטלײַד צו מיר, וועל איך האָבן מיטלײַד צו דיר. דײַטשן פון „דריטן רײַך” קאָנען אַזוינס נישט טאָן.

און נישט נאָר דײַטשן פון „דריטן רײַך”. פון זײַנע יינגסטע שול־יאָרן געדענקט זיך האַנס מעסער איינמאָל אינײַנעם מיט זײַן פאָטער אַף אַ ווימלדיקן שטאָט־פּלאַץ. אינעם אויסגעשטרעקטן היטל פון אַ בלינדן האָט דאָרט ער, דער קליינער האַנס, אַרײַנגעוואָרפן אַ פּאָר גראָשן און גלײַך באַקומען דערפאַר פונעם פאָטער אַ הייסן פּאַטש און אַ באַפעל: „די רעגע אַרויסנעמען צוריק פונעם בלינדנס היטל די אַרײַנגעוואָרפענע פּאָר גראָשן!”. האַנס מעסער האָט געגעבן אַ לאַנגן גענעץ און זיך דער־מאָנט, ווי אַזוי ער האָט דעמאָלט די פּאָר גראָשן פונעם בלינדנס היטל צוריק אַרויסגענומען.

— יאָ, אַזוי איז עס.

דערנאָך האָט ער אויפגעוועקט לימקען, אים איבערגעגעבן די וואַך לעבן באָכערל און זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג כאָטש אַ פּאָר שאָ אין שלאָף נישט זען אָט די מעשונע־מאָדנע באַלויכטונג דאָ אין פאַרשאָלטענעם באַרג־שפּאַלט און נישט פילן דעם קעסיידערדיקן נאָגנדיקן הונגער.

— 5 —

ווידער האָט לימקע געהיט דאָ אין באַרג־שפּאַלט דעם יונגן געפאַנגענעם מיט אַלע טאָגן פון שטיין באַנאַכט אַף דער וואַך.

אויסרעדן אַ וואָרט איז אין אַזויגע פאַלן פאַרווערט, און דער רויטער לימקע איז נישט פון יענע, וואָס וועלן די ערשטע אויוועק זײַן אַף אַ פאַרבאָט. אַן אַנדער זאַך איז טראַכטן: — „לאַנג וועט שוין נישט נעמען, און אָט דער־אָ וועט דאָ ליגן בלײַבן אַף שטענדיק מיטן ביילעק אַראָפּ".

צי טראַכט וועגן עפּעס אויך דער יונגער באַרג־מענטש, — דאָס איז לימקען לעגאַמרע נישט אָנגעגאַנגען. ווער עס איז באַלעבאָס, יענער טראַכט. אַזוי איז לויט לימקעס באַנעם אײַנגעשטעלט די וועלט. אַזאַ, שוין אַ פאַרטיקער, איז ער מיט אַ יאָר צען צוריק אָנגעקומען פון דאָרף אין שטאָט אַרײַן פאַר אַ שאָפער. געטראַכט האָט דער רײַכער פאַבריקאַנט, דאָקטער גרעצינגער, געטראַכט האָבן דעם פאַבריקאַנטס פרוי דאָקטאָר מיט אירע קינדער און געסט, וועלכע לימקע פלעגט אָפּט פירן פון דער רײַכער ווילע אין שטאָט אַרײַן, און ער, לימקע, האָט בלויז געהאַלטן די אויגן אין די הענט, אַז די טײַערע מאַשין זאָל גיין פונקט ווי עס דאַרף צו זײַן. וועגן וואָס האָבן זיי געטראַכט? — בעכיירעם! נישט לימקע האָט עס געוווּסט, נישט ער האָט געהאַט אַ באַדערפעניש דאָס צו וויסן. דער באַלעבאָס, ד"ר גרעצינגער, איז געווען אַ ייִד. לימקען האָט עס נישט געאַרט. פאַרקערט, טאַקע עפּשער, ווײַל ער איז געווען אַ ייִד, איז ער מיט לימקען זיך באַגאַנגען בעסער, ווי מיט זייערע שאָפערן באַגייען זיך עכטע דײַטשן, — אים אָפּגעגעבן באַ זיך אין דער ווילע זייער אַ גוט דירעלע, אים גוט געקליידט, אים אָפּט צוגעשאַרט אַ פּאָר איבעריקע מאַרק. דער באַלעבאָס — אַ קורצינקער, שוין אַ גראָער. נאָר אַ געפּאַקטער און אַ זשוואַווער — האָט ליב געהאַט פון מאָל צו מאָל זיך צוזעצן לעבן לימקען, אַליין פירן די מאַשין און פלאַפּלען צום שאָפער.

— פאַרן טויט — האָט ער איינמאָל געזאָגט צו לימקען — וועל איך מיר הייסן דערלאַנגען אַ טיפע שיסל מיט קאַוויאַר און וועל עסן גאַנצע לעפל, גאַנצע לעפל — איצט פאַרווערן עס מיר די דאָקטוירים.

פון דעמאָלט אָן האָט לימקע שוין בעערעך געוווּסט, ווען וואָס טראַכט דער באַלעבאָס.

געווען איז עס אין דער צײַט, ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט. לימקעס באַקאַנטע שאַפערן האָבן אונטערגעוווּנקען אַפן יידישן פאַבריקאַנט: „ער וועט אינגיכן מוזן זיך אָפּטראָגן”. לימקע האָט אַרויס־געוויזן אַ געוויסן אומרו: ווי זשע וועט זײַן מיטן גוטן דירעקטאָר? „אי־דיאָט! — האָט מען אים אויפגעקלערט. — פאַרוואָס מיינסטו, אַז דאָס דירעלע, ווו דו וווינסט, וועט נישט בלײַבן דײַנס?”. דעמאָלט האָט לימ־קע מיט אַלע כושים באַנומען, אַז נישט אומזיסט זאָגט מען אַפן „פיר־רער” „שוין איינמאָל אַ פיורער!”. ער איז גוואַלדיק גרויס. ער איז באַ־לעבאָס, — ער טראַכט און הייסט, און לימקע פאָלגט און טוט. אויב גראָד אין יענעם טאָג, ווען מע האָט געהייסן שלאָגן יידן אין גאַס, האָט לימקע אָפּגעפּירט אַף דער מאַשין צום וואָקזאַל דעם יידישן ד"ר גרע־צינגער מיט זײַן פרוי און קינדער און נאָך דערבײַ אַליין זיי געהאָלפן טראָגן די פּעק, איז דאָס געווען נאָר דערפאַר, וואָס לימקע וועט באַ זײַן גאַנצער „געהאַרכזאַמקײַט” זיך נישט לאָזן נאַרן. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז פונעם יידישן דאָקטאָרס טרינק־געלט וועט ער האָבן מער נוצן, ווי פון סטאַם שלאָגן יידן.

אַף אַ מילכאָמע, האָט לימקע צו יעדער צײַט געהאַלטן, איז בע־סער עס זאָלן גיין אַנדערע. אָן אַנדער זאַך איז אָבער, ווען דער זיג ליגט אַפריער באַ דיר אין קעשענע און פון גיין אַף דער מילכאָמע קאָנסטו האָבן לויטער נוצן. לימקע איז נישט דער מענטש, וואָס וועט פון נוצן זיך אָפּזאָגן.

פון בײַשטיין אַלע יאָרן אַקעגן אַזויפיל געשריבענע און נישט גע־שריבענע „שטרענגע פאַרבאָטן” האָט אין לימקען זיך אָנגעזאַמלט זייער אַ שטאַרקער דראַנג זיך פונאַנדערצופירן די הענט. אַך, ווי אים זײַנען געווען צום האַרצן אַלע עקזעקוציעס דאָ אין פרעמדן לאַנד, ווו ער, לימ־קע, מעג טאָן אַלץ. ווער עס האָט באַם ראַנד פון אַ גרוב מיט אָן ערנסט פּאָנעם געשאָסן פונעם אויטאָמאַט אין גאַנצע מאַכנעס פּאָשעטע מענ־טשן — דער רוויטער לימקע האָט פיל פון זיי אַרײַנגעשטויסן לעבעדי־קערהייט אין גרוב אַרײַן, נישט אַראָפּלאָזנדיק אַף קײַן רעגע דאָס שמיי־כעלע פון די ליפּן. דאָס האָט אים „פאַרשאַפן שפּאַס”.

— דו, טרעגער פון דער עבט־דײַטשישער פילאָסאָפיע, — האָט צו אים אונטערגעוווּנקען האַנס מעסער און אים דערבײַ געקלאַפּט אין פּלייצע, — אַזוי זאָגט ניצשע: „זעסט, אַ מענטש פאַלט, איז שטופּ אים אונטער".

האַנס מעסער האָט ביכלאַל זיך געמאַכט אַ טעווע אַביסל אָפּצושפּעטן פון לימקען. בלעטלעך, וואָס פאַלן פון סאָוועטישע עראָפּלאַנען, האָבן געגומען וואָרענען, אַז פּאַר רעציכעס און אַכזאָריעס וועט יעדן ווערן אָפּגעצאָלט.

— דו, לימקע, — האָט איינמאָל האַנס קלוימערשט געפּרוּווט לימקען אָנשרעקן, — בײַ יעדן אין די אויגן, זאָלסטו ווּיסן, איז פאַראַן אַ נעגאַטיוו, ווי אין אַ קניפּסער*) — אַלץ ווערט דאָרט אָפּגעשפּיגלט. געביטע מערדער באַמיען זיך דעריבער, אַז באַם אָביעקט, ווען זיי הארגענען אים, זאָלן די אויגן זײַן צוגעמאַכט, און מע זאָל נאָכדעם נישט קאָנען אַרויסקריגן פון דאָרט זייער פאָטאָגראַפיע. עס איז דיר נישט קיין קלייניקײַט, דו רויטער לימעל, טאָמער זיגן די רוסן, קריגן זיי אַרויס דײַן רויטע צורע אין די אויגן בײַ אַלע מענטשן, וואָס דו האָסט דאָ אַוועקגעהאַרגעט.

— אַך, קוואַטש! — האָט דערויף קאַלט געענטפערט לימקע.

ער האָט, ערשטנס, נישט געגלויבט, אַז ס'איז אַזוי, ווי האַנס מעסער זאָגט, צווייטנס, האָט זיך דאָ געפאָדערט צונויפבינדן דעם נעכטיקן טאָג מיטן מאָרגנדיקן, און דאָס האָט געהייסן זיך אָנשטויסן אַף דער פראַגע, צי איז נישט געווען גערעכט יענער לימקע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אַף מילכאָמע זאָלן בעסער גיין אַנדערע. וואָס לענגער די מילכאָמע האָט זיך פאַרצויגן, אַלץ ווייניקער האָט לימקע וועגן אַזוינע זאַכן געטראַכט.

און אָט אויב איצט, שטייענדיק באַנאַכט אַף דער וואַך דאָ אין באַרג־שפּאַלט, האָט ער נישט געטראַכט צונויפבינדן דעם נעכטן מיטן מאָרגן. דעריקער איז אים אָנגעגאַנגען, וואָס ער, לימקע, איז דאָ אין פעסל. וואָס אַ שאָ מאַטערט אים אַלץ מער דער הונגער, און ברייטשייד איז אַ מיעסער שווײַן און איז ווערט, מע זאָל אים אַרײַנזעצן אַ קויל...

*) פאָטאָ־אַפּאַראַט.

אויסבאַהאַלטן פֿאַר זיך אַליין דאָס עסן אין רוקזאַק!... און האַנס מעסער, דער טײַוול ווייסט אים, מאַכט זיך, אַז אים אַרט עס נישט, און ער, לימקע... ווי לאַנג וועט ער דען באַ אַט דעם הונגער זיך קאָנען האַלטן אַף די פֿיס?... ווער עס וועט עסן, יענער וועט זיך ראַטעווען, און ווער נישט, יענער וועט דאָ ליגן בלײַבן אַ פֿייגער אין איין ריי מיט אַט דעם-אָ...

וואָס אַ שאָ וועט דאָ ער, לימקע, ווערן מער אָפּגעשוואַכט און קרעפּטן וועלן אים מער נישט קלעקן אַפֿילע אַף צו ראַנגלען זיך מיט אַט דעם שווײַן ברייטשיידן — אַט אין וואָס דאָ גייט. האַנס מעסער האָט נישט געלאָזט אַרײַנפֿאָרן ברייטשיידן אין פּיסק אַרײַן נעכטן, ווען ער, לימקע, איז נאָך געווען באַ אַלע קרעפּטן. אינדערפֿרי, ווען ברייטשייד וועט זיך אומקערן, וועט ער, לימקע, שוין זײַן נאָך מער אָפּגעשוואַכט. דאָ דאַרף מען זיך אונטעראײַלן. האַנסן, ברייטשיידן און אים, לימקען, וועט דאָ סײַוויסײַ אויסקומען האַרגענען זיך צווישן זיך פֿאַרן ביסן. אויב אַזוי, איז טײַער יעדע רעגע. ברייטשייד איז איצט נישטאָ. נאָר דאָ נישט ווײַט אַף אַ שטיין ליגט זײַן רוקזאַק אָנגעשטאָפּט מיט עסן. אַט ליגט ער — אָ... ווי שוואַרצע לאַטעס, פֿלעקן זיך אַף אים אַלע פֿאַרקנייטשטע ערטער, וווּהין די שײַן פֿון דער לעוואָנע דרינגט נישט אַרײַן. אונטער דער זעלבער לעוואָנע-שײַן זעען אויס אַפֿן געפֿאַנגענעמס פּאָנעם, ווי מעש, יענע ערטער, וואָס זײַנען נישט באַדעקט מיט צוגעזאָטן בלוט — ער שלאָפֿט. דאָס איז גוט; שלאָפֿן שלאָפֿט איצט לעבן זײַן שטיין אויך האַנס מעסער.

צום אָרט, ווו עס ליגט ברייטשיידס רוקזאַק, איז אַ פּאָר צענדליק שפּאַן — נישט מער. לימקע מאַכט זיי, אַט די פּאָר צענדליק שפּאַן. אין זאַק טאַפּט ער אָן גרויסע שטיקער צוקער און פֿליטקעס שאָקאָלאַד — עפּשער צען, עפּשער מער. אַט האָט ער אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרט עטלעכע שטיקער צוקער און אַ פֿליטקעס פֿינף שאָקאָלאַד און איז שטיין געבליבן מיטן טײַערן גוטס אין די הענט. דער זאַק איז שוין צוריק פֿאַרבונדן. אין איין פֿליטקע בײַסט ער גלײַך זיך אַרײַן, דעמאָלט ווען זײַנע אויגן זוכן אַן אָרט, ווו צו באַהאַלטן דאָס רויב. דאָס בעסטע איז צו פֿאַרשטעקן דעם צוקער מיטן שאָקאָלאַד ערגעץ נאָענט לעבן דעם געפֿאַנגענעם. ווּעמען וועט דען אײַנפֿאַלן, אַז דער-אָ זאָל באַ זײַן לאַגע גאָר

פרוון טאָן אַזוינס? בײַ אים וועט קיינער נישט זוכן. לימקע וואַרפט אַן אויג אַף אַ שטיין האַרט לעבן דעם שלאָפנדיקן געפאַנגענעם און שפאַנט אַהין. ער איז שוין לעבן דעם שטיין. ער בייגט זיך אָן און פאַרוקט דאָרט דעם צוקער מיטן שאָקאָלאַד. פאַמעלעך נעמט ער זיך אויסגלײַכן, נאָר דאָ דערזעט ער פלוצעם, אַז נאָך אים שפּירן נאָך די אָפענע אויגן פונעם געפאַנגענעם, און נאָך ווי שפירן זיי אים נאָך! מיט דער רירעוודיקײַט פון שטיקלעך קוועקזילבער זײַנען זיי גרייט צו באַגלייטן יעדע נײַע באַוועגונג זײַנע. צי האָט ער די אויגן געעפנט אָקאָרשט אין דעם־אָ אויגנבליק? צי האָט ער אים, לימקען, נישט נאָכגעשפּירט די גאַנצע צײַט? זײַן גאַנצער קאַעס אַף ברייטשיידן גיסט זיך איבער אין קאַעס אַפן יונגן באָכערל. דאָס צווינגט אים זיך פאַרגעסן און אַ געשריי טאָן פון צווישן פאַרקוועטשטע ציין:

— וואָס האָסטו געזען?... זאָג אויס!

נאָר דאָס ליגנדיקע באָכערל שווײַגט און מאַכט צוריק צו די אויגן. דאָס צווינגט לימקען שרײַען נאָך העכער:

— אויפשטיין!... אויפשטיין, באַפעלט מען דיר!

פון זײַנע געשרייען האָט זיך אויפגעכאַפּט האַנס מעסער.

— וואָס פאַלט דיר אײַן, דו רויטער שעד! — האָט ער מיט זײַן געבריל געצווונגען לימקען זיך אומקוקן צו אים.

נאָך אַ רעגע, און לימקע וואָלט דאָ געווען געהאַט אָפגעשיקט אַף יענער וועלט דאָס יונגע באָכערל אינאיינעם מיט דער האָפענונג, אַז אים, האַנסן, וועט געלינגען זיך ראַטעווען פונדאַנען.

אָפגעשיקט לימקען שלאָפן און איבערגענומען אַף זיך די וואַך ביז טאָג־ווערן, האָט ער אַרומגעשפאַנט הין און צוריק, זיך די גאַנצע צײַט געזײַטלט אַפן באָכערל און סאָפקאָלסאָף, האָבנדיק געכאַפט אַף זיך דעם באָכערלס בליק, אַ ווונק געגעבן צו אים אַפן שלאָפנדיקן לימקען:

— ער וואָלט דיך געווען... קאַפוט!... יאָ, יאָ. כ'האָב געזען: ער האָט שוין געהאַט אָנגעשטעלט אַף דיר דאָס־אָ...

אָנגעשטעלט אַפן באָכערל די אויטאָמאַטישע ביקס און געצילט אין אים אַ רעגע, האָט ער די ביקס צוריק אַראָפגעלאָזט און מיט אַ ווילד שטימעלע זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— 6 —

ווי פאַרפּײַניקט און פריטשמעליעט דער סטודענט גאָראַשווילי האָט זיך נישט געפילט, ווי אומגלויבלעך-שרעקלעך די איבערלעבענישן אין די לעצטע מעסלעסן האָבן אים נישט אויסגעזען, איז דאָך פּײַנלעכער ווי אַלץ געווען פאַר אים אָט דאָס צווינקען און צושמייכלען פונעם דײַטש.

ווי נאָר אים איז קלאָר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער האָנס מיטן צע־קרימטן ווײַבערשן פּאָנעם און מיט די דינע מאַכשייפע־ליפּן איז דאָ דער טאָן־געבער, אַזוי באַלד איז זײַן האַס צו אים געוואָרן גרעסער ווי צו די איבעריקע צוויי דײַטשן, אָט פונקט ווי דער האַס צום קאָפּ פון אַ שלאַנג איז גרעסער ווי צו איר גאַנצן איבעריקן קערפּער. אָט דער האַס האָט אַלץ נישט אויפגעהערט אינעם סטודענט אָנצוּוואַקסן, און דאַווקע דאָס האָט קעסיידער געשטאַרקט אין אים דעם ווילן און די אַק־שאָנעס נישט אומצוקומען. לעבן בלײַבן האָט איצט שוין געהאַט פאַר אים נאָר איין־אײנציקן זין — איבערלעבן אָט די דײַטשן.

נאָך טכילעס אָוונט, ווען איינער פון די אויסגעהונגערטע דײַטשן האָט זיך דאָ אַליין אַוועקגעזעצט עסן און די איבעריקע צוויי צו זײַן זאַק נישט צוגעלאָזט, האָט דער סטודענט, בײַ זײַן גאַנצער שווערער לאַ־גע געהאַט דערפון עפּעס אַ מין אומבאַשיידענע האַנאָע.

באַזיניקן אָט די האַנאָע האָט ער אָנגעהויבן ערשט שפּעטער, ווען פאַר זײַנע אויגן האָט דער רויטער דײַטש אַרויסגענומען שאָקאָלאַד און צוקער פונעם פרעמדן זאַק און די גנייווע באַהאַלטן דאָ דערבײַ אונ־טער אַ שטיין. ווען נישט דער דײַטש, וואָס מיטן ווײַבערשן פּאָנעם, וואָלט דער רויטער בלויז פון מוירע פאַר אַן איידעם בײַ אָט דער גנייווע געווען דערשאָסן אים, דעם סטודענט. נאָר פאַרוואָס האָט עס דער רויטער עפּעס אַזוי מוירע?... פאַרוואָס האָט עס פאַר אים, דעם סטודענט, זיך אײַנצוּשטעלן דאָ יענער, וואָס מיטן ווײַבערשן פּאָנעם?... און בי־כלאַל: וואָס איז ער אויסן מיט זײַן צווינקען און צושמייכלען?...

ווען דעם אַלעם האָט דער סטודענט זיך געבראָכן זײַן קאָפּ אין יענער נאַכט, ווען דער מוירעדיקער הונגער האָט אים אַף קיין רעגע נישט געלאָזט אַנטשלאָפן ווערן. פאַרטאָג, ער האָט ענדלעך אָנגעהויבן אַרײַנ־צופאַלן אין אַן אומרויִקן דרעמל, האָבן אים גלײַך אויפגעוועקט עפּעס

זייער בייזע קוילעס. מיטאמאָל זיך אויפגעזעצט, האָט ער דערזען, אַז דאָס האָט מיט געבריל און מיט קלאָלעס זיך אומגעקערט אין באַרג-שפּאַלט יענער, וואָס האָט אים דערלאַנגט דעם קנאַק.

— אומזיסט פאַרלוירן אַ נאַכט, — האָט ער געגראַגערט, — און דאָס איז אַלץ!

— און דער קאָמפּאַס?

— וואָס קאָמפּאַס?... ווער קאָמפּאַס?... — האָט ער מיט ביטערניש איבערגעקרימט האַנס מעסערס קאָל. — געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט מיט איין שטעג אין איין ריכטונג, און אָט — געקומען צוריק אַהער אין באַרג-שפּאַלט. אַ פאַרשאָלטן אָרט!

נאָר דעם דײַטש מיטן צעקרימטן ווײַבערשן פּאָנעם האָט דאָ נאָך עפּעס ווי האַנאַע געטאָן די מײַסע. פון הונגער איז ער שוין געווען אײַנ-גאַנצן אײַנגעבויגן. זײַן פּאָנעם — שוואַרץ, ווי די ערד. זײַנע שוואַכע דינע פיס האָבן קוים געמאַכט אַ פּאָר טריט צום צוריקגעקומענעם.

— אָ, באַקע*), — האָט ער אָפּגעשפּעט און זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ דין און שוואַך געלעכטערל, — ווילי, זע איך, האָט אָנגעהויבן גלייבן אין קישעף, כי-כי-כי-כי און כי-כי-כי...

— הער אויף כיכיקען, ווי אַ מויז, — האָט בייז אָנגעטראָטן אַף אים ווילי ברייטשייד.

נאָר דער שוואַב האָט אַלץ נישט אויפגעהערט:

— כי-כי-כי-כי און כי-כי-כי... נאָך שטאַרקער וואָלט איך געלאַכט, ווילי, ווען איך זאָל נעכטן, ווי דו, געווען גוט אָפּעסן... כי-כי-כי.

דער רויטער האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן שטיין און האָט אָנגע-וויזן אַפן סטודענט, — דער-אָ האָט פאַרפירט אַהער. אָדער ער זאָל אַרויספירן צו אונדזערע, אָדער מאַכן מיט אים אַן עק.

— אהאָ!... —זײַטלענדיק זײַן בליק אַפן רויטן, האָט דער שוואַב אַ קײַ געטאָן מיט די ליפּן, — הער נאָר דו, לימקע, לימקע!...

אָנגעבויגענערהייט איז ער מיט זײַנע דינע אָפּגעשוואַכטע פיס צוגע-קומען נעענטער צום רויטן און האָט באַנײַס פאַרקרימט זײַן פּאָנעם:

— לימקע, שווײַגן!

---

*) אויסגעשריי.

ער האָט צוגעוווּנקען אַף ברייטשיידן, וואָס לאָזט זיך אַוועק אַ קוק געבן צו זײַן זאַק, און האָסטראָעדיק אַ פּיר געגעבן מיט אַ פינגער מאַמעש פאַרן רויטנס נאָז:

— דו, שעד, העלף אים נישט אונטער. פון דעם, וואָס מע וועט דעם רוסע ליקווידירן פריער צי שפּעטער, וועט דיר דער מאָגן נישט ווערן זאַט. פאַרשטאַנען?

דער סטודענט האָט דאָס אַלץ צוגעזען פון דער זײַט. אַלץ אין אים איז געווען אָנגעשטרענגט אַף אָנצוכאַפּן זיך אָן עפּעס אַ שוועל, וואָס לאָזט נישט אַריבער פונעם לעבן צום טויט. נאָר קיין שום שוועל איז נישט געווען, אויסער אָט דעם שוואַב, וואָס האַלט זיך שוין קוים אַף די פיס און האָט נאָך אַלץ אַפּאָנעם אַ מיין אויסצונוצן פאַר זיך אים, דעם סטודענט. נאָר אויב אַזוי, קאָן ליגן אינעם מיין פון אָט דעם דײַטש עפּעס נאָך מער שרעקלעכס ווי דער טויט. דאַווקע דער דאָזיקער געדאַנק האָט געצווונגען דעם סטודענט אָנצושטרענגען ביז גאָר זײַן געהער, קעדיי צו כאַפּן דעם זין פון די אומבאַקאַנטע ווערטער אין דער נײַער קרי־געריַי צווישן די דײַטשן.

— ווער?! — האָט געגוואַלדעוועט ווילי ברייטשייד. — איך פרעג: ווער האָט זיך דערוועגט?!

אָנגעוויזן מיט ביידע הענט אַף זײַן צעעפנטן זאַק, האָט ער זיך נע־לאָזט גלײַך צום סטודענט און זיך צעברילט:

— ענטפער!

— אידיאָט! — האָט ער פון דער זײַט דערהערט האַנס מעסערס קאָל און געשווינד זיך צו אים אויסגעדרייט.

— דו האָסט עס געזאָגט?

— איך.

דער שוואַב האָט אים באַטראַכט מיט גרויס ביטל.

— איך און לימקע זאָלן אים געווען דאָ אַרויסלאָזן פונעם אויג.

— האָט ער געזאָגט, אָנווײַזנדיק אַפּן סטודענט, — וואָלט אים געווען געטראָגן דער סייכל זיך צו באַנוצן מיט דעם אַף צו אַנטלויפן און נישט אַף צו גאַנווענען עסן פון דײַן זאַק.

— און ווער דען, אויב נישט ער?

דער שוואַב האָט גרינג זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט די אָפּגעשוואַכטע

הענט איבער די ליטקעס און האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. פּאַמעלעך האָט ער אַרויסגעקריגן פון זײַן מויל אַ פּראָטעז — באַ אַ האַלב צענדליק אַרײַנגעשטעלטע ציין — און האָט אים אַ פּאָר מאָל אונטערגעוואָרפן אַף דער דלאָניע, ווי אַף מעשאער צו זײַן, וויפל וועגט ער. פּאַמעלעך האָט ער אַראָפּגעקראַצט דעם צוגעזאָטענעם הונגער־שוים פון איין גאָלדן האַטשיקל, פונעם צווייטן, אַרײַנגעפּראַוועט דעם קליינעם פּראָטעז צוריק אין מויל און פּלוצעם באַוויזן זײַן ווײַסע באַלייגטע צונג:

— נאַ, קוק! — ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט זײַן דין געלעכטערל. — צי מעגלעך, דאָס איז דיר וויניק, איז נאַ, טאַפּ... טאַפּ מײַן בויך.

מיט דעם האָט ער אייגנטלעך אויסגעגעבן לימקען. דער רויטער האָט עס ווי דורכגעלאָזט פּאַרבײַ די אויערן און האָט פון דער זײַט צוגעקוקט, ווי ברייטשיידס פינגער פּאַרקוועטשן זיך אין אַ פויסט.

— אַ דייטש געגאַנוועט באַ אַ דייטש?! — האָט געגוואַלדעוועט ברייטשייד.

דער רויטער האָט נישט געוואַרט, ביז יענער וועט צו אים צוקומען. מיט אויגן, וואָס באַהאַלטן זיך אינגאַנצן אונטערן קורצן שטערן, און מיט אַן אָנגעבויגענעם אָנגעגאָסענעם נאַקן, ווי באַ אַן אָקס פּאַר בוצקען, האָט ער פּאַמעלעך זיך דערגענטערט צום יונגן אָבער־יעפרייטער. זײַן רעכטע האַנט האָט אין הויזן־טאַש געהאַלטן עפּעס צוגעגרייט. זײַן פּאַנעם, באַדעקט מיט פּלעקן, האָט זיך געדאַכט, באַשטייט דורכוים פון געהעפּטע ערטער. קאַלט, ווי קאַלט ער האָט נישט איין מאָל אַרײַנגעשטויסן מענטשן אין גראָבנס און זיי פּאַרשאָטן לעבעדיקערהייט, האָט ער פון זײַן זײַט פּאַרגעבן אַ פראַגע:

— אַ דײַטש באַהאַלט אויס עסן פון דײַטשן? אַ דײַטש טייט דײַטשן מיט הונגער? דאָס מעג ער?

וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרן די קריגערײַ צווישן די דײַטשן, אַלץ רויקער האָט געגומען אָטעמען דער סטודענט. אויסגעגניכטערט פון די לעצטע שפּורן פּאַרטשמעליעטקײַט, האָט ער דערפילט, ווי דער הונגער נעמט אים מאַטערן גאָר אַנדערש ווי ביז אַהער. קעדיי צו פּאַרגעסן אָט דעם כאָטש אַף אַ קליינער ווײַלע, האָט ער אַף אַ רעגע פּאַרמאַכט די אויגן און זיך אויסגעמאָלט די היימישע סאַקליע. ס'איז אַ

הייסער זומער־טאָג פון דער טיפער קינדהייט. דער פאָטער, וואָס פאַר־קעט אין גאָרטן, פאַסט איינער אַליין איינעם פון זײַנע טאַנייסים, וואָס טראָגן איבער ווײַט אין יידישן אוראַלט, און דאַכטן דאַכט זיך דאָך, אַז אין דער היים פאַסטן אַלע. עס פאַסט די גאַנצע סאַקליע מיט איר קיך און מיט ביידע ציכטיק־צוגעקליבענע כאַדאָרים. וואָס הייסער עס איז אין דרויסן, אַלץ קילער איז דאָרט צווישן די גראָבע ווענט אין זייער אַלטן שוין אַביסל אָפּגעלופּעטן געיאָרשנטן קאַווקאַזער מעבל. די מוטער קלעפּט עפּעס פון טייג אויף וועטשערע, און לעבן איר זיצט די אַלטע שביי־נע מאַנאַנאַ. זי איז אַ טעפּיך־וועבערן און קאָן אַזוי שיין אַרומריידן יע־דער געפאַרבט שטיקל רעדנע, וואָס אָפּן דיל, און יעדעם אַלט קילימל, וואָס אויף די ווענט: „וואָס פאַר אַ פײַן געוועב דאָס איז!", „אין וועלכן טייל קאַווקאַז פלעגט מען אַמאָל אַזעלכע אויסאַרבעטן?"... פון דעם אַלעם הייבט זיך אָן אויסצודאַכטן, אַז יעדעס שמאַטעדיק טעפּיכל נעמט זיך איבער און אַז אין דער היימישער סאַקליע איז ווירקלעך אַזוי געמיט־לעך, ווי אין ערגעץ נישט.

— 7 —

אַ נאָענטער שאָס האָט אין סאַך פון יענעם טאָג געצווונגען דעם סטודענט מיטאַמאָל פאַרגעסן, וועגן וואָס האָט ער פריער מיט אַ רעגע געטראַכט. נישט ווײַט פון אים איז, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט, געלעגן אָפּן גראָז דער רויטער לימקע.

— דו האָסט אים דערהאַרגעט! — האָט פאַרצאַפּלט געברומקעט האַנס מעסער, — דו האָסט אים דערהאַרגעט!

— יאַוואָל! — האָט, באַהאַלטנדיק דעם רעוואָלווער, געברילט אויף אים ווילי ברייטשייד, — נאָך דען געזעץ דעם מיליטער־רעגלאַמענטס!

— ניין. ער האָט געמאָנט, זאָלסט זיך טיילן מיט עסן. יאָ, ווילי, ער האָט געמאָנט!

— איז פּרוּווו אויך מאָנען... נו, פּרוּוו!...

זייער גראַגערן האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט. מיט פיל גיכע גומען־ווערטער האָבן זיי אַלעמאָל זיך געוואָרפן איינער אויפן צווייטן און געדראָעט מיט די פויסטן. ווײַט נישט קלאָר איז געווען דעם סטו־דענט, אין וואָס צווישן זיי גייט. זייער קריגערײַ איז צו אים דערגאַנגען

בלויז ווי עפּעס אַ מין אָפּגרעפּץ פֿון אַלע זייערע האַסאָגעס און פֿון אַלע זייערע טועכצן דאָ אין לאַנד.

באַלאָדן מיטן רוקזאַק און מיטן אויטאָמאַט, איז נאָך האַלבער נאַכט אַוועק פֿונעם באַרג־שפּאַלט דער אָבער־יעפֿרייטער ווילי ברייטשייד — אַוועק, נישט אומקוקנדיק זיך צום שוואַב, וואָס וויל נאָך אַלץ עפּעס פֿון אים און ברומקעט אים עפּעס נאָך. אין באַרג־שפּאַלט איז נאָכן פֿאַרגיין פֿון דער לעוואָנע אַף לאַנג געוואָרן פֿינצטער און שטיל.

אָפּגעשוואַכט, קימאַט ביז נישט קאָנען מער אויסגלײַכן און אײַנבייגן די פֿינגער, האָט דער סטודענט אַלץ נישט אויפֿגעהערט אײַנצוהערן זיך אין אָט דער שטילקײַט. דער שטערן מיט די ברעמען זײַנען געווען באַ אים קוים־קוים אָנגעשטרענגט, ווי באַ אַ קראַנקן, ווען צו אים קערט זיך אום דער געדאַנק און קלעקט אים שוין נאָר אַף אַ טראַכט צו געבן וועגן זיך און וועגן זײַן קרענק.

פֿלוצעם האָט ער מיט די לעצטע קויכעס גענומען פּרוּוון צום נאָענטן שטיין. אָפּגערוט דאָרט אַ מינוט, האָט ער באַנײַעס זיך אָנגעטאָן אַ קויעך. אַרויסגעשאַרט פֿון אונטערן שטיין דעם שאָקאָלאַד מיטן צוקער, וואָס דער רויטער לימקע האָט נעכטן אַהין פֿאַרוקט, איז ער צוגעפֿאַלן מיט די ליפּן צו אַ שטיקל שאָקאָלאַד און האָט גיריק גענומען סמאָקען, סמאָקען.

אַף דינע, אָפּגעשוואַכטע פּיס האָט באַ שאַריען אַף טאָג זיך צוגעשאַרט צו אים האַנס מעסער און האָט אָנגעוויזן אַהין, וווּהין ברייטשייד איז אַוועק:

— „נאָך דען געזעץ דעם רעגלאַמענטס”, כי־כי־כי!

צוגעזעצט זיך צום סטודענט גאַנץ היימישלעך, מאַמעש ווי לעבן אַן אייגענעם מענטשן, האָט ער גענומען ריידן מיט אַזאַ טאָן, ווי אַלץ, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן, וואָלט ער האָבן צוגעזען ניט מער ווי אַ זײַטיקער:

— יאָ, יאָ... אָט ליגט ער, לימקע, אָפּן פֿאַרבלוטיקטן גראָז... מיט לימקען האָט מען אײַנגעקנעלט דעם פּיורערס לערע: „אַלע מעגסטו באַגאַנווענען, באַרויבן און דערהאַרגענען, אַלע, נאָר ניט קיין דײַטשן, פֿאַרשטאַנען, לימקע?” אַ! לימקע, קאָן מען זאָגן, האָט עס פֿאַרשטאַנען גרינטלעך. אַן אַנדער זאַך איז, אויב לימקע פֿייגערט אַוועק פֿון הונגער, און אַ

צווייטער דײַטש באַהאַלט פאַר זיך גוטע זאַכן צו עסן: כּי־כּי־כּי און כּי־כּי־כּי... לימקע ווערט דאָן אַליין אַ שטיקל טעאָרעטיקער און דערפירט דעם פּיורערס לערע ביזן לאָגישן סאָף — ווי?..

באַמערקט, אַז דער סטודענט קוקט זיך קיין איין מאָל צו אים נישט אום, איז ער אַ רגע געזעסן פאַרכידעשט: וואָס איז עס? ער רעדט דאָך, דאַכט זיך, אַזוינס, וואָס דעם סטודענט דאַרף עס זײַן צום האַרצן!

— ברייטשייד, — האָט ער ווײַטער געזאָגט, — אַ פּרוסאַק, אַ פּרוּ־סאַק... צוגענומען פאַרטאָג זײַן רוקזאַק מיטן עסן און — אַוועק מיט דער האָפענונג אַריבערקלעטערן איבער די בערג און זיך דאָרט דערקלײַבן צו די דײַטשן. זײַן גאַנצע קראַפט איז אין די פיס, אין די פיס... געווען פון די בעסטע דײַטשישע אַלפּיניסטן. אַ באַרג-שטײַגער, אַ באַרג־שטײַגער... און דיך, רוסע, האָט ער פאַרן אַוועקגיין געוואָלט דערשיסן... כּי-כּי־כּי!

דער סטודענט האָט אַלץ נישט אויפגעהויבן די אויגן. צווינקענדיק און צושמייכלענדיק, האָט אים דער דײַטש היימישלעך אַ טאָרקע געטאָן מיטן עלנבויגן:

— יאָ, יאָ... געוואָלט שיסן... מעגסט מיר גלייבן.

ערשט איצט האָט דער סטודענט דערפילט, אַז מע וויל עפּעס פון אים, און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט דערזען לעבן זיך צוערשט דעם דײַטשס צווינקענדיקע הענט און אָקאָרשט נאָכדעם זײַן ווײַבערש פּאָנעם, וואָס איז צעקרימט פון צושמייכלען.

— Отстань! — האָט אָנגעשריגן דער סטודענט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע וואָרט, וואָס ער האָט דאָ פאַר דער גאַנצער צײַט אָן שום ווינקען אויסגערעדט. פון גאָר נאָענט האָט דער דײַטש זיך באַגעגנט מיטן סטודענטס בליק, און אים האָט אָנגעכאַפּט אַן אומגעהייערע שרעק:

אינעם סטודענטס אויגן זײַנען מער נישט געווען קיין שום שפּורן פון דעם, אַף וואָס האַנס מעסער האָט די גאַנצע צײַט געהאָפט, ווי אַף אַ קראַפט, וואָס וועט אים ראַטעווען פון אומקום דאָ אין באַרג־שפּאַלט.

אין פאַרלוירנקייט האָט דער דײַטש אַ כיכיקע געטאָן אָן אַ מינדסטן שמייכל, ווי ער וואָלט נאַרוואָס אַליין האָבן שטאַרק זיך קאַליע געמאַכט און ווייסט נישט מיט וואָס און וויל כאַפּן צוריק:

— כּי־כּי־כּי.

— Отстань! — האָט דער סטודענט איבערגעכאַזערט העכער און מער צערייצט.

מיט האַס זײַנען געווען איבערגעפּולט דעם סטודענטס ברענענדיקע שוואַרצאַפּל — מיט האַס שטאַרקן און אָן אַ ברעג — אין זיי איז מער נישט געבליבן קיין אָרט פאַר די פאַרטראַכטע פּײַערלעך און פאַר דער אָפּשפּיגלונג פון יענעם געשאַמע־אויסדרוק, וואָס רופט זיך — מיטגע־פיל, מיטלײַד, ראַכמאָנעס. אָפן דײַטש האָבן, צו זײַן אומענדלעך גרויסער שרעק, געקוקט אויגן, וואָס מע קאָן מיט זיי בלויז זען, אויגן, וואָס אוי־סער פאַראַכטונג זאָגן זיי מער גאָרנישט אָן. — „דײַטשישע אויגן! — האָט מיט אַ ציטער אַ טראַכט געטאָן האַנס מעסער, — וואָס זשע וועט איצט מיט מיר זײַן?"

דער סטודענט האָט געזען, ווי דעם דײַטשס האַנט גרייט אַ כאַפּ צו טאָן דעם רעוואָלווער, האָט בלויז עפּעס ווי אָפּגעטרייסלט פון די פינ־גער.

אָנגעבויגענערהייט, מיט דינע, ציטעריקע פיס, וואָס טראָגן שוין קוים זײַן אָפּגעשוואַכטן אויסגעהונגערטן קערפּער, האָט האַנס מעסער אָפּגעשפּאַנט פונעם סטודענט, זיך צוגעזעצט אויף זײַן שטיין און אַראָפּגע־לאָזט די הענט צווישן די קני: „אויסשיסן אינעם רוסע?.. יאָ, דאָס קאָן מען נאָך. און וואָס ווײַטער?" אַ מענטש, ווייסט האַנס מעסער, קאָן איי־בערטראָגן הונגער אַ טעג צוואַנציק, עפּשער מער. נו, און נאָכדעם? האַנסן כאַפּט אָן אַן אומגעהייערער גרויל, ווען ער שטעלט זיך פאָר, וויאַזוי ער וועט נאָכן אויסשיסן אינעם סטודענט בלײַבן אין באַרג־שפּאַלט אויף אומצוקומען דאָ. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך וועט דאָ קומען צו אים דער טויט. מיט יעדן טאָג אַ ביסעלע מער, אַ ביסעלע מער... ווי לאַנג דאָס אַלץ וועט זיך אויסוויַיזן אים — איינעם לעבן די קערפּערס פון לימקען און פונעם רוס. אים כאַפּט אָן אַ גרויסער פּאַכעד באַם טראַכטן וועגן זײַן לאַנגער, לאַנגער עלנטער גסיסע. ער קאָן נאָך, פאַרשטייט מען, דערשיסן פריער דעם סטודענט, דערנאָך זיך אַליין — דעם לעצטן דײַטש דאָ צווישן די פרעמדע בערג... דעם לעצטן צי נישט דעם לעצטן, וואָס גייט עס אים אָן? דער אומגליק איז, דער רועך זאָל עס נעמען, וואָס אָט דער רוס צווינגט אים, דעם געוועזענעם טעלאַג האַנס מעסער, ווידעראַמאָל זיך באַנוצן מיט מענטשן-פעיִקײַט צו טראַכטן דאַווקע פאַרן טויט. אָט מיט

וואס אט דער רוסע צעצאלט זיך — א פאקט! ער, האנס מעסער, מוז איצט זיצן דא אפן שטיין און זיך איינטראכטן. נישט אלע דייטשן, ווייסט ער, זיינען געווען דורכוים זיכער, אז „באהערשן די וועלט" וועט זיך איינגעבן, און פונדעסטוועגן זיינען זיי מיטגעגאנגען. אף וואס זשע האבן זיי געהאפט אין פאל, אויב די „שפיל" וועט נישט געלינגען? ער, האנס מעסער, קען פיל אזעלכע. ער איז איינער פון זיי. „די רוסן און אלע אנדערע, האט ער פארויסגערעכנט, זיינען דאך נישט קיין מערדער, אויסראטן אלע דייטשן וועלן זיי נישט. ער מיינט נאך איצט אויך אזוי: די וועלט וועט ראכמאנעס האבן. פיל דייטשן וועלן בלייבן לעבן. און ער, האנס מעסער, וויל אזוי שטארק זיין איינער פון זיי. ער מוז זיך דערצו דערשלאגן מיט אלע מיטלען. ער וועט גיין אף אלץ, קאלזמאן ער האט נאך די מינדסטע האפענונג. ער וועט צוווארטן. מעגלעך, אינעם סטודענטס אויגן וועלן כאטש אף איין רעגע זיך נאכאמאל באווייזן די פארטראכטע פייערלעך — די אפשפיגלונג פון יענעם נעשאמע־אויסדרוק, אף וועלכן ער, האנס מעסער, האט דא אין בארג־שפאלט פון אנהייב אן געלייגט האפענונג... ער וועט צוווארטן... ער וועט צוווארטן..."

האלטנדיק די רעכטע האנט אין אזא לאגע, זי זאל קאנען וואס שנעלער ארויסכאפן דעם רעוואלווער, האט האנס מעסער פונעם שטיין, ווו ער איז געזעסן, נישט אויפגעהערט צו היטן דעם סטודענט — היטן, ווי עפעס אזוינס, וואס קער נאך אלץ אינגאנצן צו אים, דעם דייטש. מיט אלע קרעפטן האט ער זיך באמיט אפצוטרייבן פון זיך דאס קעסיידערדיקע געפיל פון וועלן ברעכן נאך לאנגן הונגער און נאך לאנגן נישט שלאפן. אין די אויגן איז אים אלץ פינצטערער געווארן — עמעצנס טריט האט ער לעבן זיך דערהערט, ער האט געטאן אלץ אף נישט ארייַנצופאלן אין צושטאנד פון פארגעסן זיך, וואס באהערשט אים אלץ מער און מער, און איז דאך אין אט דעם צושטאנד ארייַנגעפאלן.

ווען דער דייטש האט אויפגעוואכט, האט די זון צווישן די בערגשוין געשיינט זייער הויך און זייער שטארק. ברענענדיק־הייס, ווי נארוואס פון אונטער א צעגליט פרעסל, איז אפן דייטש געווען דאס אנטאן, און אליין איז ער געווען זייער דערשטוינט פון דער גרויסער ענדערונג, וואס איז פארגעקומען, ווי אים האט זיך געדאכט, נישט בלויז דא אין בארג־שפאלט, נאר אומעטום אף דער וועלט. לעבן אים איז אף דער וואך

געשטאַנען דער סטודענט און האָט נאָכגעקוקט נאָך אַלע זײַנע באַוועגונגען פּונקט אַזוי שטרענג, ווי שטרענג ער, האַנס מעסער, ברייטשייד און לימקע האָבן פריער דאָ נאָכגעקוקט אים, דעם סטודענט.

— אהער גיב דעם רעוואָלווער! — האָט בייז געפאָדערט דער סטודענט, האַלטנדיק די הענט אויסגעשטרעקט צום דײַטשס האַלדז.

די קראַפּט, מיט וועלכער דער אויסגעהונגערטער סטודענט האָט געצוווּנגען אָפּגעצן דאָס וואָפן, האָט דעם דײַטש געוווּנדערט און געשראָקן נישט ווייניקער, ווי דער האָס אין די שוואַרצאַפּל פון אָט דעם „רוסע”. איצט האָט ער די ברענענדיקע שוואַרצאַפּל געזען אַזוי נאָענט, ווי נאָך קיינמאָל נישט.

— שטיי אויף! — האָט באַפוילן דער סטודענט.

אַרײַנקוקנדיק אינעם אינעווייניק פונעם אוועקגענומענעם אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער און דערזען, אַז דאָרט פעלט סאַמאַקל איין קויל, איז דער סטודענט געבליבן שטיין פאַרטראַכט. אין זײַן זיקאָרן איז באַלד אויפגעשווומען די היימישע סאַקליע, ווי זי איז געווען, ווען ער האָט זי אינעינעם מיט די דײַטשן פאַרלאָזט: אַפן דיל איז דאָרט געלעגן דעם פאָטערס קערפּער מיט אַ וווּנד אין שלייף און פון דער וווּנד האָט אַ לאַנג און שמאָל פּאַסיקל בלוט זיך געצויגן ביז צום זוים פון איינעם פון די טעפּיכלעך און עס געגעצט און געגעצט, אָט דאָס טעפּיכל... ווי דאָס אַלץ וואָלט ער איצט נאָכאַמאָל דערזען דורכן לעכעלע פון דער אויספעלנדיקער קויל — אַזאַ געפיל איז געווען באַם סטודענט.

„געשיקט זיך? — האָט געטראַכט דער סטודענט, — מיט דער קויל, וואָס פעלט אין רעוואָלווער, זאָל דער־אָ האָבן אים דערשאָסן?”

אינעם סטודענטס אויפגעהויבענע אויגן האָט דער דײַטש אין יענער רעגע ווידעראַמאָל דערזען די פאַרטראַכטע פײַערלעך.

— אָ! — האָט דער דײַטש אַ מאַך געגעבן קימאַט מיט פרייד. — כ'האָב אָבער געוווּסט...

— אויפשטיין! — האָט דער סטודענט באַפוילן מער שטרענג.

דער דײַטש האָט געוואָלט זיך אויפהייבן און נישט געקאָנט — די שרעק און דער יִיִעש האָבן אויסגעשעפּט אַלע קויכעס, וואָס זײַנען אין אים נאָך געבליבן נאָך עטלעכע מעסלעס הונגערן.

— אויפשטיין! — האָט ער באַנײַיס דערהערט.

דער דײַטש האָט געפאָלגט. זייער פאַמעלעך און מאָדנע, ווי אַ געי־לײמטער, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אַף די פינגער פון די הענט און פון די פיס, אַף די עלנבויגנס, אַף די קני, נאָר באַלד צוריק זיך אומגעוואַל־גערט.

— איך קאָן נישט, — האָט ער געברומקעט, — אָט זע... איך קאָן נישט.

— קאָנסט נישט?

— דער סטודענט האָט געטראַכט אַ ווײַלע. זײַן בליק האָט דערבײַ אויסגעקוקט אַרום און אַרום דאָס אָרט.

— נו, איז קריך צו מיר אַף די פּלייצעס.

— איך האָב אָבער געוווסט... איך האָב געהאָפט, — האָט זיך ווי געפּעסטעט דער דײַטש, קריכנדיק צום אָנגעבויגענעם סטודענט אַפן רוקן, — האָסט מיטלײַד, האָב איך געוווסט, האָסט מיטלײַד.

— יאָ, — האָט, שלעפּנדיק אַף זיך באַרג-אַרויף די שווערע מאַסע, אויסגעקרעכצט פון זיך דער סטודענט, — פון מיטלײַד צו אַלע, אַלע, וואָס דו האָסט אומגעבראַכט באַ אונדז, טראָג איך דיך אָט אַהין צום שטעג. אַף דײַן שפּראַך זאָג איך עס דיר — זאָלסט פאַרשטיין.

אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערע מאַסע גלײַך אינעם שניי, וואָס אין אַ קנייטש פון די בערג, האָט דער סטודענט אָפּגעווישט דעם שוויים פון זיינע באַקן, פון זיין שטערן.

— אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, — האָט ער דערבײַ געזאָגט, — ווען דער שניי וועט צעגיין, וועט מען דאָ אָנהייבן אָפּט דורכצוגיין. דאָ וועסטו אָוועקפייגערן, און דאָ וועט מען, פאַרבײַגייענדיק, פּילן ווי דו איפּעשסט. דאָס איז גוט. מע דאַרף, אַז מענטשן זאָלן וואָס מער דײַן איפּעש פּילן און וואָס מער ווענן אים געדענקען — ס'איז נוצלעך!

און נישט אומקוקנדיק זיך מער צום דײַטש, האָט דער סטודענט גאַ־דאַשווילי אָוועקגעשפּאַנט מיט דער שטעג, וואָס דרייט זיך באַם ראַנד פון שמאָלע און ראַכוועסדיקע אָפּגרונטן און האָט ערגעץ־ווו אַן אויסגאַנג צו אים אין היימישן אַאול. אַלע זײַנע געדאַנקען און געפילן האָבן זיך שוין געטראָגן בלויז אַרום דעם כורבן אין דער היים לעבן דער מוטער, אַקור־ראַט, ווי קיין שום ווונדער איז נישט, וואָס פונעם געראַנגל מיט די דײַטשן איז אַרויס גאַנץ ער, אַלס אַזעלכער, און נישט זיי, אַלס אַזעלכע, — אַנדערש האָט נישט געקאָנט זײַן.

פריינטשאפט

צווישן די פארטיזאנער אין פול־געפאקטן ערד־שטיבל, וואס אינ־מיטן וואלד, האט אלעמאל אן אנדערער געפרווט זיך דערשלאגן, זי זאל זיך אף אים אומקוקן:

— זשאנא!

— א?... זשאנא!

נאר זשאנע איז אלץ געווען שטארק ארייינגעטאן אין באטראכטן דעם פילאט בירויקאוו, וואס איז אקארשט־א אין אנהייב שטארק־פראסטיקן טאג צום ערשטן מאל געקומען צו פליען אהער פון דער „גרויסער ערד”. ער איז געווען דער סאמע הויכער, מעכטיק־צעוואקסענער מאנצביל, וואס זי האט אף איר לעבנס־טאג געזען.

מיט א קלאפ אין טיש האט ער געצווונגען, מע זאל נאך אלע אפזא־געכצן דאך אוועקשטעלן פאר אים אין א קווערטל דאס, וואס ער פאדערט אף צו דערווארעמען זיך. פון דעם איז געווען צו דרינגען, אז אבוץ זיין גווורע, איז ער נאך, אזוי צו זאגן, א מענטש מיט א גאנץ שטורמישן כאראקטער.

און דאך האט אים זשאנע, קען מען זאגן, גענומען מיטן ערשטן קוק פון אירע ביז גאר שווארצע און ביז גאר קייל־עכדיקע אויגן. ווי נאר ער האט געכאפט אף זיך זייער בליק, אזוי באלד איז ער געבליבן זיצן קימאט ווי א סטאטיק, אן שום באוועגונגען. אים האט גענווונדערט: „ווי נעמט זיך גאר אין א מענטשנס אויגן אזא קראפט?”

מע דארף צוגעבן, אז לויט בירויקאווס ערשטן איינדרוק איז בא זשאנען אלץ, אויסער די אויגן, — ארייינגערעכנט די הענט און די פיס,

— געוועז זייער שוואַך אַנטוויקלט. מע קען זאָגן אַפילו: אומבאַהאָלפן. נאָר דער דאָזיקער איינדרוק האָט געקענט קומען פון דעם, וואָס דערזען זשאַנען האָט ער דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל, און גראָד אויף די הענט פון איר מוטער דער פּאַרטיזאַנקע, — זשאַנע איז צו יענער צייט אַלט געווען פּונקט צוויי יאָר מיט פינף כאָדאָשים.

ווי אַ מענטש מיט אַ שטורמישן כאַראַקטער, האָט בירויקאָוו פון טאָמיד אָן נישט געקענט פאַרטראָגן, מע זאָל אויף אים עפּעס אַרויפּצווינגען, זאָל זיין אַפילו אַ בליק.

— טי טשעוואָ? — האָט ער געפּרווּוט אויף זשאַנען זיך אָנבייזערן.

דאָס האָט נישט געהאָלפן. זשאַנע מיט איר קוטשעראַווע קעפּל איז ברייטלעך, ווי אַ מאַלכעס, געזעסן אויף דער מוטערס הענט און האָט נישט אָפּגענומען פון אים איר בליק. אַנו, עס זאָלן אַפילו אַ מינדסטן צימער טאָן די נייגיריקע פּלעמלעך אין אירע קיילעכדיקע שוואַרצע אויגן — אין יעדער אויג אַ ביז גאָר נייגיריק פּלעמל.

— דו קוק בעסער נישט אויף מיר! — האָט מיט אַ באַס איבערגעכאַזערט בירויקאָוו. — איך בין אַ בייזער דיאַדיע!.. אוך, אַ בייזער!

נאָר גראָד דערויף האָט אים זשאַנע געענטפערט מיט אַן אומבאַשטימטן קלאַנג „גגגאַ", באַגלייט מיט עפּעס אַ מין שוואַך שמייכעלע, וואָס האָט בלויז אין אַ פּאָר ערטער צעקרימט איר טונקל סאַמעט־גלאַט פּנעמל. און דאָס דאָזיקע שמייכעלע האָט געהאַט סאַכאַקל איין טייטש: זשאַנע, כאָטש דאָ, אינעם פּאַרטיזאַנישן טייל, האָט זי שוין נישט איין מאָל געזען אַרום זיך פאַרווּנדעטע און געהאַרגעטע, פונדעסטוועגן גלייבט זי נישט, אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן בייזע מענטשן. איינער קאָן אַמאָל מאַכן אַ מינע פון אַ בייזן — דאָס יאָ. נאָר טאַקע דאָס איז לויט זשאַנעס מיינונג קאָמיש, זייער קאָמיש.

— צו וואָס האַלט מען דאָ דאָס קינד? — האָט דאָס מאָל אויף אַן עמעס בייז געזאָגט בירויקאָוו.

— וואָס הייסט „צו וואָס"?

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיטן פּאַרטיזאַנישן טייל האָט זשאַנע שוין דורכגעמאַכט נישט איין הייסע שלאַכט. צוריק מיט אַ יאָר צוויי האָט איר מוטער — אַ יידיש מיטל־ווּוקסיק און זייער רירעוודיק ווייבל — זיך דערקליבן צום טייל מיטן קינד אויף די הענט — אַ פּיצל קינד פון

פינף באדאשים. נו, האָט מען איר דאָך נישט געקענט זאָגן: „גיי אוועק!" צי, לעמאָשל, ווי עס פּאַסירט אָפט מיט פּאַרטיזאַנישע טיילן: מע מוז מיט שלאַכטן איבערוואַנדלען פון איין אָרט אַפן אַנדערן, קען מען דאָך ווידער נישט זאָגן צו אַ מוטער: „וואַרף אוועק דײַן קינד". ווער שמועסט, אַז דאָס ווײַבל איז מיט דער צײַט געוואָרן אַ גוטע פּאַרטיזאַנקע, זיך אויסגעלערנט נישט שלעכט שיסן און פירט נישט שלעכט די פּאָליטישע אַרבעט אין טייל — זי איז אַ פּאַרטייישע. נו, אָט... און צום קינד האָט מען אין טייל זיך שוין צוגעוווינט... איר יידישן נאָמען העניע איז שווער אויסצורײדן, האָט מען דאָ איר אַ נאָמען געגעבן זשאַנע... אָ! עס איז שוין געוואָרן עפּעס ווי אַן אײַנגעשטעלטע זאַך, אַז אַנדערע, אײדער זיי לאָזן זיך אַף זייער אַ געפערלעכער אָפּעראַציע, גייען צו צו זשאַנען: „נו, זשאַנע... מירן פאַר דיר בײַשטיין, גיב אַ האַנט!", און זשאַנע טוט דעם בעסער און דערלאַנגט איר הענטל... און איינמאָל, באַם איבערוואַנדלען פון איין אָרט אַפן אַנדערן... — מע האָט געמוזט אָרגאַניזירן אַ קרײַז־פּאַרטיידיקונג — זשאַנען האָט מען באַשטאַט אין אַ גריבל — נו, נו, האָט מען זיך דעמאָלט געשלאָגן!!!..

*****

עס איז געווען בלאָטיק אין דרויסן. עס האָט אָן אויפהער געגאָסן דער רעגן.

די עטלעכע קילאָמעטער פון דער באַן־סטאַנציע אונטער מאָסקווע ביז צום קינדער־הויז, וווהין איך בין געגאַנגען, וואָלטן זיך געוווען געדאַכט פיל לענגער און פיל שווערער, ווי זיי זײַנען, ווען מיט מיר אינײַנעם זאָל אַהין נישט געווען גיין דער פּילאָט בירויקאָוו — אַ בלאָנדער צוואָקסע־נער גוואַר און אויך אַזאַ ברייטלעך צוואַקסענער מיט זײַן נאַטור. ער איז איינער פון יענע רוסישע מענטשן, וואָס ווי אָר דו ביסט אים מיט עפּעס געפעלן געוואָרן, אַזוי באַלד הייבט ער אָן זיך פירן מיט דיר ווי מיט אַ לאַנגאָניקן פרײַנט, און גייט גלײַך אריבער מיט דיר אַף „דו". און צווינגט דיך עסן פון זײַן פּעקל, אויב ער פאָרט מיט דיר אין איין קופּע, און לייגט דערבײַ אויס פאַר דיר אַ שטיק פון זײַן לעבן, און שטעלט אוועק אין אַ זײַט דאָס גלעזל, אויב דו זאָגסט זיך אָפּ מיט אים מיטצוטרינקען, און וועט דיך שוין רופן אין קאָמפּאַניע מיט זיך אומעטום, וווהין ער וועט גיין — אַפילע אין „טואַלעט".

אפֿן וועג אין קינדער־הויז האָט ער מיר דערציילט, ווי שווער אים איז אָנגעקומען אַרויסצורייסן זשאַנען פֿונעם פּאַרטיזאַנישן טייל. דעם עמעס געזאָגט, האָט קיינער אינעם פּאַרטיזאַנישן טייל נישט געהאַט קיין באַזונדערן כיישעק אָפּצולאָזן זשאַנען — נישט די פּאַרטיזאַנער און נישט אַפילע די מוטער. כאָטש, פֿון דער אַנדערער זייט: דאָס האַרץ פֿון אַ מוטער אין אַזאַ מין פֿאַל קען מען זיך פֿאָרשטעלן... נישט קיין גאַריש ווייבל, אַן ענערגישע אַזאַ, פֿון יענע, וואָס האָבן פֿון די פּיאָנערישע יאָרן אָן זיך אויפֿגעצויגן אין דער פּאַרטיי־אַטמאָספֿער. געדיכטע אומרויִקע שאָטנס האַלטן אין איין אַרומיאָגן אַף איר יונגן שוואַרץ־כיינעוודיקן פּאַנעם, און איר שטערן איז שטענדיק אָנגעשטרענגט, ווי זי וואָלט צו יעדער צייט זיך באַאומרויִקט, צי האָט זי נישט דורכגעלאָזט איינע פֿון אירע פֿיל אַרבעטן אינעם פּאַרטיזאַנישן טייל. דער מאַן אירער — אַן אַקטיאָר צי עפּעס אַ מין רעזשיסער פֿון אַ קאָלווירטישער טרופּע ערגעץ אין ווייסרוסלאַנד, איז, לויט אַלע אירע האַשאָרעס, אומגעקומען. פֿון אירע עלטערן אין וויטעבסק איז שוין אָפּגערעדט. געבליבן איז ערגעץ אין דער עוואַקואַציע איר שוויגער, שוין זייער אַן אַלטיטשקע — גיי זוך זי אויף. אוואַדע וואָלט דער מוטער זיך וועלן איבערשיקן דאָס קינד אַף דער „גרויסער ערד”. נאָר פֿון איין זייט, מיט וועמען וועט זי עס איבערשיקן? פֿון דער אַנדערער זייט — ווי וועט זי זיך מיטן קינד שיידן? געפֿינט זי אויס אַ טערעץ: אַף איבערצושיקן וועמען־ניט־איז פֿון אַ פּאַרטיזאַנישן טייל אַף דער „גרויסער ערד” דאַרף מען האָבן אַ דערלויבעניש פֿון די געהעריקע אָרגאַנען. „עד!” — מאַכט צו איר בירויקאָוו — „איך האָב שוין אַף זיך אַ פּאָר דיסציפּלין־אויפֿמאָנונגען, אַלץ איבער מיין כאַראַקטער... וועל איך שוין האָבן נאָך איין אויפֿמאָנונג”. ניין, זי איז אַ דיסציפּלינירטע פּאַרטייערן. באַם צווייטן רייס, וואָס בירויקאָוו האָט געמאַכט פֿון דער „גרויסער ערד” צום פּאַרטיזאַנישן טייל, האָט ער געבראַכט דעם ייִדישן ווייבל אַ דערלויבעניש אַף אַריבערצוברענגען מיט זיך דאָס קינד. שוין גוט? הייבט זיך אָן באַנייס אַ מייסע: צו וועמען וועט זי שיקן דאָס קינד? „סטייטש? — טייַנעט מיט איר בירויקאָוו. — צו דעם מאַנס מוטער, צו דער באָבען.”

„וואָס מיר באָבע? ווען מיר באָבע?.. אַז קיינער ווייסט נישט, ווּהין האָט מען די באָבע עוואַקוירט, סיידן עפּשער ווייסט עס דער אַלטערס

פּלימעניצע — אַ פּראָוויזאָרן אין אַ מאָסקווער אַפּטייק." „אַ פּראָוויזאָרן אין אַ מאָסקווער אַפּטייק? איז דאָך ווידער גוט." דורך דער פּראָוויזאָרן וועט בירױקאָוו זיך דערוויסן דער אַלטערס אַדרעס און וועט איר איבער־געבן דאָס קינד מאַמעש אין די הענט אַרײַן. ער גיט אָן ערנוואָרט, אַז וואָס עס זאָל נישט פּאַסירן — די באָבע וועט ער אויפזוכן...

ווער עס מיינט, אַז בירױקאָוו האָט דעמאָלט זײַן וואָרט נישט גע־האַלטן, יענער האָט אַ גראָבן טאָעס. ער האָט באַ זיך, ערשטנס, אַ „פּראָפּוסק" פאַר דער באָבען אַף צו קומען פון בוזולוק קײַן מאָסקווע, צווייטנס — אַ בריוו צו דער באָבען פון ווײַסרוסישן פאָלקאָמבילד, אַז מע שיקט איר אַרויס אַף הויצאָעס, און דריטנס — אַן אײַנלאַדונג פונעם קינדער־הויז, וווּהין מיר גייען איצט, אַז די באָבע זאָל קומען זיך זען מיט איר אייניקל. ווי נאָר מיר קומען אַרײַן אין ערשטן קאָרידאָר פונעם קינדער־הויז, באַווײַזט מיר בירױקאָוו אָט די אַלע דרײַ דאָקומענטן — זיי זײַנען אים אָנגעקומען צוריק פון בוזולוק מיט אַ צושריפט, אַז... זשאַ־נע האָט שוין מער נישט קיין באָבען...

און נאָך איינעם אַ דאָקומענט ווײַזט מיר בירױקאָוו. דאָס איז אַ בריוו פון זשאַנעס מוטער וועגן זשאַנעס יִכעס — אַ נײַער מין סאָרט מעטריקע, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„צו וועמען אין די הענט מײַן קינד זאָל נישט אַרײַנפאַלן, בעט איך, מע זאָל געדענקען: ס'איז אַ קינד פון אַ פּאַרטיזאַנקע".

— צו וועמען זשע איז דאָס געשריבן? — האָב איך זיך אינטע־רעסירט.

— צו וועמען?..

שמייכלענדיק, האָט בירױקאָוו צוריק אַרײַנגעלייגט דעם בריוו אין אייבערשטן טאַש פון זײַן פּילאָט־רעקל און צוריק פאַרשפּיליעט דעם טאַש אַפן קנעפּל, ווי אַ באַל־טאַכלעס.

— אַפּאָנעם, — האָט ער געזאָגט, — דער בריוו איז געשריבן צו דעם, באַ וועמען ער געפינט זיך...

***

אין קינדער־הויז, ווען מיר זײַנען אַהין צוגעקומען, האָט מען נאָר־וואָס פאַרפרי געהאַט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט.

אין גרויסן צימער, וווּהין מע האָט אונדז אַרײַנגעלאָזט, — אַ צימער

מיט אַ פּאַדלאָגע, באַדעקט דורכויס מיט גוט-געוועקסלטן רויטלעכן לי־נאָלעום, — זײַנען אַרום נידעריקע טישלעך געזעסן באַ אַנדערהאַלבן צענדליק קינדערלעך, אַלע — זייער פּאַרטאָן אין איבערכאַפּן. מיר זײַנען געבליבן שטיין באַ דער טיר.

— אָט איז זי! — האָט מיר אָנגעוויזן בירויקאָוו און איז געבליבן צוגעשמידט מיט די אויגן צו אַ ווײַטלעך טישל, ווו אונטער דער האַש־גאָכע פון אַן אויסגערוטער גענעצנדיקער ניאַניע האָבן דרײַ קינדער גע־זופּט זייער קיסעל פון די שעלעכלעך, — די סאַמע קלענסטע...

צו אונדז מיטן רוקן איז אַף אַ נידעריק בענקעלע געזעסן נאָך גאָר אַ קליין, נאָר פעסט מיידעלע מיט אַ דין העלדזעלע, מיט האָר אַפן נידעריק געשוירענעם קעפּל, וואָס ווי קורץ זיי זײַנען נישט, הייבן זיי דאָך אָן זיך קרײַזלען, און פון זייער שוואַרצקייט שלאָגט אַזש אָפּ מיט אַ גלאַנץ.

— זשאַנאַ! — האָט אַ רוף געטאָן בירויקאָוו און איז מיט אַ צע־עפנט מויל געבליבן שטיין אין וואַרטעניש.

זשאַנע האָט צוערשט נישט דערהערט, אַז מע רופט זי, און רויק געזופּט פון איר שעלעכל. באַם צווייטן רוף האָט זי דאַוועקע זייער גע־שווינד אויסגעדרייט צו אונדז איר קעפּל, נאָר געבליבן איז זי גאַנץ קאַלט, גרייט זיך באַלד נעמען צוריק צו איר שעלעכל. זי האָט ווירקלעך געהאַט זייער קײַלעכיקע און זייער שוואַרצע אויגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון צורירן זיך צו זיי מיט אַ פינגער וואָלט פון זייער שוואַרצקײַט געבליבן אַפן פינגער שפּורן.

— זי האָט מיך נישט דערקענט! — האָט מיט אומרו אין קאָל אַ זאָג געטאָן בירויקאָוו.

איך האָב זיך צו אים אומגעקוקט. זײַן פּאָנעם איז מיטאַמאָל געוואָרן פינצטער און צעקרימט, ווי עמעצער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אים שלאָגן. ביידע זײַנע הענט זײַנען פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ פרעגנדיקער פּאָזע:

— זשאַנאַ?! — האָט ער איבערגעכאַזערט מאָנענדיק און קימאַט בייז. — זשאַנאַ?!

זשאַנע האָט זיך פונסנײַ אין אים אײַנגעקוקט. מע קען זאָגן, אַז צוערשט האָבן בירויקאָוון דערזען בלויז די נײַגיריקע פלעמלעך, וואָס אין אירע אויגן. זיי זײַנען געוואָרן אַלץ ליכטיקער, אָט די נײַגיריקע פלעמ־

לעך, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן שמייכלען, פון דאָרט האָט דער שמייכל פאַ־מעלעך־פאַמעלעך גענומען זיך פאַרשפּרייטן איבער איר טונקעלן סאַמעט־גלאַטן פּנעמל. נישט בלויז פון איר מויל, נאָר טיף פון איר ברוסטל האָט מאַמעש אַ פליוכע געטאָן דאָס פריילעכע וואָרט:

— דדד... דיאַדיאַ!

גראַציעז, ווי מיט בעסעד, האָט זי נאָכדעם, זיצנדיק בא בירויקאָוון אויף די הענט, גענומען דאָס שטיקל שאָקאָלאַד, וואָס ער האָט איר דער־לאַנגט.

— אָט וועט איר זען, ווי קלוג אָט דאָס קליינע עסט! — האָט ביר־יוקאָוו צו מיר אַ שעפּטשע געטאָן.

ווירקלעך. זשאַנע, קען מען זאָגן, האָט געגעסן „מיט קאָפּ״. אָפּגע־ביסן אַ שטיקל שאָקאָלאַד, האָט זי נישט געאײַלט עס צעקײַען — זי האָט דעם ביסן אַ ווײַלע געהאַלטן אין מויל אָן שום באַוועגונג. בלויז אירע אויגן האָבן זייער פאַמעלעך זיך געגלאָצט אַרויף און אַראָפּ, און קענטיק איז געווען, אַז זי פאַרשט גרינטלעך די זאַך — זי געהערט צו יענע מענ־טשן, וואָס נאָך אַלעם איבערגעלעבטן פאַרזוכן זיי באַנײַס די וועלט זייער פאַרשנדיק: וואָס פאַר אַ טאַם האָט זי?..

***

— איך האָב באַמערקט, — האָב איך אויף צוריקוועגס פון קינדער־הויז געזאָגט צו בירויקאָוון, — איר האָט זיך מיטאַמאָל געהאַט אינגאַנצן איבערגעביטן... אָט דאַן, ווען זשאַנע האָט אײַך נישט באַלד דערקענט.

— אַ קלאָרע זאַך! — האָט אײַליק געענטפערט בירויקאָוו און איז געבליבן שטיין אינמיטן דער בלאָטע, איבער וועלכער מיר האָבן גע־שפּאַנט, — זשאַנע מוז האָבן אין לעבן כאָטש איין מענטשן, וועלכן זי דערקענט! Это очень важно.

עס איז געווען פינצטער, בלאָטיק און עסעדיק קאַלט. דער רעגן האָט געגאָסן נאָך שטאַרקער, ווי באַטאָג, און דער וועג דורכן וואַלד פונעם קינדער־הויז צו דער באַן־סטאַנציע וואָלט שוין אַוודע געווען זיך אויס־געדאַכט זייער און זייער לאַנג, ווען מיט מיר אײנײנעם זאָל נישט געווען

גיין אָט דער קרעפּטיק־צעוואַקסענער רוסישער מענטש. אין מײַנע אויערן האָבן נאָך אַלץ געקלונגען זײַנע ווערטער:

Это очень важно.

מיר האָבן זיי שטאַרק דערמאָנט אין די ווערטער, וואָס איך האָב אַמאָל, נאָך אין בירגערקריג, געהערט פון אַן אַנדער רוסישן מענטשן באַ גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען:

— טשטאָ ווי, שוטיטיע?!

אַן אײדעס

— 1 —

אין ברייטן אויסגעבראָכענעם אַרײַנגאַנג פון אַ גאַנץ געבליבן זייער אָפּגעלופּעט הויז שטייט אַ ייִד פון אַ יאָר זעכציק. אַלץ, אין וואָס ער איז אָנגעטאָן, בעט זיך, מע זאָל עס וואָס גיכער פאַרבײַטן אַף עפּעס אַנדערש. העכער פון זײַן קאָפּ הענגט אַן אָפּגעמעקטע שילד, אַף וועלכער מע קען איבערלייענען נישט מער, ווי דאָס וואָרט „מאַש". דער ייִד רירט נישט מיט קײַן אײן אייווער, ווי עס רירט זיך נישט דאָס וואָרט „מאַש". און פון דער זײַט דאַכט זיך מינוטנווײַז, אַז ער איז נישט קײַן לעבעדיקער — ער איז בלויז אויסגעמאָלט אין דער טונקעלער פּוסטקײַט פון דער פעלנדיקער טיר און צו זײַן געזיכט פעלט עפּעס, פּונקט ווי ס'פעלט עפּעס צום וואָרט „מאַש" אַף דער שילד, וואָס איבער זײַן קאָפּ.

אַרום-און-אַרום אים, אין דער נישט לאַנג באַפרײַטער רעפּובליקאַנישער הויפּטשטאָט, איז אַלץ נאָרוואָס באַלויכטן געוואָרן מיט אַ ווינטערדיקער זון, וואָס האָט זיך באַוויזן מיט עטלעכע שאָ שפּעטער, ווי זי איז אויפגעגאַנגען, אונטער איר שײַן ווערט פון רעגע צו רעגע אַלץ ווײַסער און ווײַסער דער באַנאַכט אויסגעפאַלענער שניי, און זײַנע פיל אַרויספינקלענדיקע אײַז-קרישטאָלעכלעך פאַרבלענדזשען מאַמעש די אויגן בײַ די דורכגייער. אַן אַרויסשטעקנדיקע ווײַסע וואַנט אין אַנטקעגנדיקן הייזער־געוואַלגער איז זייער העל באַלויכטן מיט זון, און דעריבער דאַכט זיך, אַז שטאַרקער ווי טאָמיד שרײַט היינט אַראָפּ פון אָט דער וואַנט דער פאַרבליבענער אומזיניקער אויפשריפט:

„כאַנען האָט מען אוועקגעפירט פון געטאָ דעם 27טן גאַנצפרי.“

ס'איז אַרום צוויי אַזייגער באַטאָג — די צײַט פון מיטיק־איבערײַס אין אַלע צענטראַלע אַנשטאַלטן. די גאַס ווערט וואָס אַמאָל לעבעדיקער, נאָר אָפן ייִדן אין ברייט־אויסגעבראָכענעם הויז־אַרײַנגאַנג איז נאָך אַלץ נישט צו באַמערקן, ער זאָל קלערן זיך רירן פון אָרט. פון די פיל דורכגייער, וואָס אײַלן דאָ פאַרבײַ, בלײַבט לעבן אים שטיין איינס אַן עלטער מיידל אין אַ לײַבטן, קימאַט זומערדיקן מאַנטל. זי טראָגט אָפן האַלדז אַ גאַרזשעטקע פון אַ יערושעדיק־אַלטן ברוינעם פוקס. און פון אונטערן ווײַס־וואַליטשקענעם בערעטל, וואָס אויף איר קאָפּ, זעען זיך אַרויס העלע גלאַט־פאַרקעמטע האָר, וואָס הייבן אָן גרוי ווערן.

— מיך? — פרעגט זי באַם ייִדן. — מיך דאַרפט איר?

איר דאַכט זיך, אַז דער ייִד האָט זי נאָרוואָס אַ רוף געטאָן. און טאַקע דאָ באַלד, באַם ערשטן קוק אויף אים, פאַלט איר אײַן, אַז ער איז אַ בלינדער — צי דאַרף ער נישט, מע זאָל אים „אַריבערפירן אָפן אַנדערן טראָטואַר?

— וואָס? — פרעגט קאַלטלעך דער ייִד.

נישט געײַלט פירט ער אויף זײַן פאַרשטאַרטן בליק פון דער וואַנט מיטן אויפשריפט, וואָס אין אַנטקעגנדיקן הײַזער־געוואַלגער, און פאַרהאַלט אים בלויז איין רעגע אָפן מיידל.

— מעגלעך, אַז אײַך דאַרף איך.

ער לייגט זיך עפּעס איבער באַ זיך אין געדאַנק, דערבײַ אָבער קוקט ער שוין ווידער נישט צום מיידל, נאָר גאָר צו די מעשונעדיק־געקניפּטע קרײַקעס און צו די אויסגעקרימטע שקראַבעס, וואָס אויף זײַנע פיס. גראָב ווי שטרוי, געשניטן מיט אַ סערפּ, שטעקן איינציקע ווײַס־גרויע האָר אין זײַן אויסגעפּאַלענעם שיטערן בערדל, און דורך פיל קנייטשן ווי דורך טיפע רינוועלעך פליסט אַ טויטע טונקלקײַט איבער זײַן גאַנצן לענגלעכן פּנים און גיסט זיך אַרײַן אין די שוואַרצע גריבער, וואָס אונטער זײַנע פאַרשמאַלטע אויגן.

— אויב מיקויעך קליידער, — טוט זיך אַ כאַפּ דאָס מיידל, — איז קומט אַרײַן צו מיר אין שטאָט־ראַט. איך אַרבעט דאָרט. איר וועט פרעגן דאָרע אַראָנסקי.

און מיטאמאָל דערפילט זי, אַז עפּעס צו גיך פליען בײַ איר די װער־טער פון מויל. דער ייִד, זעט זי, שטייט נאָך מער קאַלט װי פריער.

— ניין, — שאַקלט ער זיך סאַפּקאַלסאַף אָפּ, — קליידער?

אָנגעװיזן פּאַמעלעך אויף דער שילד, װאָס מיטן געבליבענעם װאָרט „מאַש", גיט ער אומעטיקלעך צו:

— כ'האָב זיך דאָ נאָרװאָס צונויפגערעדט מיקויעך אַרבעט. כ'בין אַ בלעכער... פון מײַרעװ־אוקראַיִנע קום איך.

ער רעדט אַלץ נישט געכאַפּט און אָפּגעריסן.

— מע װעט מיר דאָ שוין געבן עפּעס אָנצוטאָן.

ער טוט װי בײַ זיך אַליין אַ פרעג:

— אַ?..

און װי זיך אַליין ענטפערט ער:

— מע האָט מיר צוגעזאָגט.

ער זיפצט אָפּ:

— נישט אין דעם גייט עס.

ערשט איצט טוט ער רעכט אַ קוק אויפן מיידל. פּאַמעלעך־פּאַמעלעך נעמען זײַנע אויגן זיך פאַרשאַרן אונטער די ברעמען, װאָס טוען פון מאָל צו מאָל אַ ציטער, און נישט זײַן מויל, נאָר עפּעס גאָר זײַנע באַקן טוען בייזלעך און פון זיך אַ װאַרף די װערטער:

— כ'בין אַן איידעס!

אַ פּאַוזע.

— אַן איידעס?

דאָס מיידל װיל טויפּעס זײַן, װאָס מיינט מיט דעם דער ייִד. װי פון װייטיק אין די שליפן קנייטשן זיך אירע אויגן — בלווילעכע, שוין אַ ביסל אָפּגעבליאַקעװעטע און צו װוילע, מע זאָל קענען מיט זיי אַרײַנקריכן אַ מענטשן אין דער נעשאָמע. לעבן די לעפּלעך פון איר קורצער נאָז װערן געדיכטער די רויטלעך־פאַרבלויטע קאַלירן, װאָס דערמאָנען אין איר אָפּ־געשפּילטער יוגנט.

— דער איינציקער געבליבענער איידעס, — דערהערט זי װידער דעם ייִדנס קאָל, — אָט, װי איר זעט...

— אָך, דאָס מיינט איר?

דאָס מיידל רעכנט, אַז זי פאַרשטייט שוין בעערעך, וועגן וואָס גייען דאָ די רייד.

— גאָט מײַנער! — וויל זי אַ טרייסט טאָן דעם ייִדן צו זיך אַליין,

— ווער איז דען הײַנט נישט קײַן איידעס?.. און ווער איז דען הײַנט נישט קײַן געבליבענער?.. איך אויך — פון אַ פאַמיליע זאַלבע־אַכט...

— הערט, וואָס מע זאָגט אײַך! — ווערט מיטאַמאָל בייז דער ייִד.

ער רעדט וועגן אַ טויטן־לאַגער ערגעץ־ווו אונטער לוואָוו. ער מאַכט אַ פּאָר טריט צום מיידל און כאַפּט זי אָן פאַרן מאַנטל. מאַמעש אַף אַ טרייסל צו טאָן מיט איר. ער איז, שטעלט זיך אַרויס, געבליבן איינער פון אַריבער אַ מיליאָן... מע דאַרף, מיינט ער, פאַרשרײַבן אַלץ, וואָס ער האָט געזען.

— און אַליין, — קלאָגט ער זיך, — בין איך שוין גאָר שוואַך — אָ!.. היינט וואָס בעבעט איר? איך פרעג בא אײַך: איר ווילט פאַר־שרײַבן צי ניין?

דערשטווינט, קימאַט דערשראָקן שטייט אַקעגן אים דאָס מיידל, וואָס הייסט דאָרע אַראָנסקי און אײַלט זיך צו איר אַרבעט אין שטאָט־ראַט און געדענקט, אַז אין קאָרידאָר לעבן דער טיר פון איר צימערל וואַרט צו יעדער צײַט פיל מער אויפעם ווי לעבן אַנדערע שכיינישע טירן. זי הערט קוים, וואָס דער ייִד רעדט צו איר. זי זעט בלויז, ווי אַקעגן אַף דער ווײַ־סער אַרויסשטעקנדיקער וואַנט באַלײַכט די זון אַלץ העלער דעם אומ־נוצלעכן אויפשריפט:

„כאַנען האָט מען אַוועקגעפירט פון געטאָ דעם 27טן גאַנצפרי.”

און אַ געפיל איז בא איר אַזאַ, אַקוראַט ווי פון אומעטום, פון אַלע גאַנץ־געבליבענע ווענט דאָ אין שטאָט שרײַען איצט צו איר אַראָפּ אָן אַ שיר אַזעלכע אומנוצלעכע און אומזיניקע אויפשריפטן:

„כאַנען האָט מען אַוועקגעפירט פון געטאָ דעם 27טן גאַנצפרי.”

— 2 —

פון דעמאָלט אָן קומט דער ייִד אַלע אָפּדערנאַכט צו דאָרע אַראָנסקי אַהיים.

דער ייִד דערציילט — דאָרע פאַרשרײַבט.

די וווינונג פון די אַראָנסקיס — אַ וווינונג פאַר אַ מישפּאָכע זאַל-

בע־אכט אין האַלב־כאַרעוון הויז פון „כימטרעסט" — איז דורכוים פאַר־וואַלגערט מיט אַרומיקן געברוך. נישטאָ נאָך דערהווייל, ווער עס זאָל אָפּ־ראַמען אַהין דעם וועג. פון דער גאַנצער מישפּאָכע אַראָנסקי איז קיינער אַכוץ דאָרען נישט געבליבן לעבן, און אירע אַלע באַקאַנטע זיינען אָדער אומגעקומען דאָ אין שטאָט, אָדער זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך אומ־צוקערן פון דער עוואַקואַציע. דאָס מעבל פון אַלע צימערן האָט מען צע־טראָגן. אָפּגעזוכט האָט זיך צום־אַלעם־ערשט דער אַלטער קיילעכיקער טיש — אַ טיש, אַרום וועלכן געזעסן איז אַ מישפּאָכע זאַלבע־אַכט. ער איז געוועזן ביז לעצט צעפּאָרן. שוין גאָר קיין קיילע נישט. דאָרע האָט אַרום אים גענוג געשוויצט און אים געטאָן זיין רעכט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט ווידער באַקומען אַ שטיקל כיזעק אין לעבן.

איצט שטייט שוין דער טיש אויף זיין פריערדיק אָרט בא די אַראָנסקים אין גרויסן עס־צימער. דאָרע האָט אים צוגעדעקט מיטן איינציק־פאַרהיטן סערוועט — אַן אַלט געוועבט סערוועט מיט אַ טיפן אימבער־געלן אוזאָר און מיט קורצע, נאָר זייער גראָבע טרעלדלעך. דער שווערער קיילעכיקער טיש האָט דורך דעם ווידעראַמאָל באַקומען זיין אַמאָליקע כשיוועס. און אַרום אים אויף די אָפּגעלופּעטע ווענט האָבן זיך ווי אויסגעלייטערט יענע ערטער, וווּ די אייל־פאַרב „פּאָד דוב" איז געבליבן גאַנץ. דאָס איז גע־ווען אַ שטאַרקע אייל־פאַרב אין אַ פיינער ווינונג — מיט איר האָט אַמאָל דער „כימטרעסט" פּרעמירט דעם אַלטן כימיקער מאָרדכע בענציאָ־נאָוויטשן — דעם פאָטער פון דער מישפּאָכע אַראָנסקי — אַ מונטערן פּולבלוטיקן זאָקן, וואָס אַז די דייטשן האָבן אים געפירט צו דער טליע אינאיינעם מיט זיין שאָכן דאָ אין הויז, דעם רוסישן פּראָפעסאָר בירױ־קאָוון, — האָט דער גאַנצער שטאָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פירט מען צו דער טליע אַלע וויכטיקע אויפטועכצן פונעם גאַנצן אָרטיקן „כימטרעסט".

פון דער אַלטער ליוסטרע, וואָס איבערן קיילעכיקן טיש, איז גע־בליבן נישט מער ווי דער הוילער קאַרקאַס. דאָרע האָט אים פאַרדראַ־פירט מיט איר פאַרביקן זיידענעם האַלדז־טיכל. זי האָט אַוועקגעלייגט נישט ווייניק קויכעס אויף צו דערוואַשן די פּאָדלאָגע מיט הייס וואַסער און מיט זייף.

און ווידער איז אין די ווינטערדיקע אָוונטן געוואָרן היימלעך בא די אַראָנסקים אין ווינונג.

אַרום דעם פֿאַרשפּרייטן קײַלעכיקן טיש פֿילט זיך אָן אויפֿהער אַ נאָגנדיקע וואַרטעניש. וואָס ריינער אין צימער, אַלץ נאָגנדיקער איז דאָס וואַרטעניש. פֿון שטאָט-ראַט האָט מען דאָרען אַרײַנגעשטעלט אַהער אַ טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט. ער געפֿינט זיך אין ווײַטן ווינקל פֿונעם גרויסן פֿוסט-לעבן עס־צימער און האָט נאָך דערווײַל נישט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. דאָס איז אַ קאַלטער, שטענדיק-שווײַגנדיקער מעכאַניזם. פֿון אים, אַזוי דאַכט זיך, נעמט זיך די קאַלטקייט אין דער גאַנצער געוועזן־ראַשיקער וווינונג, ווי פֿאַר דער מילכאָמע פֿלעגט דער טעלעפֿאָן קימאַט קיין מינוט נישט רוען.

עס מאַכט זיך:

איינמיטן שטילן אָוונט טוט זיך פּלוצים אַ ריר דאָס טעלעפֿאָן־צינגעלע צווישן די צוויי ניקלנע דעכעלעך און ברענגט אַרויס, ווי אומגערן, אַן אומקלאָרן ציטעריקן קלאַנג. דאָרע ווייסט, אַז דאָס פֿאָרעט מען זיך אַוואַדע ערגעץ־ווו אַף דער צענטראַל־סטאַנציע מיט די טעלעפֿאָן־דראָטן. און דאָך בלײַבט זי זיצן מיט אַ פֿאַרשטאַרבן האַרץ, ווי גלײַך אָט-אָט וועט זיך דערהערן אַ רוף כאָטש פֿון אַ טייל געוועזענעם רוישיקן לעבן. זינט אָנהייב מילכאָמע איז נישטאָ קיין שום יעדיעס פֿון אירע צוויי יינגסטע ברידער געגאַדי און באָרע — אַ פּאָרל, וואָס האָבן ביידע בעשוטפֿעס געוווינט דאָ אין וווינונג אין איין צימער און ביידע בעשוטפֿעס זיך געגרייט צו די סטודענטישע עקזאַמענעס, אַף איין פֿאַקולטעט, און זײַנען ביידע, ווי בעשוטפֿעס, אַוועק אַפֿן פֿראָנט. איז אָט: צי איז נישט געשען אַ נעס כאָטש מיט איינעם פֿון זיי?

דאָרע טוט אַ ציטער, ווי גלײַך אָט-אָט וועט זי דערהערן אין טעלעפֿאָן:

— ער לעבט!

איינמאָל אין אָוונט — דאָרע און דער ייִד האָבן זיך דאָ נאָרוואָס געהאַט צוגעזעצט צום טיש — האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און אַרײַנגעקומען איז אַהער אַ יונגער מענטש — זייער אַ וווקסיקער און זייער אַ דינער. אַ באַזונדער שלאַנקייט האָבן אים צוגעגעבן די אָפֿיצערישע קליידער אָן די פּאַגאָנעס און די פּאָרטופּייע, וואָס ער האָט פֿון צוגעוווינטקייט נאָך אַלץ אַף זיך געטראָגן.

אַוואַדע אַ מינוט און מער זײַנען דאָרע און דער אַרײַנגעקומענער

געשטאַנען פאַרגליווערט און פלוצעם אַרויפגעפאַלן איינער דעם צווייטן אַף די העלדזער. דער ייִד האָט צוגעקוקט, ווי עס גערויערט היפשלעך, ביז דעם יונגן מענטש גיט זיך איין באַרויִקן דאָרען. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס האָט פון דער מילכאָמע זיך אומגעקערט דעם פראָפעסאָר בירויקאָווס ייִנגסטער זון קיריל — יענער, וואָס האָט ווי אַ ווונדערקינד צו צוואַנציק יאָר געענדיקט איינצייַטיק דעם פילאָלאָגישן און דעם פיזישן פאַקולטעט. ער איז, הייסט עס, נישט דאָרעס ברודער און נישט אַפילע איר וויַטסטער אייגענער. מער נישט, וואָס דאָרעס פאָטער, דעם אַלטן כימיקער מאָרדכע בענציאָנאָוויטשן, און קירילס פאָטער, דעם פראָפעסאָר בירויקאָוון, האָבן די דייַטשן אויפגעהאַנגען דאָ אין שטאָט פאַר איין זאַך און קימאַט אַף איין טליִע — הייַנט גיי זאָג, אַז זיי קערן זיך נישט אָן אַזוי נאָענט, אַז נענטער קען שוין נישט זייַן.

— 3 —

דאָס פייערל פונעם איינציקן עלעקטרישן לעמפל זיפט זיך קוים-קוים דורכן שיטערן זייַדנס, און באַ אָט דער שייַן, וואָס באַלייַכט קנאַפ די אַרומיקע קאַלטע פוסטקייַט, זיצט דאָרע גאַנצע אָוונטן אַקעגן דעם פרעמדן ייִדן, דעם בלעכער פון מייַרעוו־אוקראַיִנע, און פאַרשרייַבט אַלץ, וואָס ער דערציילט וועגן דעם טויטן־לאַגער אונטער לוואָוו.

דאָס, וואָס זי הערט פונעם ייִדן, איז אַ סאַך ערגער פון אומקום, פיל שרעקלעכער ווי טויט. אָט צו וואָס דייַטשן האָבן דערפירט אינעם לאַגער אונטער לוואָוו: לויט זייער באַפעל האָבן פריער געבראַכטע ייִדן — דורכויס צוגעקליבענע ייִדן און ייִדענעס מיט פייַנע פענעמער — געמוזט אויסגעפוצטערהייט ווי צו אַ כאַסענע באַגעגענען עשעלאָנען מיט נייַ-געבראַכטע און זיי פאַרזיכערן:

— איצט מעגט איר שוין זייַן רויִק.

— דאַנקט גאָט!

— דאָ וועט איר שוין בלייַבן לעבן.

— זייַט זיכער...

— דאָ וועט אייַך שוין זייַן גוט.

דאָרע פאַרשרייַבט געטרייַ און נישט געכאַפט, באַמיִענדיק זיך דע-

ריקער, אַז אינעם איבערגעבן אַף רוסיש דאָס, וואָס דער ייִד דערציילט אַף ייִדיש, זאָל נישט אַרײַן קײַן גרײַזן און קײַן פּאַרווילדונגען פון דער רוסישער שפּראַך. אירע פּלייצעם הויקערט זי דאָ גאַנצע שאָען מיט סאָוואָלאָנישער גרייטקײַט, פּונקט ווי זי הויקערט זיי גאַנצע טעג בײַ איר אַרבעט אין שטאָט־ראָט. איר פּלײַסיקײַט איז אָן אײַנגעוואָרצלטע, אַ שטענדיקע, געיאַרשנט פון אַ טאַטן אַ געלערנטן און פון זיידעס לאַמדאָנים. אין טאָך גענומען איז איר נישט אינגאַנצן קלאָר, וואָר דאַרף אָט די מי אירע לעבן אָט דעם ייִדן און וואָס וועט דערפון אַרויסקומען. בלויז ערגעץ טיף אין זיך פילט זי, אַז דאָס אַלץ האָט אַ שײַכעס צו די פאַרשווונדענע געגאַדין און באָרעץ, צום אומקומען פון איר פאָטער, פון איר גאַנצער מישפּאָכע און פון אַלע אירע נאָענטע דאָ אין שטאָט, פונוואַנען בלויז איינציקע האָבן באַוויזן זיך ראַטעווען. מיט איר פאָטער, ווי מע דערציילט איר איצט דאָ אין שטאָט, האָבן דאָך די דייטשן געטאָן קימאַט דאָס אייגענע, וואָס מיט די ייִדן אינעם לאַגער אונטער לוואָוו: אימעם פּרימאָרגן, אײידער זיי האָבן אים אויפגעהאנגען, האָבן זיי אים אײַנגעשפּאַנט אין אַ וועגעלע, ווי מע שפּאַנט אײַן אַ פערד — מיט אַ כאָמוט און מיט אַ דוהע — און אים געצוווּנגען שלעפּן אַ פאַס וואַסער איבער דער הויפּט־גאַס.

פּול מיט ערנסט איז דאָרעם פּאָנעם און איר קאָל, בעיס זי לייענט איבער פאַרן ייִדן אייניקע פון זײַנע ווערטער, איבערגעזעצט אין רוסיש, און וויל וויסן, צי האָט זי זיי ריכטיק פאַרטײַטשט.

— יאָ, — טוט אומעטיק זיך אַ שאָקל דער ייִד און טראַכט אַ ווײַלע — אַזוי אַפּאָנעם איז עס.

ער האָט איר איינמאָל אין אַזאַ פאַל שוין געענטפערט:

— מיך פרעגט איר דאָ מעווינעס?.. וואָס קען איך אײַך דערויף זאָגן?.. די צאָרעס זײַנען געוועזן אַף ייִדיש...

דעם ייִדנס פאַרשוואַרצט פּאָנעם דערמאָנט אין אַ האָלעוועשקע, געראָטעוועט פון פלאַמען און פון סרייפעס. עס פילט זיך פון אים, אַזוי דאַכט זיך, אַ רייעך פון געסמאָליעטע ביינער. דאָרע האָט פונזײַנעטוועגן צוגעמאָסטעט צום טיש אַ לאַנגע באַנק, ער זאָל קענען זיך צושפּאַרן און האַלב ליגן. קוים וואָס ער רעדט, אַזוי אָפּגעשוואַכט איז אַלץ, וואָס אין אים איז נאָך געבליבן לעבן; און דערציילן דערציילט ער דערווײַל נאָך

אַלץ וועגן איינער פון די ערשטע פּאַרטיעס, וואָס מע האָט אַוועקגעפירט פונעם טויטן-לאַגער אַף אָפּצוסאַמען אין דער „קאַמערע" און אַף צו פאַרברענען. און פּאַרטיעס האָט מען פון דאָרט געפירט אַ סאַך, אַ סאַך, גאָר אָן אַ שיר. און אין יעדער פּאַרטיע האָט ער אַ באַזונדער סימען, וואָס לאָזט נישט, ער זאָל זי פאַרפעלן.

— אין איין פּאַרטיע, — דערציילט ער, — איז געווען אַ יונגע פרוי, זייער אַ גרויסע שיינהייט... אַ קראַסאַוויצע — גאָרנישט אויסצומאָלן — אויספאָרן וועלטן. און געווען איז אין יענער פּאַרטיע איינער נאָך גאָר אַ יונגער מאָלער — אויך אַ ייִד. פלעגן די דייטשן אים אָנידערזעצן, ער זאָל זי אַראָפּמאָלן, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, מיט אַלערליי פאַרבן. און ער פלעגט זי באַמאָלן און וויינען, באַמאָלן און וויינען, און זי האָט זיך אַלץ איינגערעדט, אַז מע וועט זי לאָזן לעבן — אַלץ איבער איר שיינקייט. און אויך דער יונגערמאַן, דער מאָלער, האָט אַזוי געגלייבט, און אויך אַנדערע האָבן געגלייבט. און נאָכדעם, אַז מע האָט זי דאָך גענומען פירן אינאיינעם מיט אַלע אין דער קאַמערע...

דאָרע פאַרשרייבט גיך-גיך, פאַרגעסנדיק שוין גאָר אינגאַנצן, אַז זי דאַרף זיך היטן, עס זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן קיין גרייזן באַם איבערגעבן דעם ייִדנס ייִדישע ווערטער אַף רוסיש. דער ייִד איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן — פון שוואַכקייט אַפּאָנעם. דאָרע וואַרט צו אַ ווײַלע, נישט אָפּרייסנדיק די אויגן פון די פריש-אָנגעשריבענע שורעס. און פלוצעם הייבט אָן דערגיין צו איר זייער אַ שטיל כליפּעריי, באַגלייט מיט נאָך שטילערע היכצן און קרעכצן. זי דערהערט אַ נאָגנדיקן געיאָמער, ווי אַ זשומעריי פון אַ פליג, וואָס וואָלט קעסיידער זיך קלאַפּן און קלאַפּן אין פענצטער און וואָלט אומעטום זיך אָנגעשטויסן אַף גלאָז — אַף גלאָז פון שויבן. דאָרען איז אַ וווּנדער: וועגן אַלע מערדערייען האָט דעם ייִדן געקלעקט שטאַרקייט צו דערציילן, און איצט וויינט ער. טרערן רינען איינע נאָך איינע איבער זיין לענגלעך פּאָנעם דורך די פיל קנייטשן און בלייבן הענגען אַף די איינציקע האָר, וואָס שטעקן אין זיין אויסגעפאַלענעם בערדל, — האָר גראָבע ווי שטרוי, געשניטן מיט אַ סערפּ.

— וואָס איז מיט אייך? — פרעגט דאָרע באַם ייִדן. — איר וויינט?

— יאָ, — כליפּעט קוים אַרויס דער ייִד, — אַף אָט דער שיינקייט אירער, וואָס זיי האָבן פאַרברענט... עס כאַפּט זייער אָן באַם האַרצן.

ווירקלעך, עם כאַפּט זייער אָן באַם האַרצן. דאָרע טוט פּלוצעם אַ וואָרף איר קאָפּ אויף די עלנבויגנס, וואָס זי האַלט אַפּן טיש. און וואָס מער זי באַמיט זיך איינצוהאַלטן אין זיך דאָס געוויין, אַלץ מער טרייסלען זיך אירע אַקסלען. מיט אַלע כּושים פילט זי, אַז זי באַוויינט אַ בראָך, וואָס איז ברייט ווי אַ יאַם, זי באַוויינט אומגעקומענע שיינקייט: גאָט אין הימל!.. וויפל שיינקייט זיי האָבן אומגעבראַכט...

ווען דאָרע שטילט זיך איין, דערזעט זי, אַז דער אויסגעמאַטערטער ייד דרעמלט — אים האָט איינגעשלעפערט זיין אָפּגעשוואַכטקייט. מיט פאַרוויינטע אויגן קוקט זי זיך איין אין ווייטן צימער-ווינקל, ווי מע קוקט זיך איין אין אַ פוסטקייט. זי וואַרט אַ מינוט פינף און מער, און אין איר מויעך דרייען זיך פון זיך אַליין די ווערטער, וואָס זיינען אויפגעשריבן דאָ אין שטאָט אויף אַ גאַנץ געבליבענער וואַנט. מעכאַניש פאַרשרייבט איר האַנט אויף דער לינקער ריינער זייט פונעם לעצטן פאַרשריבענעם בלעטל:

„כאַנען האָט מען אַוועקגעפירט פון געטאָ דעם 27טן גאַנצפרי“...

נאָר דער ייד דרעמלט נאָך אַלץ האַלב ליגנדיק אויף דער באַנק, וואָס זי האָט דאָ פונזיינעטוועגן צוגעמאָסטעט צום טיש. דורך די פיל קנייטשן, ווי דורך טיפע רינוועלעך, פליסט אַ טויטע טונקלקייט צו די שוואַרץ־גריבער, וואָס אונטער זיינע צוגעמאַכטע אויגן, און בײַ דער שיין פונעם איינציקן עלעקטרישן לעמפּל, וואָס זיפּט זיך פון אויבן דורך דעם שי־טערן זיידנס, זעט אויס זיין פּאָנעם ווי דאָס וואַקסענע פּאָנעם פון אַ טויטן אין אַ טרונע. דאָרע געדענקט איר פאָטערס פּאָנעם: ציגל־ראָזעווע באַקן פון אַ פעסטן, ברייט־אַקסלדיקן זאָקן — פון יענע, וואָס בלייבן ענערגיש און פול מיט אימפּעט ביז די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן, — באַקן, וואָס זיינען אָנגעגאָסן מיט כאָכמע אין אַלע זייערע צעהאַקטע שפּעלטיקלעך. אומגעריכט פאַר זיך אַליין הייבט זי אָן פאַרשרייבן אויף דער לינקער ריינער זייט פונעם לעצטן בלעטל:

„...און די מאַמע, וואָס האָט מיט אים דורכגעמאַכט אַ לאַנג לעבן, האָט שטענדיק געהיט זיין געזונט, ווי דאָס וואָלט זיין איר הויפּט־באַרוף אין לעבן. געווען איז זי פון בעסאַראַביע — זייער אָן איבערגעגעבענע, אַ קרעפּטיקע נאָך אויך אין אירע עלטערע יאָרן. קיינער פון די קינדער געדענקט נישט, מע זאָל ווען־ניט־איז אין איר לעבן האָבן גערופן צו איר

אַ דאָקטער. און מיר דערציילט מען דאָ, אַז אין יענעם אינדערפֿרי, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז די דײַטשן האָבן דעם טאַטן אײַנגעשפּאַנט אין וואָגן, ער זאָל שלעפּן איבער דער הויפּט־גאַס אַ פֿאַס וואַסער, האָט זי זיך אַרויסגעגאַנוועט פֿון געטאָ, פֿאַרבונדן איר קאָפּ און איר פּאָנעם אין אַ פּויעריש טיכל און איז אַוועק העלפֿן דעם טאַטן שלעפּן דעם וואָגן. די דײַטשן האָבן זי אַלעמאָל אָפּגעטריבן, און זי האָט זיך אַלעמאָל באַנײַס דורכגעריסן צום וואָגן און האָט אים אונטערגעשטופּט. די דײַטשן האָבן גענומען זי שלאָגן און האָבן זי אומגעוואַלגערט. זי איז געבליבן ליגן אין אַ טײַך בלוט, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און, צעשלאָגן, דורכווים אין בלוט, וואָס האָט גערונען פֿון איר פּאָנעם און פֿאַרנעצט די צעשמיסענע האָר אַף איר קאָפּ, באַנײַס גענומען אונטערשטופּן דעם וואָגן, און דאָס איז געווען איר מילכאָמע מיט די דײַטשן, ווײַל נישט בלויז מיט ביקסן און מיט קוילן האָט מען מילכאָמע געהאַלטן און געווען די דײַטשן, נאָר אויך מיט שיינקײַט, מיט געווייגלעכער מענטשלעכער שיינקײַט.״

— 4 —

עס טרעפֿט:

ווען דאָרע פֿאַרזיצט זיך שפּעטלעך אין אָוונט מיטן ייִדן, קומט אַהער אַרײַן קיריל. גיין איז אים נאָך אַלץ נישט גרינג — זײַנער אַ פֿוס איז פֿון נאָך אַ פֿאַרווּנדונג געבליבן אַ ביסל אײַנגעצויגן אין קני, און מע ווייסט נאָך דערווײַל נישט, צי ער וועט זיך מיט דער צײַט אויסגלײַכן צי נײן. קיריל איז גרייט די רעגע אַוועקצוגיין צוריק, נאָר דאָרע פֿאַרזיכערט אים, אַז ער שטערט נישט, און פֿאַרהאַלט אים.

קיריל האָט, אייגנטלעך, נישט וווּהין צו אײַלן. זײַן גאַנצע מישפּאָכע איז אומגעקומען. זײַן פֿאָטערס וווינונג — אַף איין עטאַזש מיט די אַראָנסקים — האָט ער געטראָפֿן פֿאַרקלאַפּט, פֿאַרצויגן מיט שפּינוועבס, פּוסט און פּונקט אַזוי פֿאַרוואַלגערט מיט שטוקאַטור־ברוך, ווי דאָרע האָט דאָ צוריק מיט אַ וואָכן דרײַ געטראָפֿן אירע. שווײַגנדיק זיצט ער דאָ בײַם טיש. ער קוקט זיך אײַן אינעם ייִדן. קירילס יונג פּאָנעם איניינעם מיט די גרויע אויגן זײַנען די גאַנצע צײַט אַ ביסל אָנגעשטרענגט, ווי ער וואָלט וועלן גרינטלעך באַנעמען עפּעס אַזוינס, וואָס אים איז נישט אײַנ־

גאַנצן קלאָר. נישט מיט ווייניק ייִדן האָט ער פון קינדוויַיז אָן זיך אָנ־געזען דאָ אין שטאָט. מיט אייניקע קען ער זיך מער נאָענט. אַנדערש פון זיי אַלע זעט אים אויס אָט דער ייִד, וואָס איז, ווי אים האָט געזאָגט דאָ־רע, געבליבן איינער פון אַ מיליאָן — ער איז אויסגעמאַטערט, אָפּגע־שוואַכט, זינגט צו און שאָקלט זיך באַם ריידן. און טאַקע וויַיל קיריל פאַרשטייט נישט קיין ייִדיש, קומט אים פאָר, אַז דעם ייִדנס ווערטער וועגן דעם טויטן־לאַגער אונטער לוואָוו זיַינען מיסטאָם זייער טיפּזיניקע און זייער שטאַרקע — ווערטער וועגן אַ מיליאָן אומגעבראַכטע לעבנס. אַ קליינקייַט!

אַף די באַשריבענע בלעטלעך, וואָס ליגן אַפן טיש לעבן דאָרען, קוקט ער דעריבער מיט באַזונדער אָפּשיַי. פון צוריק מיט אַ יאָר צען גע־דענקט זיך אים אַן אָוונט, ווען זיַין פאָטער, דער פּראָפעסאָר בירױקאָוו, האָט צום ערשטן מאָל פאַרשלעפּט פון ערגעץ צו זיך אַהיים מאָרדכע בענציאָנאָוויטשן — אַפּאָנעם פון נאָך דער אַרבעט אין דער לאַבאָראַ־טאָריע פון „כימטרעסט”, ווו דער פּראָפעסאָר בירױקאָוו האָט דענסטמאָל געמאַכט זיַינע עקספּערימענטן אַף צו פאַרוואַנדלען עפּעס זייער שלעכט־שמעקעוודיקס אין זייער שמעקעוודיקס. באַם אַריַינקומען פון גאַס האָבן זיי געהאַלטן אין סאַמע מיטן אַמפּערן זיך.

— איך וויים איין זאַך, — האָט האַלב ווערטלענדיק זיך, האַלב ערנסט געטיַינעט מאָרדכע בענציאָנאָוויטש. — דערוויַיל שטינקט מעסוקן נישט בלויז אין דער גאַנצער לאַבאָראַטאָריע, נאָר אויך אַרום און אַרום אין אַלע קאָרידאָרן, איך קען דאָרט פּאָשעט נישט אײַנזיצן באַ מיר אין קאַבינעט, און צי וועט דערפון אַמאָל אָנהייבן שמעקן, איז גאָר אַ גרויסע פראַגע. איך גלייב נישט... און צו וואָס?.. גענוג איז, אַז אין לעבן זאָל מען נישט שטערן צו פאַרשפּרייטן גוטע רייכעס אַלץ, וואָס איז פון דער נאַטור שמעקעוודיק.

קיריל בליַיבט אַ וויַילע זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי שמייכ־לענדיק פאַרוים פון זיך אַליין און פון דעם, וואָס ער וועט באַלד זאָגן:

— אין אָט די בלעטלעך דיַינע וואָלט מען, מעגלעך, געמעגט אַריַינ־שריַיבן אויך וועגן אונדזערע ביידנס אַלטיטשקע — וועגן מיַין פאָטער און וועגן דיַינעם... די פאַרשטייסט צי ניין — קאָמיוניסטן...

ער פאַרגעסט, אַז איין פּוס איז באַ אים איַינגעצווינגן אין דער קני,

און הייבט אָן ארומצוהינקען הין און צוריק לעבן דאָרען. ער רעדט, ווי זײַן טעווע, מיט צו קורצע פראַזן און צו גרויסע אינטערוואַלן, בעיים וועלכע זײַנע דינע ליפּן פארמאַכן זיך שטײַף, ווי אַף נישט צו עפענען זיך שוין מער. און ארום זײַן יונג מויל, וואָס ווערט באוואַקסן מיט א מילד טונקל־בלאָנד בערדל, הייבט אָן ארומצושוועבן א קינדעריש־כיינעוודיקע שעמעוודיקייט. ער רעדט אזוי, אקוראַט ווי נאָך יעדער פראַזע וואָלט אים עמעצער אונטערטרײַבנדיק א שטויס געטאָן: „נו, ווײַטער! ווײַטער!" ער דערמאָנט מיט זײַןריידן אין אַן איינגעשטילטן יאַם, וואָס מיט דעם ריטמיש־פּאמעלעכן אַנקלאַפּן זיך אָן די ברעגעס זאָגט ער אָן, אַז ער קען זייער שטאַרק רוישן.

— יאָ... — זאָגט ער. — קאָמיוגיסטן... עטלעכע־און־זעכציק־יאָריקע קאָמיוגיסטן.

און ער דערציילט דאָרען אַלץ, וואָס ער האָט זיך דאָ אין שטאָט דערוווּסט וועגן זיי — וועגן זײַן פאָטער און וועגן איר פאָטער:

— וואַליען געדענקסטו?

— וואַליע?.. אין טעאַטער און אין קינאָ פלעג איך דיך זען מיט א מיידל, א שיינינקע. נאָך גאָר א יונגע — א יאָר זעכצן — זיבעצן.

— נו, יאָ...

וואַליע איז דאָס געקומען צו קירילס פאָטער אהיים, צום פּראָפעסאָר בירױקאָװן. דאָס איז געווען נאָך אין די ערשטע טעג פון דער דײַטשישער אָקופּאַציע. וואַליע האָט אָפּגערופן דעם פּראָפעסאָר אַף א סאָד:

— מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אין איינער א לאַבאָראַטאָריע פון „כימטרעסט" זאָלט איר אויספאַרטיקן האַנט־גראַנאַטן און מיר וועלן די גראַנאַטן צושטעלן די פּאַרטיזאַנער.

— „מיר"? — האָט זיך געוווּנדערט דער פּראָפעסאָר. — ווער איז דער „מיר"?

— מיר — די אונטערערדישע קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע.

— מיט עלטערע האָט איר קאָנטאַקטירט?

— זײַט רויק...

דעמאָלט האָט דער פּראָפעסאָר בירויקאָוו זיך געהאַלטן אַן אייצע מיט מאָרדכע בענציאַנאָוויטש און... ביידע — ער און מאָרדכע בענציאַנאָוויטש — זײַנען, אזוי קומט אויס, אינעם זיבעטן יאָרצענדליק פון

זייער לעבן אַרײַנגעטראָטן אין דער אָרטיקער קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע.
קיריל קנייטשט מיט די אַקסלען.

— ווי דו ווילסט דיר, — זאָגט ער צו דאָרען. — אַף צו מאַכן צו־ריק יונג דעם אַלטן פּאָוסטן האָבן דײַטשן געמוזט אַראָפּברענגען אַזאַ פּינצטערן צינישן גײַסט, ווי מעפיסטאָפעלן, און בײַ אונדז האָט עס דורכ־געמאַכט דער לויכטיק־גלייבנדיקער גײַסט פון דער קאָמיוגיסטן וואָליע. צי ליגט נישט אויך אין דעם דער אונטערשייד צווישן אונדזער מענטשן און זייערן?

דאָרע ענטפערט דערויף גאָרנישט. זי האָט נישט געענדיקט, ווי קי־ריל, קיין שום פילאָלאָגישע פאַקולטעטן און מוז נאָך דאָ גוט אַ טראַכטן, וואָס ער מיינט. זי קוקט אַף קירילן אָנגעשטרענגט, מיט אַזאַ אויס־דרוק, ווי גלײַך איר וואָלט פון רעגע צו רעגע אַלץ מער געשטאָכן אין די שלייפן.

— 5 —

צוגעקומען איינמאָל אין אָוונט צו דער טיר פון די אַראָנסקים וווי־נונג, האָט קיריל דערהערט פון דאָרט דאָרעס אַ האַרצרײַסנדיק געשריי, באַגלייט שיר נישט מיט אַ היסטערישן קוויטש:

— פּאָמאָגיטיע!!!

אַזוי שרײַט מען אינמיטן דער נאַכט, ווען מע ווערט פּלוצעם באַ־פאַלן אַף אַ פּוסטער גאַס. זיכער, אַז אין עס־צימער וועט ער טרעפן אַ גרויס איבערקערעניש, האָט קיריל זיך זייער אײַליק אַרײַנגעריסן אַהין אין טיר, נאָר צו זײַן באַוווּנדערונג דערזען דאָס זעלבע פּוסטלעך־צוגע־קליבענע עסצימער, וואָס טאָמיד. מער נישט, וואָס אַף דער צוגעמאָסטע־טער באַנק לעבן דעם קײַלעכיקן פאַרשפרייטן טיש איז דער ייִד דאָס מאָל געלעגן מער אויסגעצויגן, ווי געוויינלעך. די הענט זײַנען אים גע־ווען צונויפגעלייגט אַף דער ברוסט, און בײַ דער קנאָפּער שײַן, וואָס זיפּט זיך דורכן קאָלירטן זײַדנס, האָבן די לעפּלעך פון זײַנע צוגעמאַכטע אויגן אָפּגעלויכטן מיט גלאַנץ. אַפּאַנעם פון דעם, וואָס מע האָט דאָ אַף אים געגאָסן וואַסער. באַגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָט דאָרע אַ לויף געגעבן צום טעלעפאָן אין ווינקל און גענומען עפּעס אַרײַנשרײַען אין טרײַבל.

מעוואַלבל האָט גלײַך נאָך איר זיך אַ לאָז געטאָן קיריל און קימאַט מיט גוואַלד זי אָפּגעשלעפּט פון דאָרט:

— דער טעלעפאָן אַרבעט דאָך נישט.

— אָך, יאָ...

דאָרע האָט אָפּגעאָטעמט ווי נאָך אַ קאַשמאַר.

— גאָט מײַנער!.. ער גייט אויס, אָדער ער איז עפּשער גאָר שוין אויסגעגאַנגען... וואָס זשע טוט מען איצט?... גאָט מײַנער!

און אַ כאַפּ געטאָן אַף זיך איר מאַנטל, האָט זי אַוועקגעיאָגט ערגעץ־וואוהין זוכן אַן אַרבעטנדיקן טעלעפאָן, אַרויסרופן „גיכע־הילף", זיך אַרײַנכאַפּן צו אירן אַ באַקאַנטן דאָקטער און אים אהער ברענגען.

פונעם שטאַרקן קלאַפּ, וואָס דאָרע האָט באַם אַוועקלויפן געטאָן מיט דער טיר, האָט זיך אַ וויג געגעבן דער הענגענדיקער קאַרקאַס און דאָס עלעקטרישע פײַערל אונטערן זײַדנס האָט אַף אַ רעגע זיך אַ זעץ געטאָן, ווי אַף אויסגעלאָשן צו ווערן. דערנאָך איז אין עסצימער מיטאַמאָל גע־וואָרן זייער שטיל, און אָט די שטילקייט האָט גענומען געבן קירילן אַלץ מער און מער צו פילן, אַז ער געפינט זיך דאָ אַף דער וואַך, איינער אַליין מיט אַ מענטשן, וואָס האַלט באַם אויסגיין.

אָנגעשטרענגט און פאַרשפּיצט איז געווען דעם ייִדנס נאָז מיט די געשלאָסענע אויגן און געשלאָסענעם מויל. אַזוי אָנגעשטרענגט און פאַר־שפּיצט זעט אויס דאָס פּאָנעם פון אַ מענטשן, וואָס האָט לאַנג און ערנסט געצילט אין עפּעס, נאָר געבליבן אינמיטן — נישט דערצילט. דאָ אַפן טיש זײַנען געלעגן די בלעטלעך מיט זײַן נישט פאַרענדיקטן דערציילן וועגן אַ מיליאָן מענטשן, וואָס ער האָט אָנגעוווירן אינעם טויטן־לאַגער ערגעץ־ווו אונטער לוואָוו — וועגן אַ גאַנצן מיליאָן! אין קירילס אויגן האָט דער ייִד איצט יעדנפאַלס אויסגעזען, ווי איינער פון די גרעסטע באַלאַווירעס אין דער וועלט.

קיריל האָט זיך צוגעזעצט צום טיש. גענומען צורוקן צו זיך און אויפמישן די בלעטלעך, האָט ער דערפילט צו זיי עפּעס אומבאַקאַנטס, ווי עס טרעפט געוויינטלעך, ווען מע זעט פאַר זיך די לעצטע אַרבעט, וואָס אַ מענטש האָט פאַרן טויט געטאָן, נאָר נישט דערטאָן. אַף אָט די בלעט־לעך, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, וועט ער אַוואַדע געפינען עפּעס זייער שטאַרקס, אַזוינס, וואָס איז נאָך דורך קיינעם ביז איצט נישט אַרויס־

געזאָגט געוואָרן. נאָר צו זײַן באַוווּנדערונג זײַנען דאָרט אַלע ווערטער און פּראַזן געוועזן זייער געווייינטלעכע און פּראָסטע. טרוקן, קימאַט ווי אין אַ פּראָטאָקאָל, איז אַף איינעם אַ בלעטל געווען באַשריבן, ווי אַזוי אַ צו קינד גייענדיקע פרוי איז אומגעקומען לעבן אַ גרוב אינײַנעם מיט אַ גוואַלדיק גרויסער מענגע נאַקעט אויסגעטועטע און האַלב נאַקעטע מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער און פאַרשיידענעם געשלעכט.

„און בעיים איינע פון די פיל קוילן האָט געטראָפן דער פרוי אין קאָפּ, האָט זי שוין געבוירן דאָס קינד. און ווען מע האָט זי אַרײַנגעשטויסן אין גרוב אַרײַן, האָט איר זיך אין שטויב נאָכגעשלעפּט אַהין דאָס קינד, באַהעפט באַם נאָפּל צו דער מוטער.”

איבערגעלייענט וועגן דעם, פאַרקרימט ער זײַן פּנים, ווי נאָך האָבן געלאָזט זיך אַרויסרײַסן אַ צאָן.

אַף דער לינקער זײַט פון אַן אַנדער בלעטל געפינט ער די פּראָטים פון מאָרדכע בענציאָנאָוויטשעס טויט, פאַרשריבן מיט דאָרעס האַנט. און שוין אַליין דער נאָמען „פּראָפעסאָר ביריוקאָוו”, וואָס זי דערמאָנט דאָרט עטלעכע מאָל, הייבט אָן אַרויסצורופן אין קירילן אַן אומגעהויערע בענקשאַפט צום פאָטער — אַ שטאַרקע און קלעמענדיקע בענקשאַפט. דאָ אין דער נאָענטקײַט פונעם ייִדן, לעבן וועלכן ער איז געבליבן אַף דער וואַך, שווימט אויף באַ אים אין זיקאָרן איינער אַ מאָמענט פון זײַנע יונגע קינדער־יאָרן, ווען ער איז אינײַנעם מיט אַנדערע עטלעכע קינדער אין הויף האָבן באַלײדיקט אַ ייִדיש ייִנגעלע. גראָד דענסטמאָל איז פון דער גאַס אָנגעקומען זײַן פאָטער און אײַליק אים אַרײַנגערופן אין שטוב אַרײַן, אים אַרײַנגערופן זייער שטרענג, ווי אַף באַלד מעקײַעם־פּסאַק צו זײַן, נאָר דאָך, אַרײַנקומענדיק אין קאָרידאָרל, זיך דערמאָנט, אַז ער האָט עפּעס נייטיקס צו טאָן, און איז גלײַך אַוועק צו זיך אין קאַבינעט. ערשט אין אָוונט האָט אים דער פאָטער אַרײַנגערופן צו זיך אין קאַבינעט, פאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר און אים קלוימערשט אויסגעזאָגט אַן ערנסטן סאָד, אַז ער, דער פּראָפעסאָר ביריוקאָוו, איז גאָר אינדערעמעסן... נו, יאָ... זײַן פאַמיליע איז אינדערעמעסן גאָר אַבראַמסאָן — גאָר אַ ייִד, הייסט עס... אַ שטיק צײַט האָט דער פאָטער נאָכדעם אים, קירילן, געלאָזט מיינען, אַז ער איז אַ ייִד.

וואָס מער קיריל האָט זיך דערמאָנט אָנעם פאָטער, אַלץ שטאַר-

קער האָט אים דורכגענומען זײַן בענקשאַפֿט און געפּאָדערט, ער זאָל זי אין עפּעס אויסגיסן. ער האָט נישט געדענקט, ווען האָט ער דאָ באַם קײַלעכיקן פֿאַרשפּרייטן טיש גענומען די פּען אין האַנט און ווען האָט ער גענומען פֿאַרשרייבן אַף דער לינקער זײַט פֿונעם לעצטן בלעטל זײַנע לעצטע זיכרוינעס וועגן זײַן פֿאָטער, דעם אומגעקומענעם פּראָפעסאָר בירויקאָוון.

פּלוצעם האָט קיריל דערפֿילט, אַז ער איז מער נישט דער איינציקער לעבעדיקער מענטש דאָ אין צימער. אַ קער געטאָן געשווינד דעם קאָפּ, האָט ער דערזען דעם ייִדן, ווי ער זיצט אָנגעשפּאַרט מיטביידע הענט אַף דער צוגעמאָסטעטער באַנק באַם טיש, און דורך פּיל קנייטשן, ווי דורך טיפֿע רינוועלעך, פֿליסט בענקשאַפֿט איבער זײַן לענגלעכן טונקעלן פּאָנעם און גיסט זיך אים אַרײַן אין די שוואַרצע לעכער, וואָס אונטער זײַנע האַלב־צוגעמאַכטע אויגן.

דערפֿילט לעבן זיך דעם צוגעלאָפֿענעם קירילן, טוט דער ייִד אַ ציטער.

— וואָס איז? — וווּנדערט ער זיך. — מע האָט געמיינט, איך בין געשטאָרבן?

פּאַמעלעך נעמען זײַנע אויגן זיך פֿאַרשאַרן אונטער די אויפגעציטערטע ברעמען, און נישט זײַן מויל, עפּעס זײַנע באַקן טוען אַ וואָרף אָפּ פֿון זיך די ווערטער.

— ווי קען איך שטאַרבן?... איך בין דאָך אַן איידעס!

דער סקולפּטאָר

— 1 —

אַ דרײַסיק־יאָריקער, אַ בלאָנדלעכער, אַ מין שאָר־האָבאָר מיט לאַנגע זייער שטאַרקע הענט און מיט אומגעלומפּערט גראָבע פויסטן. ווען נישט די קינדערשע טמימעס אין זײַנע גוטע ריין־בלויע אויגן, וואָלט מען געקענט אָפּ אים מיינען: ער איז אַ געפּעק־טרעגער ערגעץ באַם יאַם, ווו מע לאָדט אָן שיפן. יעדער מיוון, וואָס האָט געקענט זײַנע סקולפּטור־פיגורן אין די מוזייען און אָפּ אַלע גרעסטע אויסשטעלונגען, האָט באַם באַקאַנען זיך מיט אים שיר נישט געגאַפּט:

— אין אַ פּראָסטן לאָגל ס'אַראַ פּײַנער ווײַן!

אָנהייב מילכאָמע איז ער אַפּן פראָנט אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן אין די הענט. אַנטלאָפן פון געפענקעניש, איז ער אָפּגעווען צוויי מיט אַ האַלב יאָר צווישן פּאַרטיזאַנער.

סאָף מילכאָמע איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער איז געוואָרן אַ פּאָשעטער פאַריקמאַכער באַ זיך אין דער אַמאָליקער היים.

***

די היים:

איינע פון די שטילע מיטעלע שטעט אָפּ דער גרענעץ צווישן פּאָדאָליע און וואָלין.

מיט כיין פון עפּעס נישט־דערבליטס און נישט־דערוואָקסנס האָבן דאָרט פיל טשערעפּענע דעכער אַרויסגעקוקט פונעם טאָל.

א שמאָל טײַכל — ווי א געעפנטער ערד־אָדער פול־און־פול מיט בלוי בלוט — האָט אָפּגעטיילט די הײַזער פון א לאַנגער פּאַסמע גרינס מיט שאַרף־שפּיציקע טאָפּאָלן, וואָס פאַרשטעלן מיט זיך אַף יענער זײַט ברעג די ציכטיקע ווײַסקײַט פון צענדליקער און צענדליקער אוקראַיִני־שע שטיבלעך אינעם דערבײַיִקן דאָרף.

דאָס איז געווען א גאַנץ אַלטע ייִדישע שטאָט.

זי האָט אָפּגעשפּילט איר ראָל אין פיל ייִדישע פאָלקס־מײַסעס וועגן ערדישע לאָדעגישן מיט הימלשן גאָט.

באַליידיקט־מאָנענדיק איז איר נאָמען געבליבן פאַרצייכנט אַף די שאַר־בלעטער פון פיל ייִדישע ספרים, וואָס מע האָט אַמאָל אין איר געדרוקט.

אויסגעקומען איז:

צו די ספרים — די קאַדעש־זאָגער נאָך דער שטאָט — האָבן זיך באַהעפט מעטאַל־פיגורן, מאַרמאָר־ביוסטן און באַרעליעפן פון איינעם אירן א באַוווינער.

***

די קליינע שטאָט — אַפן צווייטן אָדער דריטן טאָג נאָך איר פרײַ ווערן פון די דײַטשן — האָט ער געטראָפן גאַנץ, קימאַט נישט גערירט. און דאווקע דאָס איז פאַר אים געווען פיל שרעקלעכער פון יעדן שווי־דער, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַפן וועג אַהין.

געווען איז סאַף זומער, ווען ער איז אָנגעקומען אַהין פונעם ווײַט־לעכן וואָקזאַלעכל — אָנגעקומען צופוס און מיט אַזא געפיל, ווי גלײַך דעם לעצטן באַרג־אַראָפּ איז ער אָפּגעלאָפן אָן אָטעם.

דער טאָג — א ברענענדיק־הייסער, זייער א ווינטיקער און זייער א שטויביקער — האָט געשמעקט מיט טשאַד פון סרייפעס, כאָטש אינעם גאַנצן האָריזאָנט האָבן די אויגן קײַן איינציק פײַערל נישט געזען.

אַלע גאַסן און געסלעך זײַנען געווען פוסט. אַלע הײַזער — אייניקע אָן טיר־און־פענצטער — זײַנען געשטאַנען אויסגעליידיקט, אָן א מינדסט שטיקל מעבל.

קיין רויך איז נישט געגאַנגען פון קיין איין קוימען, און דאָך האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ אַרום־און־אַרום רויכערט זיך און טליעט.

קײַן טויטע קערפּערס האָבן אין ערגעץ זיך נישט געוואַלגערט, נאָר אין דער לופט האָט דער הייסער ווינט פון אומעטום דערטראָגן צו דער נאָז אַ רייעך פון מאַרג — פון דער גאַנצער שטאָט האָט זיך געפילט ווי פון אַ נישט־באַגראָבענעם מעס.

פאַרשטויבט און נישט אָפּגעגאָלט, אין די פּאַרטיזאַנישע קליידער, וואָס ער האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן פון זיך אַראָפּצוּוואַרפן, איז ער געבליבן שטיין אינמיטן מאַרק, אַ גוואַר אַ יונג מיט אַ ברוין פאַרקוילט פּאָנעם, ענלעך צו אַ פאַרגרעבטן ריזיקן האָלצהעקער, וואָס וויפל ער פאַרדינט נישט, פרעסט ער עס באַלד אויף און פאַרזויפט עס. אַזאַ איז ער אַרוים פון נאָך צוויי מיט אַ האַלב יאָר שווערן פּאַרטיזאַנישן לעבן. בלויז אין זײַנע בלוילעכע באַזונדער רייִנע אויגן האָט נאָך אַלץ זיך גע־טויוולט עפּעס זייער איידלס און צאַרטס, ווי בײַ אַ גוט און ליב קינד, וואָס גלייבט ביטמימעס אין אַלץ, וואָס מע זאָגט דעם, און איז גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס מע בעט בײַ דעם.

ווייטיקלעך און פרעגנדיק איז געווען דער בליק, מיט וועלכן זײַנע אויגן האָבן פון מיטן מאַרק פּאַמעלעך־פּאַמעלעך אויסגעקוקט אַרום זיך אַלע זײַטן. דורך זײַן האַלב־אָפּענעם מויל האָט די גאַנצע צײַט טיף פון דער ברוסט זיך געריסן אַ שטילער, נאָר זייער שווערער קרעכץ:

— האַ־אַ־אַ־אַ־אַ!...

און ווילד איז געווען, וואָס אַט דעם קרעכץ איז ער נישט בעקויעך צו דערוואָרגן אין זיך, ווי אַ מעסוקן־דאַרשטיקער איז נישט בעקויעך זיך אָפּצורײַסן פונעם וואַסער, צו וועלכן ער איז צוגעפאַלן. און געשטאַרקט האָט זיך אַלץ מער און מער דער קרעכץ און זיך איבערגעגאָסן אין אַ ברייט און מעכטיק געבריל דאָ אינמיטן דער אַרומיקער פּוסטקייט.

און פּלוצעם האָט ער דערפילט, אַז ער הייבט אָן באַהערשט ווערן פונעם פעלער, וואָס אים איז פאַרבליבן פון נאָך איינער אַ שווערער קאָנטוזיע. ער קען זיך מער נישט האַלטן אויף די פיס און פאַלט אום דאָ אינמיטן מאַרק אין כאַלאָשעס, און ווי טאָמיד אין אַזאַ פאַל, פליט בײַ אים דורך אין זיקאָרן דער מאָמענט, ווען ער האָט באַקומען די קאָנטוזיע: אין שפּיץ פון אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער האָט ער דעמאָלט זיך אַרויס־געריסן פון אַ גראָבן בײַ דער זײַט פונעם שאָסיי־וועג און האָט אויסגע־שריגן, ווי אים האָט זיך געדאַכט, מיטן גרעסטן געשריי אין זײַן לעבן:

— פּאַרט־טי־זאַ־ני!... זאַ מנאַ־יו!!!

דאָס מאָל האָט לעבן אים עפּעס ווי אַ שווינדל געטאָן אַ פיגור אין שוואַרצן, נאָר באַלד האָט ער אָן דעם פאַרגעסן.

מיד און צעבראָכן פון נאָך דער קאָנטוזיע-אַטאַקע, נאָך נישט גע־קומען איינגאַנצן צו זיך, איז ער לאַנג געזעסן אַף די טרעפּלעך פון דער שטוב, אין וועלכער ער איז דאָ אין שטאָט געבוירן געוואָרן — אַ שמאָלע און אַלטע שטוב. אַרויסגערוקט אַ קאַפּעלע פונעם ענג־פאַרבויטן ווינקל, האָט זי מיט איינעם פון אירע צוויי פאַרנטיקע פענצטער געקוקט פון דער קרים אין מאַרק אַריין, געקוקט אַהין בעטלעריש, ווי זי וואָלט קע־סיידער געהאַלטן אין איין כאַזערן:

— לאָזט מיך... לאָמיך אויך אַ קוק טאָן אין מאַרק אַריין...

דאָ איבער זיין קאָפּ, עטלעכע מעטער העכער די טרעפּלעך איז, צו־געקלאַפּט סאַכאַקל נאָר מיט איין צוואָק, געהאַנגען אין דער קרים זיין געהאַרגעטן פאָטערס פאַריקמאַכער־שילד מיט די אויסגעמאָלענע צוויי מענטשן: איינער זיצט גאַנץ ברייטלעך איינגעהילט אין אַ ווייס ליילעך, דער צווייטער זייפט אים מיט ווילדן כיישעק דאָס פּאָנעם.

דאָס איז געווען די שילד, וואָס ער, דער שפּעטערדיקער סקולפּטאָר, האָט זי געמאָלט נאָך גאָר אַמאָל, ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר צוועלף און האָט נאָך געאַרבעט באַם טויב־שטומען פאָטער, ווי אַ לערניינגל.

דאָ נישט ווייט האָט זיך געוואַלגערט אַ הילצערן זאַלץ־ברעטל אַף קאָשער מאַכן פלייש, נאָך גאָר אַ ניי זאַלץ־ברעטל, און געקוקט האָט ער אַף דעם זייער לאַנג און אָנגעשטרענגט, ווי אַף צו דערמאָנען זיך אָן עפּעס.

דער ווינט, וואָס האָט סאַף טאָג גענומען אויפהייבן אין מאַרק גרויסע וואָלקנס שטויב און פאַרפינצטערן מיט זיי די לופט, האָט פון מאָל צו מאָל דערגרייכט אויך אַהער אין ווינקל. פאַר די טרעפּלעך, ווו ער איז געזעסן, האָבן איינעם מיט זאַמד און מיט אַש זיך דורכגע־טראָגן כאַפּטעסוויז פיל צעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר, און צווישן זיי האָבן פון זייטל אַף זייטל זיך איבערגעקערט האַלב־אָפּגעברענטע מעזו־זעס צי קאַמייעס און אויך אַזעלכע האַלב־אָפּגעברענטע שטיקלעך פון זייער אַלטע ווערסלען — פאַרגעלטע יידישע ווערסלען, אויסגעשטעלט עפּעס נאָך גאָר אַף העברעיש. און די צעהוידעטע בלעכענע פאַריקמאַ־

בער־שילד האָט איבער זײַן קאָפּ אַלץ אונטערגעסקריפּעט, צוגעקנאַקט, און דאָס איז געווען דער איינציקער קלאַנג, וואָס פון זיך האָט אַרויסגעגעבן אַ שטאָט — אַ גאַנצע שטאָט.

דערנאָך, צו פאַרנאַכט־צו, האָט דער ווינט מיטאַמאָל זיך אײַנגעשטילט. אַרויסגעשפּרונגען ערגעץ דאָ נישט ווײַט פון אַ מיסט־גרוב, האָבן בייז זיך געריסן צווישן זיך עטלעכע פאַרווילדעטע זייער אויסגעדאַרטע קעץ, און צווישן די ווײַטע אוקראַיִנישע שטיבלעך, וואָס זײַנען אויף יענער זײַט שמאָלן טײַכל פאַרשטעלט מיט שאַרף־שפּיציקע טאָפּאָלן, האָבן מיט גרוים כיישעק גענומען אַרבעטן איינציקע טעסליער־העק. און פון דעם איז געווען קלאָר, אַז נאָך איידער ער, דער סקולפּטאָר, איז אַהער געקומען, האָט מען שוין באַוויזן זיך אומצוקערן אין דאָרף אַרײַן פון די אַרומיקע וועלדער און אַז פון ערגעץ אַ גרעסערן באַפרײַטן צענטער זײַנען אַהער שוין דערגאַנגען באַפעלן, וואָס מע זאָל אויפבויען באַלד אויף דער הייסער מינוט. און אָט האָבן איצט שוין געהאַקט און געהאַקט אָט די העק עפּשער צען, עפּשער צוואַנציק מיטאַמאָל, געטעסעט מיט וואַקסנדיקן אימפּעט, ווי אײַנבײַסנדיק זיך אַלץ טיפער און טיפער אינעם טאָם פון אַ באַנײַעם באַפרײַט לעבן.

מיט מעשונע־הילכנדיקע ווידערקוילעס האָט אויף די קלעפּ פון די העק אָפּגעענטפערט די דורכוים פּוסטע שטאָט. און גראָד דאָס איז פאַר אים דאָ אויף די טרעפּלעך געוואָרן שרעקלעך ביז נישט צום איבערטראָגן מער — גראָד דאָס, וואָס אויסער אים איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל דערהערן די קלעפּ פון אָט די העק.

ער וואָלט פון זײַן היימשטאָט געוועט אוועק באַלד אָדער מאָרגן, ווען אים זאָל אין יענעם טאָג נישט געווען באַמערקן די אַכט־און־דרײַסיקיאָריקע טעקליע — איינע פון די קאָלווירטניצעס, וואָס האָבן קימאַט אַלע פאַרלוירן זייערע מענער און האָבן, ווי אַן אַרטעל, באַאַרבעט אין נאָענטן וואַלד עטלעכע אויסגעטיילטע שטיקלעך ערד.

ער וואָלט געווען אַנטלאָפן פון דאָרט, ווען טעקליע זאָל נישט געווען גווירעם זײַן, ער זאָל זיך פאַרהאַלטן צוליב קלייניקײַטן — דורכוים קלייניקײַטן — און דאָך אַזעלכע, וואָס זײַנען געבונדן מיטן אָנדענק פון זײַן געהאַרגעטן פאָטער, דעם טויב־שטומען פאַבריקמאַכער.

— 2 —

טעקליע האָט געטראָגן גראָבלעכע שטיוול, ווי אַ מאַנצביל, געבויט אין וואַלד פאַרן קליינעם קאַלווירט שטיבלעך און שטאַלעכלעך, ווי אַ מאַנצביל, בעריעש געטאָן אַלע שווערע אַרבעטן, ווי אַ מאַנצביל. און דאָך האָט עפּעס אַ מין מיידלש־פרישע הארבקײט זיך נאָך אַלץ אויסבאַהאַלטן אינעם בליק פון אירע אויגן — דורכזיכטיק־ברוינע שוואַרצאַפּל און שלע־פעריקע ווײַסלעכער, פאַרבלויט ווי מיט סינקע. אַף קיינעם וועט איר בליק נישט קוקן לענגער ווי איין־איינציקע רגע, אי דאָס ניט מער ווי דורך אַ שמאָל שפּעלטיקל, וואָס אים מאַכן אויף די לאַנגע נישט פּינטל־דיקע וויעס.

אהער צו די טרעפּלעך, ווו ער איז געזעסן, האָט טעקליע אין יענעם פאַרנאַכט געבראַכט צו פירן אַ ציג אַף אַ שטריקל. איר לענגלעך שוואַרץ־ביינעוודיק פּאָנעם, געניט אָפּגעברענט פון נאָך אַרבעטן דעם גאַנצן זומער אַף דער זון, האָט דאָך אויסגעזען קאַלט — טונקל־ברוינער מאַרמאָר. אַ שאַרפער גערוך פון וואַלד־סאָסנעס האָט זיך געטראָגן פון אירע קליידער, פון אירע הענט און, ווי אים האָט זיך געדאַכט, אַפילו פונעם בליק, מיט וועלכן זי האָט אַף אים אַ קוק געטאָן — זייער אַ קורצער בליק, אַ פאָך פון די וויעס און שוין.

געשטאַנען אַ ווײַלע אין אַ שטיל־שווײַגעניש. געקלערט און געקלערט, האָט זי סאָפּקאָלסאָף צוגעבונדן די ציג אַפן שטריקל צו איינעם פון די פּידאַשעק־סלופּעס און געפּויעלט באַ זיך אים געבן צו וויסן, אַז דאָס איז זײַן געהאַרגעטן פּאַטערס ציג:

— ס׳הייסט יאָ... דעם טויב־שטומען פאַריקמאַכערס ציג.

טעקליע האָט גענומען אַוועקגיין, און ער איז אַלץ געזעסן פאַרהיל־צערט און דערשלאָגן. אַוואַדע אַ מינוט און מער האָט ער נאָכגעקוקט דער אַוועקגייענדיקער פרוי, נישט פילנדיק, אַז דאָס מויל איז באַ אים גוילע־מיש־אָפן, און נישט באַגרײַפנדיק, וואָס קומט דאָ פאָר: שוין זשע איז ווירקלעך קיינער אַכוץ אים און אַט דער פרוי דאָ אין שטאָט נישט גע־בליבן?... אַפּאָנעם, אַז אַזוי איז עס... און אָט האָבן זיי זיך באַגעגנט אין דער אָרומיקער גרויסער פאַרוויסטונג — אַ פרעמדער „אַדאָם“ מיט אַ פרעמדער „כאַוועך“... און דאָס איז אַלץ...

ערשט נאָכדעם האָט ער געגומען רופן צוריק די פרוי.

— כ'פארשטיי נישט... וואָס האָט איך געזאָגט, — האָט ער געפרעגט בא איר, — וועמענס איז די ציג?

אין דער זעלבער צײַט האָט ער זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס די פרוי זעט אים אויס מאָדנע קענטלעך, ווי זי וואָלט איינמאָל אין לעבן זיך שוין געווען האָבן דורכגעטראָגן פאַר זײַן בליק. גראָד האָט דער ווּנדער האָט אים אַרויסגעפירט פון זײַן פאַרהילצערטן צושטאַנד. ער האָט געהאַט אַ סאַך וועגן וואָס צו פרעגן. ערשטנס:

— פונוואַנען איז געדרונגען, אַז דאָס איז דעם פאַבריקמאַכערס ציג?

דערויף האָט טעקליע געהאַט אַ גאַנץ פּאַשעטן ענטפער: די ציג האָט דער טויב־שטומער פאַבריקמאַכער פאַראיאָרן געהאַט אָפּגעגעבן אין אַר־טעל אַף „זימיוווליע".

— אַזוי?...

מער ווי אַף טעקליען האָט ער געקוקט אַף דער ציג — אַ ציג ווי אַלע ציגן, אַ יונגע נאָך... אָפּן אויסזען אַ דרײַ־יאָריקע, נאָר אַ גאַנץ זשוואַ־ווע און צוגעלאָזענע... קוקט מיט צופרידענע ציגן־אויגן אָט אַף טעקליען, אָט אַף אים, ווי זי וואָלט וועלן וויסן, וועגן וואָס רעדט מען... אַפּאָנעם אויפגעצויגן געוואָרן פון קליינערהייט אָן צווישן מענטשן און זיך צוגע־וווינט, מע זאָל זי קיצלען און גלעטן, אָט ווי עס גלעט זי איבערן רוקן טעקליע... און דאָ לעבן דער שטוב פילט זי זיך, די ציג, אַפּאָנעם גאַנץ היימיש, קוקט אַ ווײַלע צו דער טיר, ציטערנדיק מיט די צאַרטע, קימאַט דורכזיכטיקע נאָז־לעכלעך, און הייבט אַזש אָן צו ניסן און צו מעקען, ציענדיק זיך אַהין פונעם שטריקל, מיט וועלכן מע האָט זי צוגעבונדן צום פּידאַשעק־סלופּ.

טעקליע האָט שוין ווידער געהאַלטן באַם אַוועקגיין. ערשט איצט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואַרט, וואַרט!... וואָס זשע האָב איך געוואָלט פרעגן?

ווידער געזעסן אַ ווײַלע פאַרהילצערט און זיך דערמאָנט:

— טאַקע וועגן דעם... ווי זשע קומט די ציג צו אײַך אין וואַלד אַרײַן איצט אום זומער?

— אָך, וועגן דעם?

טעקליע רעדט נישט צו אים, נאָר גאָר צו דער סטריכע פונעם נידעריקן שטוב־דאַך.

— ס'אַ גאַנצע מײַסע:

די דײַטשן, ווען זיי האָבן דאָ געוועלטיקט, האָבן זיי, פאַרשטייט מען, באַנומען דעם אָרטעל און דעריקער — די סטאַדע. צו דער צײַט, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיי גענומען פונדאַנען פאַרטרײַבן, איז פון דער גאַנצער סטאַדע שוין געהאַט געבליבן נישט מער ווי דרײַ יונגע טעלעצעס, איין ביקל, צוויי ציגן און איין פערדל — אַ קליינס, אַ בלינדס אויף איין אויג און מיט זייער אַן אײַנגעבויגענעם רוקן. אין וואַלד זײַנען אַלע געווען שטאַרק דערשראָקן, ווײַל פון די דײַטשן איז מען געקומען און גענומען אָפּקלײַבן אַלע יינגערע קאָלווירטניצעס, קעדיי מיטצושלעפּן זיי קיין דײַטשלאַנד אויף אַרבעט. טעקליע האָט מוירע געהאַט, אַז אויך זי וועט מען אַוועקשלעפּן, און איז דעריבער אַוועק מיט דער געבליבענער סטאַדע צו אַ גאַנץ ווײַטער לאָנקע טיף אין וואַלד. נו, און די נאַכט, ווען מע האָט די דײַטשן אַרויסגעטריבן, איז, פאַרשטייט זיך, געווען זייער אַ פּכאָדימדיקע. איבערן וואַלד האָבן אומעטום זיך געריסן באָמבעס. פון שרעק איז טעקליע דאָרט אויף דער לאָנקע אַזש אַנטשלאָפן געוואָרן — ס'הייסט, נישט מאַמעש אַנטשלאָפן געוואָרן, נאָר אָנגעהויבן דרעמלען, ווי עס טרעפט, ווען דאָס האַרץ קלאַפּט צו לאַנג און מע ווערט דערפון זייער אָפּגעשוואַכט. דערנאָך, ווען טעקליען האָט אויפגעוועקט דער אויפרײַס פון אַ נאָענט געפאַלענער באָמבע, איז גראַד אויפגעגאַנגען די לעוואָנע, אַזוי אַז מע האָט געקענט אויף גיך אַ צייל טאָן מיטן אויג, צי פעלט נישט עפּעס אין דער סטאַדע. און טאַקע דעמאָלט, באַם ציילן, איז אויף טעקליען אָנגעפאַלן נאָך אַ גרעסערע שרעק, ווי פריער, איידער זי איז אַנדרעמלט געוואָרן: אַנשטאָט צוויי ציגן האָט זי איבערגעציילט דרײַ... נו יאָ, זי, טעקליע, הערט זיך אָן פאַרשיידענע מײַסעס, און דאָ נאָך איז זי געווען אינגאַנצן אײַנגעטונקען אין דרעמל... זי קוקט זיך צו — ס'איז די ציג, וואָס מע האָט וועסנע־צײַט אָפּגענומען באַם אָרטעל פון נאָך דער „זימיוויליע״ — דעם טויב־שטומען פאַבריקמאַכערס ציג. דעמאָלט האָט זי גלײַך אַ טראַכט געטאָן: „אוי, אויך אים האָבן זיי, אַפּאַנעם, שוין געהאַרגעט.״ וואָרום געהאַלטן האָבן זיי אים ביזן סאַמע סאָף, ער זאָל זיי שערן און גאָלן... אַ ווילער מענטש געווען... נישט קיין הויכער, נאָר אַ רירעוודיקער אַזאַ, אַ

זשוואַווער. וועסנע־צײַט, ווען ער איז געקומען אין אָרטעל אָפּנעמען די נאָר־וואָס אָפּגעצײַנגלטע ציג, האָט ער זיך זייער געפרייט, וואָס זי האָט אים דערקענט, און איר, טעקליען, האָט ער דאָרט באַוויזן מיט דער האַנט צו זיך אױפן האַלדז, ווי איינער זאָגט: „זיי וועלן מיך קוילען, די דײַטשן... קוילען...“

— אַזוי האָט ער געוויזן?

גראַד דער דאָזיקער זשעסט — דאָס באַווײַזן מיט דער האַנט אױפן האַלדז — האָט אינעם סקולפּטאָרס זיכּאָרן מיט אַ מאָדנער קלאָרקײַט אױפגעלעבט דאָס פּנים און די גאַנצע געשטאַלט פון זײַן פּאָטער, און דאָס האָט אים נאָך מער פאַרהילצערט. ער האָט געהאַט אַ סאַך, אַ סאַך וועגן וואָס צו פרעגן, נאָר ווען ער איז געקומען צו זיך, איז שוין טעקליע דאָ לעבן אים נישט געווען.

„דעם טאַטנס ציג?“ — האָט ער ווידער געפרעגט, אָבער נישט מיטן מויל, נאָר אין געדאַנק בײַ זיך אַליין.

צום פּאָטער איז ער די לעצטע עטלעכע יאָר פאַר דער מילכאָמע קיין איין מאָל נישט אַראָפּגעפאָרן און זעלטן־זעלטן אים אָנגעשריבן אַ גאַנץ קורץ בריוול. נו יאָ, וואָס קען מען שרײַבן צו אַ טויב־שטומען טאַטן? „טאַטע, כ'האָב דיר אָנומלטן ווידער אַרויסגעשיקט אַביסל געלט. האָסט עס געקריגן? ווי גייט עס דיר? איך בין געזונט און אַרבעט. אַלץ איז אין אָרדענונג...“

אַז ער איז נישט מער ווי איינער פון פיל־פיל, וואָס באַגייען זיך אַזוי מיט אַ טאַטן און האָבן דערויף כּאַראַקטע — דאָס האָט ער געוווּסט. און דאָך האָט ער איצט נישט געהאַט קיין מינדסטן ווילן צו דערשטיקן אין זיך דעם פּאַשעטן מענטשלעכן געדאַנק:

„עך!... געטאָן ווי אַ כאַזער!...“

אונטער אַלע נײַע הויטן, וואָס זײַנען אױף אים אָנגעוואַקסן אין די גרויסע שטעט אין די קרײַזן, וווּ ער האָט געלעבט, געאַרבעט און געהאַט דערפאָלג, איז ערגעץ טיף אין אים, ווי אַן אײַזערנער פּאַנד, געבליבן אויסבאַהאַלטן דער פּאַשעטער אָרט דענקען פונעם צוועלף־יאָריקן „לייבל דעם פאַריקמאַכערס“. און קיינמאָל האָט ער אַזוי שטאַרק נישט געפילט, אַז ער איז נישט מער, ווי „לייבל דעם פאַריקמאַכערס“, ווי ער האָט עס געפילט איצט, זיצנדיק דאָ אױף די טרעפּלעך פון זײַן פּאָטערס פּוסטער

שטוב. דער טאלאנט זײַנער פלעגט אים ברענגען גליק. דאס איז געווען, איידער ער איז איינעם מיט נאך רויטארמייער ארײַנגעפאלן צו די דײַטשן אין געפענקעניש. די דײַטשן האבן זיך דערוווּסט, אז ער איז א ייִד און א גוטער סקולפּטאר, און האבן אים פארגעלייגט:

— ווילסט לעבן נאך א טאג און נאך א טאג, איז קלעפּ אונדזערע ביוסטן.

און ער האט געפרעגט בא זיך, צי מעג עס טאן „לייבל דעם פּאריקמאכערס" צוליב דער האפענונג, אז אים וועט זיך אײַנגעבן אנטלויפן צו פּארטיזאנער — געקווענקלט, געקווענקלט און דאך גענומען קלעפּן ביוסטן, און קלעפּנדיק, האט ער די גאנצע צײַט געדענקט, אז דעם דראנג צו זײַן בארוף האט, מעגלעך, אויפגעוועקט אין אים בלויז דער פאטער — א טויב־שטומער מענטש, לעבן וועלכן ער האט פון געבוירן אן זיך געלערנט אויפצונעמען אלץ, וואס מען פילט און מע פארשטייט אין דער ארומיקער וועלט, בלויז מיטן בליק פונעם אויג. און אט דעם פאטער וועלן די, וואס ער קלעפּט, הארגענען, אדער זיי האבן אים עפּשער שוין געהארגעט...

פון די דײַטשן איז אים סאפּקאלסאָף געלונגען צו אנטלויפן. צוויי מיט א האלב יאר האט ער זיך געשלאגן ווי א פּאשעטער פּארטיזאן און וועגן דעם דראנג צו זײַן בארוף קיין צײַט נישט געהאט אפילו צו טראכטן.

און אט זיצט ער דא אף די טרעפּלעך פון דער שטוב, ווו ער איז געבוירן. ער איז אינגאנצן אויסגעלייִדיקט און מוז דא באנײַען מיט עפּעס זיך אנפילן, ווי אמאל — לייבל דעם פּאריקמאכערס ייִנגל. נאר מיט וואס קען אים דען איצט באנײַען אנפילן אט די שטאט צי אט די שטוב?

— זיי זײַנען פּוסט! צו דער שטאט האט אנגעהויבן צופאלן די נאכט, און אף די טרעפּלעך פון זײַן פאטערס שטוב איז געזעסן איינער פון יענע ווייניקע, וואס זײַנען פון איר אומקום ניצל געווארן. זײַן פאטער איז געווען א טויב־שטומער, די ציג האט פאר אים עפּעס געמאנט מיט איר מעקען.

אין שטיבל זײַנען ביידע צימערלעך מיט דער קיך געווען אויסגעלייִדיקט, פול מיט מאדנער פּוסטקײַט, ווי בארויבטע קווארים, און ארײַנגיין אהין שלאפן וואלט פאר אים אין יענער שטילער און ווארעמער

נאַכט — אַ סאַך־כווידעשדיקע נאַכט מיט אַ שפּעט־אויפגעגאַנגענער לעוואָנע — געווען אויסגעמאַכט דאָס אייגענע, וואָס אַרײַנגיין שלאָפן אין אַ קייווער. אַף די טרעפּלעך, וואָס אונטער דער פאַבריקמאַכער־שילד, האָט ער האַלב געוואַכט, האַלב געדרעמלט, און בײַ שאַרױען אַף טאָג, אונטער דער שײַן פון דער לעוואָנע, וואָס האָט אָנגעהויבן אויסגעלאָשן ווערן נישט פאַרגאַנגענערהייט, האָט ער איבערגעלעבט, ווי אים האָט זיך געדאַכט, עפּעס אַ כאָלעם, שיר נישט אַ האַלוצינאַציע. באַהויכט מיט טוי פון פאַרטאָגיקער פײַכטקייט, האָט דעמאָלט אין עק געסל זיך פּלוצעם באַוויזן די פיגור פון אַ פּעסט נישט קיין הויך מיידל מיט אַ רוקזאַק אַף די פּלייצעס. פאַרגליווערט, ווי אַ געשטאַלט, אויסגעהאַקט פון שטיין, האָט די פיגור אַ שפּאַן געטאָן מיט שווערע פּיס פון אַ דענקמאָל און איז פאַרשוווּנדן אינעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן צוויי פּוסטע הײַזער.

אים האָט אין יענער נאַכט גאָר נישט געקענט אַפילע אַרויפקומען אַפן זינען, אַז נאָך עמיצער פון די געוועזענע אָרטיקע אײַנוווינער זאָל האָבן זיך אומגעקערט אַהער אין אָט דער שרעקלעך־פּוסטער שטאָט.

— 3 —

מיט אַ טאָג שפּעטער איז אין מיליטער־קליידער אָנגעלאָפן אַהער פונעם פראָנט דער זשורנאַליסט בראַכמאַן — אַ מיטאַרבעטער אין אײַנער פון די פראָנט־צײַטונגען. ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, זייער אַ מאָגערער — אַ בינטל הוילע אָדערן געקניפּט און פאַרהאַרטעוועט נאָך לאַנגן פראָנט־לעבן — מיט אַ שמאָל רויט־אָפּגעסמאַליעט פּאָנעם דורכויס אין קנייטשן. אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט דאָ איבער די פּוסטע געסלעך און נישט געהאַט בײַ וועמען זיך צו דערפרעגן, ווען און וויאַזוי זײַנען דאָ אומגעקומען זײַנע עלטערן. דערזען פונווײַטנס, ווי אין סאַמע עק שטאָט אַפן פרײַען סטעפּאָק פאַשעט זיך אַ ציג און לעבן איר זיצט אַ מענטש, האָט ער אַהין אַוועקגעשפּאַנט און קוים דערקענט דעם סקולפּטאָר, מיט וועלכן ער האָט פאַר דער מילכאָמע זיך געטראָפן ווי מיט זײַנעם אַ בען־איר.

אַפּאָנעם, אַז אויך אים האָט דער סקולפּטאָר ענדלעך דערקענט. זײַן צעוואַקסענער קערפּער האָט זיך נאָך אַלץ נישט גערירט פון אָרט,

ווי גלײַך דאָ אינמיטן סטעפּאַק וואָלט ער זיצן עפּעס זייער אַ גרויסע און שווערע שיווע. זײַנע אויגן־לעפּלעך, אַפן אויסזען שטאַרק אָנגעשוואָלענע, האָבן זייער פּאַמעלעך און שווער זיך אויפגעהויבן, בעיים ער האָט צום צווייטן מאָל אַ קוק געגעבן אַפן זשורנאַליסט.

— דעם טאַטנס ציג, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן.

און ער האָט גלײַך אוועקגעדרייט זײַן פּאָנעם צו יענער זײַט, ווו די ציג פּאַשעט זיך.

— איז וואָס טאָן מיט איר? — האָט ער אין אַ רעגע ארום באַנײַס אָנגעהויבן, — זי קוילען?... זי אוועקשענקען... זי פּאַרקויפן?...

אָפּגעשוויגן אַ רעגע, ווי אַ דערשלאָגענער, האָט ער קורץ פּארענ־דיקט:

— ס׳איז אַלץ, וואָס דאָ איז געבליבן פונעם טאַטן...

— יאָ, יאָ, — האָט ווי אין עפּעס מוידע געוווען דער זשורנאַליסט.

און זיך צוגעזעצט דאָ לעבן סקולפּטאָר אַפן גראָז, האָט ער מיטאַ־מאָל זייער שטאַרק צונויפגעצויגן אַלע קנייטשן אַף זײַן העליש־רויטן אָפּגעסמאַליעטן פּאָנעם און זיך פּארטראַכט.

— איך אויך, — האָט ער געזאָגט, — עפּעס אַ פּאָר גליד־געַ־שוועסטערקינדער האָב איך נאָך ערגעץ אַף דער וועלט... קײַן נעענטערס איז מיר שוין נישט געבליבן.

— נו, אָט זעט איר...

דער סקולפּטאָר האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַזאַ טאָן, ווי גלײַך ער האָט דאָ דעם זשורנאַליסט סאַפּקאָלסאַף עפּעס דערוויזן.

— יאָ, — האָט ער שווער אַ זאָג געטאָן, — נישטאָ די שטאָט... נישטאָ קײַן טאַטע...

און פּלוצעם באַקומען אַ צעקרימט פּאָנעם, גענומען אַרײַנקוקן דעם זשורנאַליסט פון זייער נאָענט אין די אויגן און אָנגערופן זיך און אים באַ זייערע אַמאָליקע נעמען דאָ אין שטאָט.

— איז איך, לייבל דעם פּאַריקמאַכערס, און דו, עליק דעם לע־דערס... איז וועט זײַנען מיר, אַ?...

און ער האָט דערציילט דעם זשורנאַליסט, אַז וועגן דעם אומגע־קומענעם פּאָטערס לעצטע מינוטן האָט ער זיך דערוווּסט באַם פּוילישן דאָקטערס קלענערן ייִנגל — אַ פּערצן־יאָריק ייִנגל, וואָס זײַט די דײַ־

טשן האָבן דאָ פאַרמאַכט די שול, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין פּוסט־און־פּאַס און האָט, אַרומשלעפּנדיק זיך אין שטאָט, שטענדיק געשניצט פּײַ־פעלעך פון בוזינע און פון ליפּע.

אַפּאָנעם, אַז גאַנצפרי אינעם טאָג, ווען די דײַטשן האָבן אַוועק־געפירט פון דער שטאָט די לעצטע ייִדן, דורכוים באַלמעלאָכעס, איז דעם טויב־שטומען פאַבריקמאַכער געלונגען זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ־ווו אין אַ קעלער. אַרום נײַן אַזייגער, ווען ער איז פונעם קעלער אַרויס־געקראָכן, איז אין שטאָט שוין קיינער נישט געווען — אַ פּוסטע שטאָט. און די זון האָט געבריט, ווי אַלע פרימאָרגן. פון מיטן מאַרק האָט דעם דאָקטערס ייִנגל, שניצנדיק זײַנע פּײַפעלעך, געזען, ווי דער פאַבריקמאַ־כער יאָגט אַוועק צו זיך אַהיים, לאָזט דאָרט אַרויס די ציג אַף דער פרײַ און קומט אַרויס, טראָגנדיק עפּעס אין אַ זעקל אַף די פּלייצעס. באַ־מערקט אין מאַרק דעם דאָקטערס ייִנגל, איז ער צוגעקומען און גענומען זיך נאָכפרעגן אַפן ווונק:

— וווהין?... וווהין זײַנען אַוועק אַלע ייִדן?

— אָט אַהין, — האָט אויך אַפן ווונק געגעבן צו וויסן דאָס ייִנגל, — צום יאַר, וואָס באַ די בלאָטעס.

און נאָך האָט אים דאָרט דאָס ייִנגל אַפן ווונק געגעבן צו וויסן:

— מע האָט זיי דאָרט אַוועקגעשטעלט אויסגראָבן אַ גרוב... מע וועט זיי אַלע שיסן.

נאָר דער פאַבריקמאַכער האָט דאָך אײַליק ערגעץ־וווהין זיך אַוועק־געלאָזט, נו, האָט מען אים דערשאָסן אַפן בריקל באַם טײַך...

פון דעם האָט דער סקולפּטאָר געדרונגען, אַז איבער זײַן טויב־שטומקײַט האָט דער פאָטער נישט געוווּסט, אַז אַהער דערנענטערט זיך די רויטע אַרמײ, און אַז אומצוקומען אינאיינעם מיט אַלע ייִדן איז אים געווען ווייניקער שרעקלעך, ווי צו בלײַבן דאָ וואַרטן אַפן טויט איינער אַליין. נאָר וווהין האָט ער זיך דעמאָלט געקענט לאָזן מיטן זאַק אַף די פּלייצעס?

— אָט איז עס, — האָט ער געזאָגט צום זשורנאַליסט, — אַלץ... זייער אַ פּאָשעטער סאָף פון אַ טאַטן און פון אַ גאַנצער שטאָט.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן און זײַנען גלאַט אַזוי נאָך געזעסן איי־נער לעבן אַנדערן אַפן גראָז — צוויי מענטשן, באַ וועמען עס איז אָפּ־

גענומען געוואָרן אַלץ, ווען וואָס אַנדערע מענטשן, געבוירן אין איין שטאָט, האָבן צווישן זיך צו ריידן.

— נו, און וואָס קלערסטו איצט טאָן? — האָט געפרעגט דער זשורנאַליסט.

— איך?...

— כ׳מיין: ביסט דאָך אַ סקולפּטאָר.

— ווער? מיד אַ קוק געטאָן אָפן זשורנאַליסט פון אונטער די געשוואָלענע אויגן־לעפּלעך, האָט ער בייזלעך צוגעגעבן, — אַ סקולפּטאָר... איז וואָס?

און ער האָט גענומען ריידן וועגן דעם, וואָס זיין אָנהייב איז געווען אַט די שטאָט מיט אירע מענטשן. מיט דעם זיינען ווי מיט אַ שאַרפן לעבנס־וואָרצל געווען פאַרפאַראַוועט אַלע זיינע געפילן, בעיים ער האָט עפּעס פאַרטראַכט און געקלעפּט.

— נו, און איצט, — האָט ער געפרעגט, — מיט וואָס פאַרפאַראַווען?...

ס׳איז געווען פאַרנאַכט, און דער סקולפּטאָר איז אויפגעשטאַנען פונעם גראָז, קעדיי אומצוקערן זיך מיט דער ציג צוריק אין פוסטן געסל.

— יאָ, — האָט אַ מאַך געטאָן דער זשורנאַליסט, — נאָר עפּעס... עפּעס גלייבט זיך נישט...

באַם פּוילישן דאָקטערס יינגל האָט געהאַפּט זיך דערוויסן עפּעס וועגן זיינע עלטערן אויך דער זשורנאַליסט בראַכמאַן. ער איז אָפן אַנדערן טאָג גאַנצפרי אוועק אויפזוכן דאָס יינגל אינעם אוקראַינישן דאָרף, וואָס אָף יענער זייט שמאָלן טייכל. ער האָט זיך דאָרט געזאַמט גאַנץ לאַנג און נאָכדעם זיך אומגעקערט צום סקולפּטאָר אַ צערודערטער פון אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט געזען און געהערט.

— ס׳איז ווייזט זיך אַרויס, גאָר נישט אַזוי פּראָסט, — האָט ער געזאָגט, מיינענדיק אַפּאָנעם אַלץ, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן.

ער האָט זיך זייער געאײַלט אָניאָגן זיין דיוויזיע, וואָס דערווייטערט זיך איינעם מיטן פראָנט אָף מײַרעוו, און געהאַפּט כאַפּן אַט באַלד אַ צוג אָפן נאָענטן וואָקזאַלעכל. פאַרלאָזן צום סקולפּטאָר מאַמעש אָף געציילטע מינוטן, האָט ער גערעדט דורכויס מיט אָפּגעריסענע נישט פאַרענדיקטע פראַזן, זיך אָף גיך אָפּגעזעגנט און איז אוועק. ערשט דעמאָלט

האָט באַם סקולפּטאָר אין קאָפּ געגומען זיך אָפּליינען דער טאָג פון דעם נאָר־וואָס אויסגעהערטן שלאָל ווערטער: אויפגעריסענע ביניאָנים אין דאָרף — די שול און דער שפּיטאָל... דעם פּאָרזיצער פונעם דאָרפס-ראַט און די בעסטע בריגאַדירן האָבן די דײַטשן געהאַרגעט... נישטאָ דער הויף, פונוואַנען זיי זאָלן נישט האָבן אוועקגעפירט מיט זיך מענטשן אויף אַרבעט. און נאָך אָט וואָס:

דעם טויב־שטומען פּאַריקמאַכער פלעגט מען אָפּט זען מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס לעבן די לעצטע דאָרפס-שטיבלעך, וועלכע די דײַטשן האָבן פאַרברענט נאָך אין אָנהייב צווייטן מילכאָמע־יאָר. און דאָ איז עפּעס אַ מײַסע, און קעדיי איז קלאָר צו מאַכן, וואָס האָט געהאַט צו גיין אַהין מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס דער פּאַריקמאַכער, ווײַל אין יענע שטיבעלעך, אַזוי זאָגט מען, האָבן קאָמיוניסטן, דאָרפישע און שטאָטישע, געהאַט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט און פון דאָרט געהאַלטן פאַרבינדונג מיט צוויי קליינע פּאַרטיזאַנישע טיילן, און סאַכאַקל צוויי פון די קאָמיוניסטן האָבן נאָכדעם זיך געראַטעוועט צו די פּאַרטיזאַנער, אַן אוקראַיִנער און פּראַים דעם קירזשנערס מיידל מאַניע. און פון איר, פון אָט דער מאַניען, וואָס האָט, ווי מע זאָגט אין דאָרף, אָקאָרשט נעכטן באַנאַכט זיך אומגעקערט אַהער, וואָלט מען זיכער געקענט עפּעס וויסן, נאָר זי איז גראָד אוועק אין ריַיקאָם...

פון אָט די אַלע גאַנץ צעשוווּמענע פּראָטים האָט באַם סקולפּטאָר זיך באַקומען, אַז זײַן טויב־שטומען פּאַטערס סאָף קייטלט זיך גאָר מיט עפּעס אַ מין אָנהייב, און קאָמסאָמאָלצעס, קען זײַן, ווייסן וועגן דעם, און דאָס האָט אַרויסגערופן באַ אים אַ געפיל, אַז צו אָט דער פּוסטער שטאָט איז ער נאָך צוגעבונדן — ער מוז נאָך דאָ זען דעם קירזשנערס מיידל מאַניע, און ביכלאַל — ער ווייסט נישט, ווי לאַנג וועט ער דאָ פאַרבלײַבן, נאָר ער האָט נאָך דאָ וואָס צו טאָן.

— 4 —

אינעם אַרטעל פון די פּרויען, וואָס באַאַרבעטן די פּרײַע שטיקלעך ערד אין נאָענטן וואַלד, האָט געפּוילט דאָס צײַטיק געוואָרענע גרינס, וואָס מע נעמט אַראָפּ יעדן טאָג פונעם היפשן באַשטאָן. די שטאָט, וווּ מע פלעגט דאָס גרינס אָפּזעצן, איז געווען פּוסט.

גאנצפרי האָט טעקליע דאָך געפּרוּווט זיך אַראָפּלאָזן אהין מיט אַ קאָשעקל. פול מיט פריש־אָפּגעריסענע פשעניטשקעס, פּאָמידאָרן, בלאָע פּאַטלאַזשאַנעס און דעסגלײַכן — עפשער וועט זיך פּאָרט אָפּזוכן אַ קוינע... עפשער וועט עמעצער דורכפאָרן...

אירע פיס האָבן פון אַלטער געוווינשאַפט, ווי פון זיך זי געפירט אין מאַרק אַרײַן. שפּאַנענדיק מיט זון־אויפגאַנג באַרג־אַראָפּ, איז זי נאָך אַלץ געווען האַלב אײַנגעטונקען אין שלאָף, און ווי טאָמיד גאַנצ־פרי אין דער־אָ צײַט פון יאָר האָט איר אין די אויערן זיך געבאַלעמט אַ ליאַרעם פון פיל שטאָט־ווײַבער, וואָס טומלען זיך אַרום פּאַרקויפערנס און זשומען אַלע איניינעם, ווי בינען אַרום האָניק. טעקליע האָט אונ־טערגעאײַלט. נאָר אין מאַרק האָט אויף איר געוואַרט נישט מער, ווי אַ גרויסער ליכטיקער זון־אויסגאַס, פון וועלכן עס כאַפּט אַזש אָן אַ נאָ־געניש.

אונטער די דינע הײַטלעך זײַנען אירע פּאָמידאָרן, צוגעקליבן רויטע און גרויסע, ווי צונויפגעוואַקסן דרײַ און מער אויף אַמאָל, גע־ווען פול אָנגעגאָסן מיט זויערלעך־ווײַניקער זאַפט. נאָר אין שטאָט זײַ־נען נישט געווען קײַן ציין, וואָס זאָלן ווערן פון אָט דער זאַפט אײַנגע־נעמען־הײַליק.

די פשעניטשקעס אין זייער גרינעם, קימאַט נאָך פײַכטן אָנטאָן האָבן אַרויסגעשטעקט פון קאָשעקל מיט זייערע פרישע פּלאָקסענע גריי־וועס. נאָר אין שטאָט זײַנען נישט געווען קיין קינדער, וואָס זאָלן מיט גרויס אומגעדולד וואַרטן, ביז די מאַמע וועט די פשעניטשקעס קויפן און אָפּקאָכן און ביז זיי וועלן מיטן וואַרעמען קאַשטאַן אין די הענטלעך זיך קענען אַרויסלאָזן דורך דער הינטערטיר אין גאַס און גיריק־פרעסעריש זיך אײַנבײַסן אין די זעטיק־באַטאַמטע קערנער.

אַרומגעלייגט פון אַלע זײַטן מיט פּאַרהויכקעט־בלאָע פּאַטלאַזשאַ־נעס, איז אין קאָשעקל געלעגן אַ לענגלעכע דיניע — די ערשטע פּאַר־טיק געוואָרענע דיניע. זיך צעוואַרעמט דאָ אין מאַרק אויף דער הייסער זון, האָט זי גענומען אַרויסגעבן דעם שאַרפן רייעך פון דער צוקער־זיסער יויך און פון די קערנער, וואָס בויטען זיך אין איר. נאָר אין שטאָט איז נישט געווען קײַן נאָז, וואָס זאָל דורך אָט דעם רייעך דערפילן, אַז דער זומער האַלט שוין באַם סאָף, אַז אומעטום פאַלן שוין בלעטער פון די

ביימער און אַז פון דער שעפע, וואָס די ערד האָט פון זיך אַרויסגעגעבן, דאַרף מען וואָס גיכער געניסן, געניסן...

אַז עס פאַלן בלעטלעך פון די ביימער, האָט דאָ געזען בלויז דער סקולפּטאָר. גאַנצע שאָען האָט ער, זיצנדיק אויף די טרעפּלעך אונטער דער פאַבריקמאַכער־שילד, געקוקט צום קירזשנערס פוסטער שטוב, וואָס אין עק געסל. דאָס האָט ער אַלץ געוואַרט אויפן קירזשנערס מיידל מאַניען, וועמענס געשטאַלט ער האָט אין דער ערשטער נאַכט פון זיין קומען בײַ שאַרינען אויף טאָג אויפגענומען, ווי אַ האַליוצינאַציע. בײַ איר האָט ער געהאַפּט זיך דערוויסן פּראָטים וועגן זיין פאָטער, ריכטיקער וועגן עפּעס אַ מין אָנהייב אינעם פאָטערס סאַף. נאָר דאָס מיידל האָט זיך נאָך אַלץ געזאַמט אין רייקאַם — ערגעץ־ווו נישט דאָ אין שטאָט. זי האָט אין יעדער רעגע זיך געקענט אהער אומקערן און בײַנײַס פאַרשווינדן, האָט ער דעריבער דעזשורעט דאָ אויף די טרעפּלעך און, נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, געקוקט דאָ אויף אָפּפאַלנדיקע בלעטלעך מיט נייגיריקייט, ווי נאָך גאָר אַמאָל, ווען דאָ אין שטאָט האָבן אים נאָך אַלע גערופן פאָשעט „לייבל דעם טויב־שטומען פאַבריקמאַכערס". אויך זיינע געדאַנקען זיינען דעריבער געווען פאָשעטע, ווי נאָך גאָר אַמאָל — געדאַנקען פון „לייבל דעם פאַבריקמאַכערס יינגל":

„בלעטלעך פאַלן... נו יאָ, ס'איז סאַף זומער. אַ צייט אַזאַ."

ווי פאַרכאַפּט ער פלעגט זיי אַמאָל נאָכקוקן, אָט די אָפּגעפאַלענע בלעטער, וואָס דער ווינט טרייבט זיי איינעם מיט שטויב, מיט זאַמד און מיט מיסט, און זיי קערן זיך איבער פון זייטל אויף זייטל. בײַ יעדער מינדסטער פאַרטשעפּעניש בלייבן זיי ליגן, ווי אויף נישט רירן זיך שויז מער פונעם אָרט. אויף זייערע זוימען פאַלט אָן מיסט?... מיילע — אַ סאַף! מיסט איז אויך אַ זאַך, אויב מע קריגט פון דעם מער וואָג. נאָר אָט טוט מיט מער שטאַרקייט אַ בלאָז דער ווינט, און ווידער קוליען זיך די אָפּגעפאַלענע בלעטלעך, קוליען זיך ווידער פון אָרט אויף אָרט. לייבל דעם פאַבריקמאַכערס יינגל קוקט זיי נאָך, אָנבייגנדיק זיך צו זיי: ס'איז בלעטלעך פון אַלטער בעריאָזע, וואָס מע האָט אַלע סאַף זומער אין עק וואַלד און מע פאַרגרייט פון זיי האָלץ אויף ווינטער. געוויינטלעך בלייבן בלעטלעך ליגן האַרט לעבן די ביימער־שטאַמען אונטער די צווייגן, פון וועלכע זיי זיינען אָפּגעפאַלן. דאָרט זיינען זיי געשיצט און באַמיסטיקן

זייערע ביימערם ווארצלען. נאר ווו זאלן ווערן געשיצט די בעריאזע־בלעטלעך? — זייערע ביימער זיינען אויסגעהאקט. לייבל דעם פאריקמא־כערס יינגל איז נייגיריק צו וויסן, וואס וועט זיין מיט זיי. אייניקע פון זיי, זעט ער, האט דער ווינט צוגעטריבן צום שטאם פון א פעסטן ברייט־צעוואקסענעם בארנבוים. נעכטיקע טעג: ליגן בלייבן האט מען דא באַ־דארפט באלד נאכן פאלן און זיך דא גלייך צוקלעפן צו דער פייכטער ערד און נישט איצט, ווען דער שטארקער ווינט פאריאגט שוין פונדאנען אויך די לעצטע בלעטלעך, וואס פאלן פונעם בארנבוים אליין.

אהער, צו די טרעפלעך פונעם פאריקמאכערס שטיבל, איז אין יע־נעם פרימארגן צוגעקומען מיט איר קאשעקל טעקליע. דאס מאל האט דאס קאשעקל זיך געבאמבלט אף איר האנט אן אויסגעליידיקטס. און עפעס נייס האט זיך געפילט אין דער ליידיקייט פון קאשעקל, פונקט ווי עפעס נייס האט זיך געפילט אין טעקליעס מונטערע ווערטער:

— פארקויפט היינט אלץ, וואס איז קאשעקל איז געווען.

— יא? פארקויפט? — האט דער סקולפטאר געפרעגט נישט אזוי פון אינטערעס, ווי פון הוילער פריינטלעכקייט ווענן. — וועמען?

— דעם דאקטער פייערמאנס טאכטער.

— וועלכער?

— דער סאמע יינגסטער. שוין אויך א דאקטער... זי וועט ארבעטן בא אונדז אפן ארט פון איר פאטער אין שפיטאל.

אז דער אלטער דאקטער פייערמאן איז דא אומגעקומען נאך באלד, ווי די דייטשן זיינען אריין, ווייל ער האט דא בא זיך אין שפיטאל אויס־באהאלטן שווער־פארוואונדעטע רויטארמייער, דאס האט דער סקולפ־טאר געהערט נאך ערגעץ אין וועג, פארנדיק אהער.

— זי וועט דא ארבעטן?...

דער סקולפטאר האט עס איבערגעפרעגט מיט אזא מינע אפן פא־נעם, ווי גלייך פון יעדער מינדסטער אנשטרענגונג צו באנעמען, וואס זאגט טעקליע, הייבט אים אן זייער שטארק צו שיסן אין די שלייפן, מאמעש דער קאפ שפאלט זיך אים אף צווייען — מיט אזא שווערן איניען האט ער דא צו טאן.

געווען איז אין שטאט א היפש און פיין הויז — ווייסע ווענט אף א רויטן ציגלנעם פונדאמענט, גרויסע ציכטיקע פענצטער, וואס קוקן

טיילוויַיז צום סעדל און צום גאָרטן באַרג־אַראָפּ צום טײַכל־צו — דעם דאָקטער פּײַערמאַנס בעקאַוועדיק הויז. און ווי אין עפּעס העבערס אין לעבן זײַנען אין אָט דעם הויז געווען פאַרליבט נישט ווייניק אונטער־וואַקסנדיקע יינגלעך, און נישט אַזוי אינעם הויז אַליין, ווי אינעם דאָק־טער פּײַערמאַנס מיידלעך. נו, איז אין צוויי פון אָט די מיידלעך — אין פּאַניען און אין ליזען — געווען אַמאָל פאַרליבט אויך ער, לייבל דעם פאַבריקמאַכערס יינגל. דאָס הייסט: זיי, דעם דאָקטערס מיידלעך, האָבן אפילע נישט אָנגעהויבן וועגן דעם צו וויסן, נאָר ער, לייבל דעם פאַבריק-מאַכערס, איז בעסאָד-סוידעס שיר נישט אויסגעגאַנגען פון ליבע צו זיי און האָט זיך אַלץ געטרייסט, אַז זיי וועלן זיך דערוויסן וועגן דעם שפּע־טער, ווען ער וועט אויסוואַקסן אַ סקולפּטאָר:

— אָ־אָ!... זיי וועלן זיך דערוויסן!...

ווי־נישט־ווי — פאַר אַזעלבע, ווי ער, איז דעם דאָקטערס הויז גע־ווען דאָ אין שטאָט אַ סטימול אַף צו דערגרייכן עפּעס העבערס אין לעבן. איצט פוסטעוועט אָט דאָס הויז. דער גאָרטן באַרג־אַראָפּ צום טײַכל־צו איז דורכוים פאַרוואַקסן מיט הויכן באַריאַן — אַ סימען, אַז צו באַאַרבעטן אים איז דאָ שוין קיינעם גאָר אַפילע נישט געלעגן אין זינען. נאָר אָט איז אַהער אַראָפּגעקומען די סאַמע יינגסטע פונעם דאָק-טערס מיידלעך — לינע... שוין אויך אַ דאָקטער, און אַרבעטן וועט זי דאַווקע דאָ אין שטאָט, און דאַווקע אינעם זעלבן שפּיטאָל, אין וועלכן אַלע זײַנע יאָרן האָט מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייַט און געטרײַשאַפט גע־אַרבעט איר פאָטער... און טאַקע דאָס האָט געצווונגען דעם סקולפּטאָר, ער זאָל זיך גוט אײַנטראַכטן:

— איז צוליב וואָס טוט זי עס?... מיסטאָמע נישט איבער טעמפּ-קײַט און נישט איבער גרויסע פילאָזאָפיעס, נאָר פּאַשעט, ווײַל דאָס לעבן קייטלט זיך...

ער וואָלט עפּשער געווען געפרעגט נאָך עפּעס וועגן אָט דער לינען, ווען טעקליע זאָל אים דאָ באַלד נישט געווען צוטראָגן נאָך אַ נײַס, און גראָד אַזאַ, פון וועלכן ער האָט מאַמעש אויפגעציטערט.

די מײַסע איז, וואָס צו איר, טעקליען, איז דערגאַנגען, אַז אין דאָרף אַף יענער זײַט טײַכל דאַרף זיך געפינען זײַן פאָטערס טריומאַ, דעם

טויב־שטומען פאַריקמאַכערס טריומאָ. אַליין דער פאַריקמאַכער, אַזוי זאָגט מען, האָט דעם טריומאָ דאָרט באַוואָרנט בײַ אײנעם אַ פֿויער.

— מע דאַרף זיך נאָר דערוויסן פּינקטלעך, ווער דער פויער איז.

טעקליע האָט דערבײַ ווי איר שטייגער נישט געקוקט צום סקולפּ־טאָר, נישט געזען דעם אײַנדרוק, וואָס אירע ווערטער מאַכן אויף אים, און נישט געוווּסט, פאַרוואָס שווײַגט ער אַזוי לאַנג. אַוועקדרייענדיק איר פּאָנעם גאָר אינגאַנצן אין אַ זײַט, האָט זי אים אויף יעדנפאַלס געגעבן אָנ־צוהערן, אַז גראָד די לעצטע טעג האָט זי פיל צו טאָן באַם באַשטאָן. ער אַליין וואָלט דעריבער באַדאַרפט אַוועקגיין אין דאָרף און זיך דאָרט נאָכ־פרעגן וועגן דעם טריומאָ בײַ וואָס מער מענטשן, און אויב ס'וועט האַלטן בײַ עפּעס, קען זי, טעקליע, דעם טריומאָ אַהער אַריבערטראָגן, ווײַל ער... ער איז דאָך אַ קראַנקער...

— אַ קראַנקער? — האָט זיך געוווּנדערט דער סקולפּטאָר, — פאַר־וואָס מיינט איר אַזוי?

— נו יאָ, — האָט דערויף מיט זיכערקײַט געענטפערט טעקליע, — כ'האָב דאָך געזען, ווי איר זײַט אומגעפאַלן אין מאַרק...

— ווען?..

— אין דענסטמאָל... איידער כ'האָב אַהער געבראַכט די ציג.

טעקליע, ווײַזט זיך אַרויס, האָט גראָד דענסטמאָל זיך אַרומגעדרייט אין שטאָט. די דײַטשן — אַזוי איז געווען די מײַסע — האָבן געהאַט צוגעכאַפּט אַלע קאָלדרעס, וואָס די פרויען אין איר קאָלווירט האָבן ווינ־טער־צײַט אויסגעאַרבעט צו פאַרקויפן. טעקליע האָט דעריבער אַרײַנגעקוקט אין אַלע הײַזער, וווּ אָט די רוכעס האָבן זיך אויפגעהאַלטן, עפּשער האָבן זיי דאָרט געלאָזט כאָטש אַ פּאָר פון די קאָלדרעס, פּלוצעם האָט זי דערהערט אַ געשריי און האָט דערזען, ווי אינמיטן מאַרק פאַלט אום אַ מענטש.

טעקליע איז נישט פון יענע, וואָס אַז זיי זעען ווי עמעצער פאַלט אום, קומען זיי נישט צו צו העלפן אים אויפשטיין. אויב זי האָט איצט ענדלעך זייער קורץ אַ קוק געטאָן אויפן סקולפּטאָר, איז דאָס געווען נאָר, קעדיי זיך איבערצײַגן אַן איבעריק מאָל, אַז זי האָט קיין טאָעס נישט און אַז ער איז ווירקלעך יענער זעלבער, וועמען זי האָט דענסטמאָל אינמיטן שטויביקן מאַרק געהאָלפן זיך אויפהייבן. דורך אַ שמאָל שפּעלטיקל אונ־

טער די לאַנגע נישט פֿינטלדיקע ווײַעס האָט זי געלאָזט דעם סקולפּטאָר בלויז איין אויגנבליק אַרײַנקוקן אין דער פֿריש-מיידלשער הארבקײַט, וואָס אין אירע אויגן מיט די דורכזיכטיק-ברוינע שוואַרצאַפּל פֿון פֿאַרבלויטע ווײַסלעכער.

און פּלוצעם איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, פֿאַרוואָס האָט זי אים אויסגעזוכט קענטלעך אין יענעם פֿאַרנאַכט, ווען זי האָט אים געבראַכט די ציג. מער נישט, וואָס באַלד נאָכן אומפֿאַלן איז בײַ אים דער זיקאָרן געווען אַפּאַנעם שטאַרק אָפּגעשוואַכט. ערשט איצט דערמאָנט ער זיך: פֿאַר זײַנע אויגן האָט דענסטמאָל עפּעס ווי דורכגעשווינדלט די פֿיגור פֿון אַ פֿרוי.

— ניין, — האָט ער שולדיקלעך אַ מאַך געטאָן וועגן׳ דעם, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין ערשטן טאָג פֿון זײַן קומען, — ס׳איז פֿון נאָך אַ קאָנטוזיע... סע גייט איבער... איך בין געזונט.

ווי אַ געוויקס אפֿן אָרט, ווו עס האָט אויפֿגעשפּראָצט, ווייסט נישט און באַמערקט נישט ווען און ווי אַזוי עס וואַקסט, אַזוי האָט ער דאָ, אױף די טרעפּלעך פֿון זײַן פֿאָטערס שטוב, נישט געוווּסט און נישט באַמערקט, ווען און ווי אַזוי די איבערלעבונגען ווערן אין אים, דעם סקולפּטאָר, פֿאַרוואַנדלט אין בילדער און אין געדאַנקען.

ווי אַ שווערער שיווע-זיצער קוקט אױף מענטשן, וואָס ווילן אים כאַטש מיט וואָס-נישט-איז טרייסטן, אַזוי האָט ער אַ קוק געטאָן אױף טעקליען, וואָס איז פֿאַרינטערעסירט, אַז דאָ אין שטאָט זאָל ווידער זיך אָנהייבן אַ לעבן און איז גרייט אַפֿילע אַליין צו טראָגן אַהער צוריק דעם פֿאַבריקמאַכערס שפּיגל...

— 5 —

פֿונעם רײַקאָם, וואָס אין דער ווײַטלעכער שטאָט, האָט ענדלעך זיך אומגעקערט דעם קירזשנערס מיידל מאַניע.

געווען איז אַרום צען אַזייגער אינדערפֿרי, ווען זי איז אָן שום סימאָנים פֿון מידקײַט אָנגעקומען אַהער אין געסל — אַפּאַנעם, אומגעקערט האָט זי זיך נאָך נעכטן און איבערגענעכטיקט ערגעץ בײַ אירע באַקאַנטע אין נאָענטן דערפֿל.

דער סאָף-זומערדיקער טאָג, אַ שטילער און אַ געוויינלעך-הייסער,

האָט זיך שוין געהאַט אינגאַנצן צעהעלט, און די זון, אײַלנדיק צום זעניט, האָט פּלוצעם ווי אַ שאָט געטאָן אַ הויפּן פון אירע אָפּשפּריצלעך און זיי צעזייט דאָ אױף דער ערד — דאָס האָט די זון אָנגעצונדן די קאַנטן פון די שאַרפע שטיקלעך גלאָז, וואָס דאָס מיידל האָט האַסטיק נעגעבן אַ שאַר אַראָפּ מיטן פוס, ווען זי האָט אַרויפגעטראָטן אויף די טרעפּלעך פון איר פּאַטערס שטוב. אין גיכן האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון צוריק־געקערטן לעבן. דאָס מיידל איז אַרײַן אין דער טיר.

זיך אַ דריי געטאָן אינעווייניק אין שטוב, אַפּאָנעם געפּרוווט אָנ־הייבן אויפראַמען, נאָר נישט געפונען מיט וואָס אויסצוקערן דאָס מיסט, האָט דאָס מיידל גענומען זיך שאַרן איבערן גאַס און אַרײַנקוקן אין די שכײנישע פּוסטע הײַזער. ערשט דעמאָלט האָט זי דאָ דערזען דער סקולפּ־טאָר.

אַ שוואַרצע, ווײַט נישט קיין הויכע, נאָר זייער אַ פעסטע און פול־בלעכע, אין קליינע פּאַרטיזאַנישע שטיוול און אין זייער אַ קורצן אָפּ־געבליאַקעוועטן קליידל, האָט זי ווירקלעך דערמאָנט אָן אַן אַרומשפּאַ־נענדיקן דענקמאָל. גאַנצע פּאַסמעס פון אירע שוואַרצע, גלאַטע און גע־דיכטע האָר — צו קורצע האָר, מע זאָל זיי קענען פאַרפלעכטן — זײַנען איר אַלע מאָל באַנײַס אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן און האָבן איר, ווי ס'האָט זיך געדאַכט, פאַרשטעלט די ריע. נאָר זי האָט דאָך אַפּאָנעם געזען פון אונטער די האָר און דעריבער זיך נישט געכאַפּט זיי אַרונטערצושאַרן.

באַמערקט, אַז אױף איר קוקט אַ לעבעדיקער מענטש פון דער אָפּע־נער טיר, וואָס אַקעגן אונטער דער פאַבריקמאַכער־שילד, האָט זי אַ שפּאַן געטאָן צו אים גאַנץ זיכער מיט אַ סאָליד צעוויגט געננגל, נאָר פּלוצעם געבליבן שטיין צעטומלט, גרייט צו פאַרברעכן די הענט.

— אוי, ווײ! — האָט זי אויסגעקרעכצט, — שוין אַ נײַער שע־רער!..

דער סקולפּטאָר האָט נישט געהאַט קיין מינדסטן ווילן צו דער־קלערן איר דאָ אויפן אָרט איר טאָעס. פאַר אים איז געשטאַנען דער ערשטער מענטש, וואָס האָט זיך אומגעקערט אַהער, קעדיי ווידער צו באַוווינען אָט די פּוסטע שטאָט. און אין אָט דעם מאָמענט האָט אַזוי ווייניק אויסגע־מאַכט, צי עמעצער־ווער איז אַ סקולפּטאָר אָדער אַ פאַבריקמאַכער.

זי האָט אויסגעזען נישט עלטער פון אַ יאָר נײַנצן־צוואַנציק. ער

האָט געקוקט, ווי קרעפּטיק זי איז אין די ברייטע אַקסלען און אין די ברייטע קלובעס — אַ מיידל פון דער גרופּע אָרטיקע קאָמיוגיסטן, וואָס האָבן אין ערשטן פינצטערן מילכאָמע־יאָר אויפגענומען דעם קאַמף מיט יענע, פאַר וועמען ערגעץ־ווו האָבן זיך דערשראָקן גאַנצע פעלקער. גע־קלעקט האָט איר קויכעס אַף אַלץ איבערצוטראָגן און סייכל אַף אַרויס־צודרייען זיך פון דײַטשישע הענט, אַנטלויפן צו פּאַרטיזאַנער, זיך שלאָגן אינאיינעם מיט זיי פאַר איר אָרט אַף דער ערד. און פון איר, פון אַזוינע ווי זי, דאַרף נאָכאַמאָל אויפשפּראָצן דאָ אין שטאָט דאָס לעבן...

— ווי רופט מען אײַך? — האָט ער, צוקומענדיק צו איר, גאַנץ פּאָשעט אַ פרעג געטאָן.

— מאַניע.

פונעם שמייכל, וואָס זי האָט דערבײַ געטאָן, האָט איר מאַט־טונקל כיינעוודיק פּאָנעם באַקומען אַ כיטרע אויסזען, און אַנטפּלעקט האָבן זיך אירע ווײַסע שיטערלעכע ציין — זייער שטאַרקע ציין, וואָס קענען בלײַבן נישט גערירט ביז דער סאַמע טיפער עלטער. מיטן גאַנצן קרעפּטיקן גע־בוי פון איר יונגן פולבלעכן קערפּער איז זי לויט דעם סקולפּטאָרס מיי־נונג געווען פון יענע, וואָס זײַנען ווי באַרופן אַף צו ווערן מוטערס פון פילקינדערדיקע געזינדן.

— מאַניע? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט אַזאַ מינע, ווי גלײַך דאָס לייגט ער באַ זיך איבער, צי פּאַסט אָט דער גאַנצער געוויינלעכער נאָמען פאַר אַ נײַער שטאָט־מוטער.

זיך צוזעצט מיט איר אַף די טרעפּלעך אונטער דער פאַבריקמאַ־כער־שילד, האָט ער דאָ באַלד גענומען זיך נאָכפרעגן באַ איר:

— וואָס איז דאָ געווען מיט דעם טויב־שטומען פאַבריקמאַכער ביז יענעם טאָג, ווען מע האָט אים געפונען דערשאָסן באַם טײַכל?

— נו, וואָס זאָל דאָ געווען מיט אים זײַן.. ווי מיט אַלע...

— און וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעטאָן מיט אַלע?

— נו, וואָס זאָל זיך דאָ געווען אָפּטאָן?.. ווי אין אַלע שטעט באַ די דײַטשן.

ווי באַ אַלע פראָסטע געוויינלעכע מענטשן, איז באַ אָט דער מאַ־ניען געווען פּראָסט און געוויינלעך אויך אַלץ, וואָס אַרום איר איז פאָר־געקומען: פּראָסט לעבט אַ מענטש, פּראָסט שטאַרבט ער, פּראָסט האָבן

די דײַטשן אויסגעקוויַלעט שטעט און דערפער, און פּראָסט האָט מען זיך געשלאָגן מיט זיי אַף לעבן און אַף טויט און זיי אויסגעראָטן דאָ, און פּראָסט האָבן אין אויסראָטן זיי דאָ אין געגנט געהאַט אַ כּיילעק אַזעלכע קאָמיוגיסטנס. ווי זי, מאַניע.

פונדעסטוועגן האָט דער סקולפּטאָר ווי־ניט־איז זיך דערוווּסט באַ איר אייניקע פּראַטים.

צוויי פון די גאָענטסטע קאָלווירטן, וויַזט זיך אַרויס, זײַנען דאָ ביז דער מילכאָמע געווען געמישטע — דאָרפיש־שטאָטישע. די דײַטשן, ווי נאָר זיי זײַנען אַרײַנגעקומען, האָבן זיי גלײַך פאַרוואָרפן מיט אַרבעט אַלע אַרטעלן אין שטאָט און גלײַך אָפּגעטיילט די ייִדן פון די אוקראַיִנער: פאַר אָנקערן זיך איינער מיטן אַנדערן — שיסן. פון דער שטאָט האָט נישט געטאָרט אַרויסקומען קיינער, אויסער דעם טויב־שטומען פאַריקמאַכער, ווײַל אים האָבן די דײַטשן געדאַרפט צו זיך אַהיים, ער זאָל זיי שערן און גאָלן. נאָר אייניקע אוקראַיִנער קאָלווירטניקעס פלעגן דאָרט מיט אייניקע ייִדישע קאָלווירטניקעס האָבן זיך דאָך אין די ערשטע טעג ווי־נישט־איז צונויפגערעדט און זײַנען אַוועק אין וואַלד פאַרטיזאַנעווען. און ווי גוט די דײַטשן האָבן נישט געהיט דעם וואַרשטאַט פון מטס, ווו זיי האָבן אָפּגעלייגט און פאַריכט געווער, האָבן דאָך קאָמיוגיסטן — ייִדישע און אוקראַיִנישע — נישט אויפגעהערט אַוועקצושלעפּן פון דאָרטן צוביסלעך רעוואָלווערן, גראַנאַטן און דעסגלײַכן.

וועגן דעם אַלעם דערציילט מאַניע זייער בעקיצער און קאַלטלעך און קוקט דערבײַ נישט צום סקולפּטאָר. מיט אַ פינגער באַמיט זי זיך אַראָפּצוקראַצן אַ שאַרף שפּליטערל פונעם הילצערנעם טרעפּל, אַף וועלכן זי זיצט, און צום פינגער רעדט זי:

— און די דײַטשן... אוי, ווי זיי האָבן דעמאָלט אומעטום געזוכט!.. נאָר ווער וועט עס אײַנפאַלן צו זוכן באַם טויב־שטומען פאַריקמאַכער? צו אונדז אין דער קאָמיוגישער קוואַרטיר, אין די עקסטע דאָרף־שטיבלעך, וואָס די דײַטשן האָבן נאָכדעם פאַרברענט, פלעגט ער נאָכדעם אַריבערטראָגן אין אַ זעקל די רעוואָלווערן און די גראַנאַטן.

— ווער פלעגט אַריבערטראָגן?.. דער פאַריקמאַכער?

— נו יאָ... זאָג איך דאָך...

ערשט איצט הייבט זי באַנײַס אויף די אויגן אַפן סקולפּטאָר —

שאַרפע אויגן מיט ברוינע דורכזיכטיקע רייפעלעך אַרום די סאַמעטענע שוואַרצאַפּל — און נעמט זיך איינקוקן אין אים וואָס אַ רגע אַלץ מער דערשראָקן:

— אוי!.. — קרעכצט זי אויס, פאַרברעכנדיק די הענט, — איר זייט איצט אַף אים אַזוי פּאָכאָזשע... אוי... איר זייט אוודאי זיין זון... זאָגט דעם עמעס...

אַ ווײַלע קוקן זיי אַזוי אַריין איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. און פּלוצעם טוט זי אַ פאַל צו מיט איר קאָפּ צו זיין ברוסט און וויינט זיך פונאַנדער שטאַרק און אַף לאַנג. זי וויינט מיט אַלע זאַפטן פון איר ווייטיק, פּאַשעט, ווײַל קיין נענטערע ברוסט פון זיינער האָט זי נישט אין ערגעץ — איר פאָטער, איר מוטער, אַלע אירע נאָענטע און ווײַטע קרויווים זיינען אויסגעקוילעט.

דער סקולפּטאָר איז פאַרוואונדערט און אַפילע אַ ביסל דערשראָקן: אַף זיין ברוסט, אַזוי שיינט אים, וויינט זיך איצט אויס דער אומגליק פון דער גאַנצער שטאָט. בײַ אים אין קאָפּ הערט דערבײַ נישט אויף זיך איבערצוכאַזערן:

„אין אַ זעקל"...
„אין אַ זעקל"...

אוודאי איז נישטאָ דער מענטש, וועמען דער אָנדענק פון זיין אומגעקומענעם טאַטן זאָל נישט זיין טײַער. פאַראַן אָבער אַן אונטערשייד, צי פאַרן טויט האָט דער אומגעקומענער טאַטע געטראָגן אין זיין זעקל אַ ביסל אייגן וועש אָדער געווער פאַר קאָמיוניסטן, פאַר פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

דאָס פאַלט צונויף מיט די ווערטער פונעם פּוילישן דאָקטערס יינגל: „מיט אַ זעקל אַף די פּלייצעס האָט דער טויב-שטומער פאַבריקמאַכער זיך געלאָזט צום טײַכל-צו". דאָס איז געווען אין יענעם פרימאָרגן, ווען צום יאָר, וואָס בײַ די בלאָטעס, האָבן די דײַטשן אַרויסגעיאָגט די לעצטע שטאָט-באַלמעלאָכעס, זיי זאָלן זיך דאָרט אַליין אויסגראָבן אַ גרוב. איצט זעט פאַר זיך דער סקולפּטאָר גאַנץ קלאָר דאָס זעקל אַפן פאָטערס פּלייצעס — אין זעקל ליגן שווערלעכע רעוואָלווערן און גראַנאַטן. בלײַבט נאָך צו דערגיין: צו וועמען האָט ער דעמאָלט זיך געקענט לאָזן מיט אָט

דעם זעקל אַף די פּלייצעס, אויב די שטיבלעך אין עק דאָרף זײַנען שוין לאַנג געווען אָפּגעברענט און די קאָמיוגיסטן — אויסגעכאַפּט?

מאַניעס פּאָנעם, ווען עס הייבט זיך אויף פון זײַן ברוסט, איז דורכויס אײַנגעווייקט אין טרערן. נאָר אַליין איז זי שטאַרק פאַרטרויערט און פרווט אַפילע נישט איר פּאָנעם אָפּצווישן. איבער עפּעס קוקט ער זיך אײַן גאַנץ בייזלעך, ווי שיין זי איז דאַווקע מיט אָט די ניט־אָפּגעווישטע טרערן. צום ערשטן מאָל, זעט ער איז אַהער אַראָפּגעקומען, פאַרטראַכט זיך איצט נישט ער אַליין, נאָר דער סקולפּטאָר, וואָס אין אים:

„נו יאָ... מאַרטירער־טרערן טאָר מען נישט אָפּווישן.“

און אַליין ווייסט ער נישט, צוליב וואָס פאַרקריצט ער אָט דאָס פּאָנעם אירס בײַ זיך אין זיקאָרן.

שפּעטער דערווּסט ער זיך בײַ מאַניען, אַז דאָס אויסבאַהאַלטענע געווער פלעגט זײַן פאָטער ביסלעכווײַז אַריבערטראָגן אין דאָרף אַרײַן צום אַלטן סטעפּענקאָן. געווען איז דאָס שוין נאָכדעם, ווי די דײַטשן האָבן פאַרברענט די עקסטע דאָרפישע שטיבלעך. דער אַלטער סטעפּענקאָ פלעגט צושטעלן דאָס געווער דעם פּאַרטיזאַנישן טייל, צו וועלכן עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַנטלויפן בלויז צוויי פון די אָרטיקע קאָמיוגיסטן: איר, מאַניען, און סטעפּענקאָס אייניקל פּאַוולאָ, יענעם, וואָס איז איצט דער צווייטער סעקרעטאַר אין רײַקאָם.

— אוי! — טוט זיך מאַניע אַ כאַפּ, — בײַם אַלטן סטעפּענקאָן האָט דאָך דער פאַריקמאַכער אויסבאַהאַלטן זײַן שפּיגל.

— 6 —

אין יענעם זעלבן טאָג, שפּעטלעך פאַרנאַכט, האָט דער סקולפּטאָר געבראַכט צו טראָגן פון יענער זײַט טײַכל דעם פאָטערס גרויסן און שווערן טריומאָ. ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין שום כעשבן צוליב וואָס טוט ער עס. ער האָט בלויז געפילט, אַז אין יעדער זאַך, וואָס אַ טאַטע באַהאַלט פאַרן טויט, מוז זײַן עפּעס כאָשעווס פאַרן זון. פּאַמעלעך און געהיט האָט ער געבויגן דעם רוקן אונטער דעם גרויסן שווערן שפּיגל. און ווײַל דער טריומאָ האָט אַלע יאָרן אָפּגעשפּיגלט דעם פאָטער בײַ דער אַרבעט, האָט ער דעם גאַנצן וועג געהאַט אַזאַ געפיל, ווי ער וואָלט טראָגן אַף זיך אַן אייגענעם שווערן באַר־מינען.

דאָס איז געווען אַן אַלטער געשליפענער שפּיגל אין אַ שוואַרץ, יער־טערווייז אָפּגעקראָכן רעמל — אַ שפּיגל מיט אַ שמאָל צוגעפּראַוועט טיר־שעלע אַף קרומע געטאָקטע פיסלעך און מיט צוויי שאַרף־געשניצטע האַלב־מענטשלעכע צורעס. די צורעס, נישט קיין ווײַבערשע און נישט קיין מאַנצבילשע, האָבן אַמאָל באַ אים, לייבל דעם פאַריקמאַכערס יינגל, געהאַלטן אין איין וועקן דעם כיישעק אויסצוקלעפּן מיט די הענט עפּעס בוילעטס און שאַרפס.

אַף זײַן פריעריק אָרט אינעם ערשטן צימערל פון שטיבל איז איצט דער שפּיגל געשטאַנען ווי שטענדיק אַ ביסל אָנגעבויגן אַקעגן דער טיר, ווי אָט־אָט וועט ער אַ פראַל טאָן צו דער ערד און באַם צעפאַלן ווערן אַף שטיקלעך דערדריקן אונטער זיך אַלץ, וואָס אפן וועג צו דער טיר געפינט זיך. אַ ביסל באַומרויִקט פלעגן דעריבער אַמאָל זיך אַוועקזעצן אַקעגן אים מענטשן. נאָר דער שפּיגל איז דאָך אַזוי אָפּגעשטאַנען יאָרן און יאָרן.

דער הילצערנער שטול, אַף וועלכן דער פאָטער פלעגט אַוועקזעצן זײַנע קליענטן, איז געווען דאָס איינציקע שטיקל מעבל, וואָס איז פאַר־בליבן אין שטיבל. געפעלט האָט בלויז דאָס קעפּל אַף אָנצושפּאַרן דעם האַלדז־און־נאַקן.

אַ פּאָר טעג קעסיידער איז דער סקולפּטאָר געווען פאַרנומען מיט אויסטעסען און אויסשניצן אַ קעפּל פון האָלץ. ער האָט עס געטאָן, סײַ זיצנדיק אַף די טרעפּלעך באַ דער שטוב, סײַ פאַשענדיק די ציג אפן גרי־נעם סטעפּאָק, ווי גלײַך עפּעס זייער וויכטיקס הענגט אָפּ גראָד פון דעם, צי דאָס קעפּל וועט ווידעראַמאָל שטעקן אַף זײַן שטענדיק אָרט אינעם אָנשפּאַר פונעם שטול.

אָפּגעזוכט האָבן זיך אויך די גאָלמעסערס און די שערלעך. גוט אײַנגעוויקלט אין אַ גרוי שטיקל געוואַנט, זײַנען זיי געלעגן טיף אין הרובע פאַרשאָטן און פאַרדעקט פון אַלע זײַטן מיט אַ בערגעלע פאַראיאָ־ריק אַש.

מיט אַ פאַרשטאָרבן האַרץ האָט דער סקולפּטאָר לאַנג און שאַרף געקוקט אַף אָט די אינסטרומענטן — דעם קוואַל פונעם פאָטערס פאַר־נאָסע. ווי עפּעס לעבעדיקס האָט ער זיי אַרײַנגענומען אין די הענט.

די גאָלמעסערס און די שערלעך זײַנען געווען לײַכט באַשמירט מיט

פעסט, זיי זאָלן נישט זשאַווערן. הייסט עס, אַז פונעם לעבן האָט דער פּאַטער דאָך זיך נישט מעיאָעש געווען... ניין, ניין...

און דאָס דאָזיקע געפיל, וואָס האָט אָנגעפילט דעם פּאַטער, בעיים ער האָט באַשמירט מיט פעטס אָט די שערלעך, לעבט איצט אויף אין אים, דעם זון, מאַמעש עס לעבט אויף... און ווי אַן אייגן שטאַרק געפיל צווינגט עס אַלץ שנעלער און שנעלער קלאַפּן זײַן האַרץ. הייסט עס: געפילן שטייען אויף טכיִאַס-האַמייסים... יאָ, יאָ... אויב נאָר זיי האָבן, ווער עס זאָל זיי יאַרשענען...

דעם סקולפּטאָרס פינגער האָבן געציטערט, ווען אַרײַנגעקוקט אין די אויערן פון אַ שערל, האָבן זיי גענומען זיך רירן הין און צוריק און אַרויסברענגען שערל-קלאַנגען... דעם פּאַטערס קלאַנגען: ער איז געווען אַ טויב-שטומער. דורך די קלאַנגען פון זײַנע שערלעך האָט ער אַלע זײַנע יאָרן גערעדט צו דער וועלט, גערעדט און גערעדט.

אוועקגעלייגט דאָס שערל, האָט ער באַלד זיך דערפילט געצוווּנגען אַרײַנצורוקן די פינגער אין די אויערן פון אַ צווייטן שערל — אַזוי שטאַרק האָבן אים געפעלט דעם פּאַטערס קלאַנגען דאָ אין שטיבל. נאָך מער ווי די קלאַנגען האָט אים איצט שוין געפעלט דעם פּאַטערס שטענדיקע אָפּ-שפּיגלונג דאָ אינעם קרום-שטייענדיקן טריומאָ. זײַנע אויגן, אײַנגע-גראָבן אינעם שפּיגל, האָבן ווי געבעטן באַ אים, ער זאָל כאָטש קורץ, כאָטש נאָר אַף איין רעגע באַווײַזן דעם פּאַטערס פּאָנעם.

און פּלוצעם האָט ער מיט אַ מאָדנער קראַפט דערפילט אין זיך דאָס, וואָס פון אים איז אַוועק צוריק מיט צוויי מיט אַ האַלבן יאָר אין געפענ-קעניש, ווי נאָר ער האָט דאָרט אָנגעהויבן קלעפּן די דײַטשע צורעס. שטאַרקער פון אַלע פאַרלאַנגען אין לעבן האָט אין אים גענומען שטורע-מען די באַדערפעניש אויסצוקלעפּן דעם פּאַטער, ווי ער שפּאַנט אַוועק פון דער פּוסטער שטאָט אין יענעם זוניקן פרימאָרגן. ער ווייסט, אַז גיי-בער ווי אַלץ וועט ער געהאַרגעט ווערן, נאָר עפשער... עפשער וועט ער דערטראָגן די געווער-טיילן אַהין, וווּ מע דאַרף זיי. און ער שפּאַנט און שפּאַנט מיטן זעקל אַף די פּלייצעס. ער איז אַ טויב-שטומער ייִד, צו וועמען עס דערגייט נישט גאָרנישט פון די קלאַנגען, מיט וועלכע די וועלט אַרום אים איז פול, ער קען זיך בלויז אײַנקוקן.

ער האָט געקלעפּט דעם פּאַטערס פיגור פון יענעם ליים-געמיש, פון

װעלכן ער פֿלעגט קלעפּן זײַנע פֿיגורן, װען ער איז נאָך געװען אַ ייִנגל.

צום טריומאָ דאָ דערבײַ האָט ער, נישט אויפֿהערנדיק צו אַרבעטן מיטן געהילצל, אַלע מאָל געװאָרפֿן פֿאַרשנדיק־שטרענגע בליקן, צי װאַקסט דאָרט דעם פּאַטערס אָפּשפּיגלונג פּונקט אַזוי, װי ער האָט זי פֿאַרטראַכט.

אַװאַדע קוקט אַ מענטש בלויז מיט די אויגן. נאָר באַם טויב־שטומען פּאַטער, װאָס שפּאַנט געהאַרגעט צו װערן, אַבי דערטראָגן זײַן זעקל אַהין, װוּ מע דאַרף עס, האָבן אײַנקוקן זיך געמוזט אויך די באַקן, דאָס מויל, די אויערן, דער שטערן, יעדעס מינדסטע אָרט אַפֿן פּנים און אַפֿילו די געקרײַזלטע האָר אַפֿן קאָפּ.

— 7 —

גראָד אין יענע טעג האָבן אַף פּוסטע געסלעך אָנגעהויבן אויפֿצו־לעבן איינציקע הײַזער. אין שװאַרצע פֿענצטער־לעכער האָבן דאָ און דאָרט זיך באַװיזן פֿריש־אַרײַנגעשטעלטע װײַס־אָפּגעהובלעװעטע ראַמען, און קלעפּ פֿון העק — פֿרישע, װי אין די צײַטן, װען נויעך מיט זײַנע קינדער זײַנען אַרויס פֿון דער טייװע — האָבן גענומען פֿון דאָרט זיך איבערופֿן מיט די קלעפּ פֿון די העק אין נאָענטן דאָרף. דאָס האָבן ייִדן פּאַרטיזאַנער אָנגעהויבן זיך אומקערן פֿון די אַרומיקע װעלדער.

אַף אַרויסצוגעבן זיי פֿאַרשיידענע נייטיקע זאַכן איז פֿונעם רײַקאָם געװען דאָ אַװעקגעשטעלט מאַניע. דורך דער אָפֿענער טיר האָט דער סקולפּטאָר בעיים זײַן אַרבעט געקענט זען, װי מיט אימפּעט פֿון אַ באַ־לעבאָסטע, װאָס נעמט אויף אָנגעלייגטע געסט, לויפֿט מאַניע ערגעץ־װוּהין אַװעק. דאָס האָט זי געײַלט באַגעגענען עמעצן, העלפֿן זיך אויס־פּאַקעװען. און מיט דער יעדיע װעגן יעדן נײַ־צוגעקומענעם מענטשן איז זי נאָכדעם געלאָפֿן צו אַלעמערשטן צום סקולפּטאָר, װי צו עפּעס אַ מין אָרטיקן פּאַטריאַרך. דאָס האָט בלויז געהאַט צו זאָגן, אַז יעדער צוריקגע־קומענער מענטש, אַרום װעלכן זי האָט פֿיל צו טאָן, איז איר זייער טײַער און אַז באַזונדער טײַער איז איר ער, דער סקולפּטאָר, װײַל געקומען איז ער אַהער דער ערשטער.

— שוין עפּשער אַרום אַכצן מענטשן, לאָמיך אַזוי לעבן! — האָט זי אים איינמאָל מיט גרויס פֿרייד געמאַכט דעם חשבון.

— אזוי? — האָט ער טויבלעך איבערגעפרעגט, — טאַקע?

און ער האָט גאָר אַליין נישט באַמערקט, ווי ער נעמט זיך אָן פון מאַניען מיט אָט דער פרייד אירער און מיט איר קאַכעדיקן ווילן, אַז אין שטאָט זאָלן צוקומען נאָך און נאָך מענטשן.

פון ערגעץ האָבן זיך אַהער געגומען צוויי אַלטע ייִדישע ווײַבער — קלאָגערנס. זייערע יאַמערדיקע קוילעס האָבן אַ גאַנצן טאָג געדרעליעוועט די שטילקייט אין דעם אָדער אין יענעם עק שטאָט. פאַרייניקט, ווי צוויי שוועסטער, זײַנען זיי אַרומגעגאַנגען פון איין פוסטער שטוב אין דער צווייטער און האָבן אין יעדערער אָפּגעווײנט אַ מינוט פינף זייער הויך אויפן קאָל — גלאַט אַזוי פון מיצווע וועגן צי עפּשער לויט עפּעס אַ מין אַלטער ייִדישער טראַדיציע באַם אומקערן זיך אין אויסגעקוילעטע שטעט.

די צוויי ווײַבער האָבן אָפּגעווײנט זייערס. און דעמאָלט — אויך ווי לויט עפּעס אַ מין אַלטער טראַדיציע — האָט דאָ אין שטאָט צווישן די צוריקגעקומענע זיך באַוויזן די ערשטע טראָגעדיקע פרוי. דער מאַן אירער האָט זי פּאַר זײַן אומקומען אויסבאַהאַלטן ערגעץ דאָ אין געגנט. און זי — זי האָט גאָר געוואָלט פּאַרקערט, אַז דער מאַן זאָל זיך אויס־באַהאַלטן. אַזוי האָט זי דערציילט:

— ווײַל ער האָט געהאַט זייער אַ קראַנק האַרץ...

דער סקולפּטאָר האָט איר נאָכגעקוקט באַ זיך אין געסל, ווען זי איז געגאַנגען צו מאַניען, ווי צו דער באַלעבאַסטע פון דער שטאָט, זיך דורכ־ריידן וועגן אירע היצטאַרכעסן — זייער און זייער אַ רויִקע, וווקסיקע פרוי פון אַ יאָר דרײַסיק מיט אַ לענגלעך מיד פּאָנעם און מיט אויגן, וואָס קוקן שטענדיק ווי אין איין פּינטל. און מענלעך דערפּאַר, וואָס באַ איר איצטיקער לאַגע האָט זי נישט געהאַט קיין אַנדער ברייַרע, ווי פאַרגלייבן זיך דער וועלט, האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז אַ בלינדע. אַזוי האָט זי יעדנפאַלס אויסגעזען דעם סקולפּטאָר, ווען מאַניע האָט נאָכדעם צעשראַ־קענערהייט זי אַוועקגעפירט אונטער דער האַנט צו דער דאָקטערשע לינע פּײַערמאַן. די פרוי האָט פּאַמעלעך און שווערלעך געוויגט איר קערפּער פון איין פוס אויפן אַנדערן. זי איז געווען אין די שפּעטע כאָדאָשים. איר הויכער שפּיציקער בויך האָט געהאַלטן אין איין צונישט מאַכן יעדער גע־דאַנק, אַז דאָס לעבן קען מען אָפּשטעלן.

מיט אַ נײַעם אינעווייניקסטן דראַנג האָט דעמאָלט דער סקולפּטאָר

זיך געכאַפּט קלעפּן דאָס זעקל אַף די פּלייצעס פונעם פּאַטערס פיגור — אויך אין אָט דעם זעקל מיט די שווערע מעטאַלענע געווער־טײלן האָט זיך באַדאַרפט פילן די פּאַראַקשנטע זיכערקײט:

„דאָס לעבן גייט ווײַטער!"

אין יענעם טאָג, פירנדיק די ציג פונעם סטעפּאַק, איז ער פאַר־בידעשט געבליבן שטיין לעבן די ברייט־צעעפנטע פענצטער פונעם דאָק־טער פײַערמאַנס שטוב. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט טוט עמעצער פון מאָל צו מאָל אַ זונג. אינעווייניק, צו איינעם פון די צעעפנטע פענצ־טער, האָט צוגעשווינדלט אַ ווײַסער כאַלאַט. אַ ווײַס־פאַרשלייערטער מיידלשער קאָפּ האָט זיך געטאָן צו אים אַ גריס און זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטער. איניינעם מיטן אייבערשטן טייל קערפּער האָבן זיך אַרויסגעבויגן רירעוודיקע הענט, וואָס האָבן נאַרוואָס געקערט וועלטן באַם אויפראַמען צי בײַ אויסווײַסן ווענט. דאָס איז געווען די יונגע דאָק־טערשע לינע. ווען זײַן קומען אַהער האָט זי אַפּאָנעם זיך דערוווּסט דורך טעקליען אָדער דורך מאַגיען. אין פּאָנעם האָט זי אים קיינמאָל נישט געזען, נאָר הערן האָט זי פיל מאָל געהערט וועגן אים.

— איר וועט עפּשער אַרײַנגיין? — האָט זי אים פאַרבעטן אָן צע־רעמאָניעס, קימאַט בייזלעך.

זי האָט אויסגעזען צו קליינוווּקסיק און צו פּראָסט אין פאַרגלײַך מיט יענער פאַרשטעלונג, וואָס בײַ אים איז געבליבן וועגן דעם דאָקטער פײַערמאַנס מיידלעך. אַ פּאָנעם האָט זי געהאַט אַ רויטלעך־בלאָנדס, אַ גראָבלעכס — איינס פון יענע פּנעמער, וואָס דאָס אויג זוכט אַף זיי איבער עפּעס שפּורן פון קלײַען. דערצו נאָך האָט זי בײַ יעדן וואָרט, וואָס מע האָט צו איר אויסגערעדט, מיטאַמאָל אויפגעפלאַמט ווי פון שרעק, אַז זי וועט נישט וויסן וואָס צו ענטפערן, כאָטש טאַקע דאָ באַלד האָט זי געענטפערט מיט אומדערוואַרטער זיכערקייט, קימאַט מיט אַזעס אין די אויגן, וואָס מיט די פײַערדיק־לויכטנדיקע שוואַרצאַפּל און מיט די אײַנ־קאַלטע ווײַסלעכער — דעם דאָקטער פײַערמאַנס אויגן.

זי האָט זיך גאָר ווי באַליידיקט, אַלעמײַ פרעגט דער סקולפּטאָר, צי איז זי געקומען אַף צו בלײַבן דאָ.

— ווו דען זשע זאָל איך בלײַבן? — האָט זי גראָבלעך אים גע־ענטפערט, — אַפן הימל?

באַלעבאַטיש האָט זי אים אַרומגעפירט איבערן הויז און אים באַוויזן, אַז אומעטום האָט זי דאָ פיל וואָס צו טאָן:

— זעט נאָר, וואָס זיי האָבן דאָ געמאַכט פון די ווענט, פון די פּאָדלאָגעס, פון די באַלקנס... איך ווייס גאָרנישט, ווען וועל איך דאָ אַרויס פון דער אַרבעט.

אַרייַנגעקומען אינייַנעם מיט אים אינעם צימער, וווּ פריער איז געווען איר פאָטערס קאַבינעט, האָט זי דאָרט שוין פאַרייַנוועגס באַלעבאַטיש־פלינק אַרויסגעשלעפּט פון אונטער אַ הויפן צעבראָכן מעבל אַ גרויס בילד אין אַ צעפּאָרן ראַמל. פונעם בילד האָט אונטערן שטויב זיך אַנטפּלעקט דעם אַלטן דאָקטערס פּנים מיט די גראָבלעכע וואָנצעס, וואָס מאַכן עס ענלעך צום פּנים פון י. ל. פּערעץ. דעם דאָקטערס צוזאַמענגעצויגענע אויגן האָבן ווי געהאַלטן אין איין קלוגן אָפּשפּעטן פון אַלע ביטערקייַטן אין לעבן, וואָס האָבן אים דאָך נישט געקענט שטערן אָפּצוגעבן אַלע זייַנע יאָרן אַף אָוועקצושטעלן דאָ וואָס בעסער דעם שפּיטאָל, היילן קראַנקע, אויסבאַהאַלטן פאַרווּנדעטע רויטאַרמייער.

— כאָטש נעם צערייַס זיך, — האָט זי זיך געקלאָגט, אויפהענגענדיק דאָס בילד אַף דער וואַנט, — אין אַ פּאָר טעג אַרום הייב איך שוין אָן אַרבעטן אין שפּיטאָל.

מיט ווּוּנדער האָט דער סקולפּטאָר נאָכגעקוקט נאָך יעדער טנוּע איִרער. ס'איז אויסגעקומען, ווי איינער, ווען מע האָט אָפּגעהאַקט די פיס, וואָלט זיך געקלאָגט, אַלעמייַ מע האָט אים קאַליע געמאַכט אַ פּאָר הויזן. נאָר דאַווקע דערפאַר, וואָס אָנהייבן דאָ באַלד צו ריידן וועגן דעם גרויסן אומגליק האָט זי נישט געוואָלט צי נישט געקענט, — דאַווקע דערפאַר האָט דער סקולפּטאָר דערפילט ערגעץ באַ זיך אין האַרצן אַ טיפן אָפּשייַ צו איר און צו אַלץ, וואָס זי טוט דאָ. אים איז אָן שום אייַנטראַכטענישן געוואָרן עפּעס גוט פון דעם, וואָס אָט — זי וועט דאָ וווינען אין דעם זעלבן הויז, וווּ איר פאָטער האָט געוווינט, און וועט אַרבעטן אין דעם זעלבן שפּיטאָל, וווּ איר פאָטער האָט געאַרבעט. און אומגעקערט זיך נאָכדעם צו זיך אַהיים, האָט ער פיל רויִקער ווי ביז אַהער מיט נייַעם כיישעק גענומען אַרבעטן אַפן פאָטערס פיגור.

באַ אָט דער אַרבעט האָט אים צו פאַרנאַכט־צו געטראָפן טעקליע — זי האָט געבראַכט פאַר דער ציג אַ ביסל שאָלעכץ פון קאַרטאָפל. די

פיגור איז געווען פאַרשטעלט פון איר מיטן סקולפּטאָרס קערפּער. דעם. אויסגעקלעפּטן פאַבריקמאַכער האָט זי צוערשט דערזען אָפּגעשפּיגלט אַקעגן אין טריומאָ און איז געבליבן געפּלעפּט.

— אוי! — האָט זי אויסגעקרעכצט, — דער טויב־שטומער פאַבריק־מאַכער!.. ווי ער וואָלט לעבן... זע, ער גייט... מיטן זעקל אַף די פּליי־צעס...

דער סקולפּטאָר האָט אַוועקגענומען זײַן בליק פון דער פיגור און איז אַ ווײַלע פאַרגליווערט געוואָרן, אײַנקוקנדיק זיך אין טעקליען. איר מאַן, ווי ער האָט זיך דערוווּסט, איז אָנהייב מילכאָמע געפאַלן אַפן פראָנט. פון דעמאָלט אָן טוט זי אַלע שווערע מאַנצבילשע אַרבעטן אינײַ־נעם מיט די קאָלווירטניצעס אין וואַלד, און ווען ער, דער סקולפּטאָר, איז אינעם ערשטן טאָג פון זײַן קומען אַהער אומגעפאַלן אינמיטן מאַרק, האָט זי אים געהאָלפן אויפשטיין... אויב נעמען זי קלעפּן, איז נישט אַנ־דערש, ווי אינעם מאָמענט, ווען זי בייגט זיך אָן אויפצוהייבן אַן אומגע־פאַלענעם מענטשן...

טעקליע האָט דערציילט, אַז בײַ זיי, בײַ די קאָלווירטניצעס אין וואַלד, זײַנען געווען מאַניע און פּאַוולאָ סטעפּענקאָ — דער צווייטער סעקרעטאַר פון ריַיקאָם. זי, טעקליע, און נאָך אייניקע קאָלווירטניצעס וועלן גיין אַרבעטן אין שטאָטישן אַרטעל, וואָס נעמט זיך אויספּאַרטיקן וואַרעמע וואַטאָווע לײַבלעך, ווײַל די מילכאָמע גייט נאָך, און אין שטאָט האָבן נאָך דערווײַל זיך אומגעקערט ווייניק מענטשן און פאַרן פראָנט דאַרף מען וואָס מער וואַרעמע זאַכן.

טעקליע האָט דערציילט, ווו דער אַרטעל דאָ אין שטאָט וועט זיך געפינען, און דער סקולפּטאָר האָט, גרייטנדיק אַ נײַ ליים־געמיש, גע־קוקט אַף איר און האָט זי שוין געזען, ווי זי וועט אויסזען אַ אויסגע־קלעפּטע.

ס׳איז אויסגעקומען, ווי דעם פאָטערס פיגור וואָלט אים דאָ היימ־לעך געמאַכט דאָס אָרט. ער האָט אָנגעהויבן אויפשטיין צו דער אַרבעט גאַנצפרי, ווי נאָר עס הייבט אָן ליכטיק ווערן. ס׳איז געווען אין יענע טעג, ווען אייניציקע מישפּאָכעס האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט זיך אומ־

צוקערן אהער. אין שטאָט האָבן ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן די ערשטע אַרטעלן.

**
*

געווען איז שוין גאַנץ שפּעט־לעך אין אָסיען, ווען ער האָט גענומען זיך גרייטן אין וועג אַריין. צווישן די סקולפּטורן, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך מיטצונעמען, איז געווען אויך מאָניעס פיגור אינעם קורצן קליידל און אין די קליינע פּאַרטיזאַנישע שטיוול און פיגורן פון אַרטיקע ייִדן און אוקראַינער, וואָס האָבן אינייִנעם געפּאַרטיזאַנעוועט.

אין אַ קילן ווינטיקן טאָג האָבן באַם פאַבריקמאַכער אין שטיבל זיך פאַרזאַמלט אייניקע פון די צוריקגעקומענע און אים געהאָלפן איינפּאַקן די פיגורן אין ראָגאָזשעס און זיי אַרויפלייגן אַף דער געדונגענער פויער־שער פור. ער איז שוין געהאַט געזעסן אַף דער פור, ווען מע האָט זיך דערמאָנט זיך נאָכפרעגן באַ אים, ווו וועט זײַן דער אַדרעס זײַנער.

— ווו וועט זײַן דער אַדרעס?..

אים איז געווען שווער דערויף צו ענטפערן. קיין געוויסעם אַדרעס האָט ער דערווײַל נאָך נישט געהאַט, נאָר ער האָט געהאַט סקולפּטורן, וואָס האָבן באַנײַעם געקענט דערציילן וועגן זײַן פאָטער, וועגן זײַן שטאָט און וועגן אירע מענטשן.

יאָרצייט־ליכט

— 1 —

אין דער פאַלאַטע פאַר אויגן־קראַנקע — אינעם שפּיטאָל, ווו עס אַרבעט דער דאָקטער סויפער — זיצט אַף איינעם פון די נײַן בעטן אַ שטאַרקער מענטש פון אַ יאָר פערציק. ער טוט זיך זעלטן־ווען אַ ריר און רופט אַרויס דאָס סאַמע שווערסטע געפיל באַם גאַנצן מעדפּערסאָנאַל.

וואָלט ער לעפּאָכעס פון מאָל צו מאָל געפינטלט מיט די אויגן, ווי אַ גוטער אָדער אַ שלעכטער, ווי אַ קײַסן צי אַ געדולדיקער, — עס טרעפט: אינעם פינטל פון אַ בלינדן דערזעט מען מאַמעש בעכוש:

— אַ ביטרער יונג!

באַ אים אָבער זײַנען די שטיין געבליבענע אויגן דורכויס טויט, און אַלע זײַנע אַנדערע אייוורים טוען זיי נאָך.

אַראָפּגעלאָזט די פיס אַפן דיל באַ טאָג ווערן, ווי נאָר ער כאַפּט זיך אויף, זיצט ער אָפּ זייער שטיל גאַנצע טעג און האַלט דעם נידעריק גע־שוירענעם קאָפּ שטענדיק אין איין מאָס, נישט אויפהייבנדיק אים אַף קײַן האָר העכער און נישט אַראָפּלאָזנדיק אים אַף קײַן האָר נידעריקער. זײַן הויפּט-קרענק, אַזוי קומט אויס, ליגט גאָר נישט אין די אויגן. צי רײַסט אים נישט ערגעץ־ווו אַפן פּולבלוטיקן זייער קרעפטיקן האַלדז־און־נאַקן?

גיי ווייס באַ אים עפּעס, אַז מיט די שכיינים פאַרפירט ער נישט קײַן שמועסן און וועגן זיך רעדט ער קײַנמאָל נישט אויס קײַן וואָרט. פאַר אים איז געגוג, וואָס ערגעץ אין איינעם פון די שפּיטאָל־דאָקומענטן איז פאַרשריבן:

„נאָמען: יעראָפיי סעמיאָנאָוויטש טראָפימאָוו.
פּראָפעסיע: געוועזענער פּאָרזיצער פון אַ קאָלווירט, נישט ווײַט פון סמאָלענסק.
פאַרלוירן די ריִע נאָך אַ שווערער קאָנטוזיע באַ נעמען קעניגס־בערג."

אַן אַנדער זאַך זײַנען די געדאַנקען, וואָס דרייען זיך קעסיידער באַ אים אין קאָפּ — געדאַנקען וועגן זיך אַליין, ווי באַ יעדן מענטשן.

דאָס געדענקט ער זיך פּאַר אַ גאַנץ רירעוודיקן קאָלווירט־פּאָרזיצער, אַזאַ, וואָס היים רעדט ער און היים טוט ער און אַלץ שעצט ער אָפּ גיך אָפּן בליק, ווײַל שטענדיק אײַלט ער. באַם באַשליסן, ווענען פון די אָרו־מיקע מעג מען גלייבן און ווענען — נישט, פלעגט דעריבער זײַן פּאַר אים פיל וויכטיקער זיך אײַנצוקוקן מיט די אויגן אין יענעמס פּאָנעם איידער זיך אײַנצוהערן מיט די אויערן אין יענעמס רייד.

נאָר פון דעם אַלעם טיילט אים אָפּ איינס אַ פּכאָדימדיק געשריי, וואָס ער האָט זיך געכאַפּט ארויסצולאָזן פון זיך אינעם מאָמענט, ווען די וועלט איז אים מיטאַמאָל געוואָרן פינצטער. אַדהײַעם איז אים אַ ביסל קאָשע אָף זיך אַליין:

וואָס איז דענסטמאָל געווען דאָס אײַלעניש מיט אָט דעם געשריי?

און אַדהײַעם האָט ער טיף אין זיך אָף יענעם געשריי עפּעס ווי באַ־ראָטע. אַקוראַט עס וואָלט געקענט געמאָלט זײַן, אַז בלינד געוואָרן איז ער נישט אַזוי איבער דער שווערער קאָנטוזיע, ווי דאַווקע איבער יענעם־אַ צו גיכן געשריי.

פון דעמאָלט אָן כאַפּט ער זיך שוין מער צו גאָרנישט און נעמט שוין מער נישט אָן קיין שום באַשלוסן נישט וועגן יענעם און נישט וועגן זיך.

אין אַזאַ צושטאַנד קען מען זיך געפינען סיידן, ווען מע מאַכט ער־גען־וואוהין אַ רײַזע און מע ווייסט נישט, ווי לאַנג וועט זי געדויערן.

צום בעט, אָף וועלכן ער זיצט דאָ אין שפּיטאָל, טראָגט דעריבער קעסיידער אין זיך טראָפימאָוו אַזאַ געפיל, ווי צו אַ פור, אָף וועלכער ער וואָלט געהאַלטן אין איין אָפּפאָרן אַלץ טיפער און טיפער אין דער שוואַרצער נאַכט אַרײַן און אין איין דערווײַטערן זיך פון יענעם אָרט, ווו די העל־טאָגיקע וועלט איז אים מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. פון

דער העלער הויט קען ער דאָ אַמאָל שטילערהייט אַ פרעג געבן באַ דער מעדשוועסטער, וואָס באַדינט אים:

— דער וויפלטער טאָג איז כוידעש איז היינט?

און אויסהערנדיק איר ענטפער, אַ טראַכט געבן און אַ מאַך טאָן נאָך שטילער מיט וווּנדער אין קאָל:

— אָ־אָ!..

דאָס זאָל הייסן, אַז פון יענער העל־טאָגיקער צייט, ווען ער האָט זיך געפונען אַפן פראָנט, איז ער שוין אוועק ווייט־ווייט — אַ מעהאַ־לעך פון קנאַפּע פיר כאָדאָשים אין דער פינצטער אַריין:

— אָ־אָ!..

מיט דעם איז אויסגעשעפּט זיין שמועס מיט דער מעדשוועסטער און זיין אָנקומען צו איר. צוגעוווינט אין פּאַרלויף פון אַ ריי יאָרן אָנ־צופירן זייער ענערגיש מיט דער מי און מיטן לעבנס־אויסקומעניש פון צענדליקער מישפּאָכעס באַ זיך אין קאָלווירט, ליידט ער זייער ווייטיק־לעך איטלעכס מאָל, ווען עס קומט אויס, אַז אים, דעם אייגענעם טראָפי־מאָוון, פירט עמעצער פאַר דער האַנט. און דער שטענדיקער „אָ־אָ!" גייט נישט אַראָפּ פון זיין פּאָנעם אויך דאַן, ווען אַרום אים קומט פאָר אַ גרע־סער געררודער, — אויך דאַן פילט זיך אין זיין שטומער פּאַרטייעטקייט, אַז אויב אים פעלט די רייע, דאַרף ער נישט אויך דאָס לאָשן, און אַז צו אַלערליי געררודערס אין פּאַלאַטע איז ער פּונקט אַזוי קאַלט ווי צו אַלע באַוועגונגען אַף דער גאַנצער וועלט, ווייל ער האָט אין זיי קיין כיילעק נישט.

— 2 —

די מעדשוועסטער האָט איינמאָל אָנגעוויזן דעם דאָקטער סויפער אַף טראָפימאָוון:

— דער סאַמע שווערסטער צווישן אַלע קראַנקע.

ס'איז געווען באַם ארומגיין די פּאַלאַטע.

— ערגער פון אַלע אַנדערע אין זיין צושטאַנד, — האָט זיך גע־קלאָגט די שוועסטער, — אַ מעסלעס און מער קען ער אַזוי אָפּזיצן און ליידן, ביז דו וועסט אַליין צו אים נישט צוגיין פרעגן, צי נייטיקט ער זיך נישט אין וועלכער־ניט־איז הילף.

— שוין זשע? — האָט ווי בלויז פון הוילער פֿײַנקײַט אַ פֿרעג געגעבן דער דאָקטער.

זײַנע ליפּן האָבן זיך אויסגעצויגן, ווי אויף צו טאָן אַ טשמאָקע — דאָס איז געווען איינע פֿון זײַנע האָוויִעס, בעיִס ער פֿאַרטראַכט זיך און הערט שוין גאָר אינגאַנצן נישט, וואָס מע רעדט צו אים.

דאָך, האָבנדיק אָפּגעלאָזט די שוועסטער, האָט ער דעמאָלט נאָכאַמאָל זיך צוגעזעצט לעבן טראָפֿימאָוון, און מיט זײַנע דריבנע, ווײַטנישט בעריעשע פֿינגער, וואָס מיט די קינדערשע קורץ פֿאַרשניטענע נעגל, באַנײַס גענומען אויסטאַפּן אַלע ערטער אַרום דעם קראַנקנס שטײַף פֿאַרמאַכטע אויגן.

— אייגענע פֿאַראַן? — האָט ער דערבײַ גלײַך אָנגעהויבן פֿאַריידן דעם קראַנקן, קעדיי אָפּצווענדן אים פֿון דעם, וואָס ער, דער דאָקטער סויפֿער, טוט מיט די פֿינגער אויף זײַן פּנים.

טראָפֿימאָוו האָט געענטפֿערט נישט באַלד, און ווײַל זײַן קאָל איז נאָך דערצו געווען זייער אַ קאַלטס און אַ ווײַטס, האָט דעריבער זיך געדאַכט, אַז קומען קומט עס פֿון אַ טיפֿן קייווער — עס מוז אַ ביסל גערדויערן, ביז עס דערטראָגט זיך פֿון דאָרט:

— פֿאַראַן אייגענע.

יעראָפֿיי סעמיאָנאָוויטש, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט אין קאָלווירט אַ ווײַב מיט דרײַ קינדער, נאָר געגעבן האָט ער זיי בלויז צו וויסן סטאַם, אַז ער איז פֿאַרווונדעט — ער געפֿינט זיך אין שפּיטאָל און שוין...

— אהאָ!..

דער דאָקטער סויפֿער האָט מיטאַמאָל געגעבן אַ כאַפּ צו זײַנע פֿינגער, ווי ער וואָלט האָבן אָפּגעבריט זייערע שפּיצן אינעם אָרט, וואָס ער האָט נאָרוואָס אָנגעטאַפּט אַרום דעם קראַנקנס אויגן:

— אַזוי גאָר...

און זיי זײַנען אַ ווײַלע, ווי גלאַט אַזוי זיך, געזעסן שווײַגנדיק אקעגן-אַנאַנדער. צוויי מענטשן: איינער האָט אָנגעווירן „מיטוואָס" צו זען, און אַוודע רופֿט ער אַרויס צו זיך מיטגעפֿיל מיט זײַן מום:

— אַ בלינדער!

און דער צווייטער האָט אָנגעווירן „וואָס" צו זען, נאָר

פאַר קיין מום וויל מען עס אים נישט פאַרעכענען און מע רופט אים ווי פּריִער דאָקטער סויפער. ער איז פון ווילנע. אָפּגעווישט געוואָרן ביז אין גרונט איז דאָרט די גאַנצע לעבנס־מעסוירע, וואָס ער האָט פון קינדווייז אָן אין זיך אַרייַנגעזאַפּט. ווער עס בלייַבט א יאָסעם אָן טאַטע־מאַמע — ער איז געבליבן א יאָסעם אָן א גאַנצער שטאָט, אָן א דריטכיילעק פון א פאָלק...

— „אַזוי איז עס. נו, איז וואָס?..״

אין סאַכאַקל זייַנען דאָס בלויז אייניקע פון יענע בייַ־געדאַנקען, וואָס דרייען זיך אַרום באַם דאָקטער סויפער אין קאָפּ — א באַזונדער צוגאָב אים אויסער די געדאַנקען, וואָס דרייען זיך אַרום אין קאָפּ בא אַלע אַנדערע, בעיִים זיי טוען זייער באַרוף:

עס מאַכט זיך: פעלקער פאַרלירן מענטשן.

יאָ, ס'איז אָן אַווידע — אין דעם זייַנען אַלע מוידע.

נאָר אָט קומט ער, דער דאָקטער סויפער, מיט זייַן אַווידע — ער איז איינער פון יענע, וואָס פאַרלירן א פאָלק.

וואָס?.. וואָס פאַרלירט ער?

ניין, פון אַזא אַווידע ווייסט נישט קיינער.

נאָך גוט, וואָס ער האָט אַרבעט דאָ אין שפּיטאָל. ער קומט דאָ צו־נוץ גאַנצע טעג און אויך אין די נעכט, אויב עס פאָדערט זיך. נאָר צי איז עס בלויז דאָס איינציקע, וואָס האַלט אים אַף די פיס?

פון מאָל צו מאָל קומט צו אים אַהער א יונג מיידל — א גאַנץ שיין מיידל, אָנגעטאָן נישט־וואַזשנע ווינטערדיק. זי קומט צו ביזן שפּיטאָל און בעט, מע זאָל אים איר אַרויסרופן אין דרויסן. דער טויער פון שפּי־טאָל איז פאַר איר ווי א מין גרענעץ, איבער וועלכער זי טרעט קיינמאָל נישט אַריבער. און שטענדיק באַקומט זיך דער אייַנדרוק, ווי איינעם מיט איר וואָלט צום שפּיטאָל, וואָס אין עק שטאָט אינמיטן פוסטן פּלאַץ, פאַרבלאָנדזשעט דער ווינט און די קעלט. פאַראַן מענטשן, וואָס ווו זיי זאָלן נישט שטיין און וווהין זיי זאָלן נישט גיין, בלאָזט זיי אַקעגן דער ווינט. דאָס מיידל — אַזוי דאַכט זיך אויס — איז איינע פון זיי. פאַר־בלאָנדזשעט, דאַכט זיך, האָט זי נישט נאָר אַהער צום שפּיטאָל. זי רעדט מיטן דאָקטער ייִדיש, און ווי קומט גאָר צו ייִדן א מיידל מיט אַזעלכע העל־בלאָנדע האָר? אַף איר שיינקייט וואָלט מען בעפיירעש געקענט

זאָגן, אַז זי איז אַ ביסל גראָבלעך, ווען אירע אויגן זאָלן נישט זײַן אָנגעגאָסן פול־און־פול מיט דער סאַמע איידלסטער בענקשאַפט, אַזוי פול, אַז זי מוז זיי שטענדיק האַלטן קוים־קוים צונויפגעצויגן, קעדיי די בענקשאַפט זאָל זיך נישט צעגיסן איבער איר גאַנצן פּאָנעם. און דאָך — אַ יִדיש מיידל. דער דאָקטער האָט זיך מיט איר צונויפגעטראָפן ערגעץ־ווו אין די קאָנצלאַגערס, אַרום די גאַז־קאַמערס, באַם סאַמע טויער פון טויט.

איז אָט. צי נישט ווען דעם האָט זיך פאַרטראַכט דער דאָקטער סויפער, ווען זיצנדיק אַקעגן טראָפּימאָוון, האָט ער פּלוצעם דערהערט דעם בלינד־געוואָרענעמס קאָל:

— איז וואָס זשע וועט זײַן מיט מיר, כאַווער דאָקטער?..

— וואָס וועט זײַן?..

דער פאַקט, וואָס טראָפּימאָוו כאַפּט זיך נישט געבן צו וויסן אַהיים, אַז ער איז בלינד געוואָרן, און גיט זיך אַלץ נישט אונטער זײַן גוירל, האָט פאַרשטאַרקט באַם דאָקטער סויפער די האַשאָרע, אַז געשעדיקט איז באַם קראַנקן עפּעס אין די אויגן גופע און נישט אין די נערוון, וואָס פירן צו זיי. דער כוילע האָט, הייסט עס: ער פילט אין זיך פאַרהוילענע קרעפטן, וואָס האַלטן אונטער אין אים די האָפענונג.

דאָס אַלץ איז מיקויעך טראָפּימאָוון, וואָס האָט אָנגעווירן „מ י ט וו אָ ס” צו זען. געבליבן איז די פראַגע וועגן אים, דעם דאָקטער סויפער, וואָס האָט אָנגעווירן „ וו אָ ס” צו זען:

„פונוואַנען שטאַמען די פאַרהוילענע קרעפטן, וואָס האַלטן אונטער אין אים די האָפענונג, און אין וואָס באַשטייט זי?”

אין פאַרבינדונג מיט דעם מעגלעך האָבן די ליפּן באַם דאָקטער סויפער זיך באַנײַיס אויסגעצויגן אַף אַ טשמאָקע צו טאָן, ווען ער איז געזעסן אַקעגן טראָפּימאָוון. ער האָט פון דעמאָלט אָן טאָג־טעגלעך אָנגעהויבן פירן צו טראָפּימאָווס בעט אַלץ נײַע און נײַע דאָקטוירים, אַף צו מעיאַשעוו זײַן זיך מיט זיי מיקויעך אָן אָפּעראַציע.

— 3 —

כאָטש יעראָפּיי סעמיאָנאָוויטש האָט נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס שמועסן די דאָקטוירים, ווען זיי קלײַבן זיך אויף פון מאָל צו מאָל לעבן זײַן בעט, און כאָטש ער האָט נישט געזען זייערע פּענעמער, איז

אים פונדעסטוועגן ביסלעכווײַז געוואָרן קלאָר, אַז נישט אַלע גלייבן זיי אין דער אָפּעראַציע, וועלכע עס לייגט פאָר דער „קליינער דאָקטער" — אַזוי האָט מען אין שפּיטאָל גערופן דעם דאָקטער סויפער איבער זײַן קליינער וווּקס.

אַ גאַנצע איז באַ אים איטלעכס מאָל געבליבן אַזאַ, ווי גלײַך אַלע דאָקטוירים פאַרמישפּעטן אים, און אײַנשטעלן שטעלט זיך אײַן פאַר אים קעסיידער בלויז דער „קליינער דאָקטער" — אַזוי איז אויסגעקומען באַ טראָפּימאָוון, — אַ געזונט אויף אים!

איינעם מיט זײַן אומגעהייערן פאַרלאַנג צו דערזען נאָכאַמאָל די העל־טאָגיקע שײַן, דאָס ווײַב מיט די קינדער, דעם אייגענעם קאָלכאָז, איז געוואַקסן זײַן אָנשטרענגונג זיך אויסצומאָלן, ווי אַזוי זעט ער אויס אָט דער פרײַנט זײַנער.

ווידער נעמען זיך איינמאָל צונויף לעבן זײַן בעט די דאָקטוירים. צווישן די פאַרשיידענע פינגער — קאַלטע, וואַרעמע און לעבלעכע — וואָס טאַפּן אויס די ערטער אַרום זײַנע אויגן, דערקענט ער די דריבנע פינגער פון זײַן פרײַנט. אַ גרויסער סאָפעק, צי מיט אַזעלכע פינגער קען מען פאַרשלאָגן אַ ליאַדע טשוואָק, און דאָך גלייבט ער אין זיי. אויף יע־דער באַריר זייערן ענטפערט זײַן האַרץ מיט אַ קלאַפּ פון דאַנק און האָ־פענונג.

— ווער וועט מאַכן די אָפּעראַציע? — פרעגט ער זיך נאָך, ווען מע הייסט אים אויפשטיין און גיין זיך לייגן אויפן אָפּעראַציע־טיש.

— איך, איך, — ענטפערט דעם קליינעם דאָקטערס קאָל.

דאָס באַרויִקט טראָפּימאָוון. ער וואָלט אַ באַלן זײַן, אַז אויך אין אָפּעראַציע־צימער זאָל אים פירן נישט די מעדשוועסטער, נאָר דער „קליינער דאָקטער". שוין בלויז פון אָנהאַלטן זיך אינעם „קליינעם דאָק־טערס" אַקסל וואָלט אים געווען גרינגער צו גיין זיך לייגן אונטערן מעסער.

דאָס אייגענע לעבט ער איבער טאָג־אײַן, טאָג־אויס נאָך דער אָפּע־ראַציע, ווען צו אים, דעם קראַנקן, וואָס זיצט מיט שטײַף פאַרבאַנדאַ־זשירטע אויגן אויף זײַן בעט, קומט צו דער „קליינער דאָקטער" און פרעגט זיך נאָך, ווי פילט ער זיך.

— אַ דאַנק, — ענטפערט טראָפּימאָוו נאָך אַלץ נישט געכאַפּט.

ער פילט זיך אינעווייניק דורכוים גרייט אַף צו דערזען. נאָכאַמאָל די וועלט, נאָר ווי אַזוי זאָל ער עס אויסמאָלן דעם דאָקטער?

— כ'וואָרט, — האָט ער איינמאָל געזאָגט צום דאָקטער, — כ'וואָרט, מע זאָל מיר אָראָפּנעמען דעם באַנדאַזש.

— פאַרשטענדלעך... נו יאָ.

זיך לענגער פאַרהאַלטן לעבן אים, האָט דעמאָלט דער דאָקטאָר גע-נומען דערציילן ביכלאַל וועגן אָפּעראַציעס באַם איבערזעצן דאָס האָרן-הײַטל פון איין אָרט אַפן אַנדערן: עס טרעפט, אַז אַזאַ אויגן-אָפּעראַציע געלינגט דורכוים, דאָס הייסט: אַליין די אָפּעראַציע גייט אַפּ גלאַט, אַז מע דאַרף נישט בעסער. דער רעזולטאַט קומט אָבער נישט באַלד מיט-אַמאָל, און נישט שטענדיק איז ער פּונקט אַזאַ, ווי מע האָט געהאָפט. און דאָך... האָפן דאַרף מען.

פון דעם האָט טראָפּימאָוו פאַרשטאַנען, אַז אויסלאָזן קען זיך נישט דאָס, אַף וואָס ער האָפט, נאָר אַז צו האָפן דאַרף ער פונדעסטוועגן נישט אויפהערן.

— איז פאָרט ווי לאַנג? — האָט ער געפרעגט, — ווי לאַנג נאָך דאַרף אָוועק, ביז מע וועט זיך דערוויסן?

דער דאָקטער האָט עס ווי נישט אײַנגעהערט.

— אַ וואָכן צוויי? — האָט געוואָלט אויסטאָפּן דער קראַנקער.

— נו, בערעך, — האָט, אַוועקגייענדיק, ענדלעך געענטפערט דער דאָקטער.

און דאָס האָט טראָפּימאָוון געגעבן אַ גרונט, ער זאָל אין סאַמ פערטן יאָר-צענדליק פון זײַן לעבן פּלוצעם אָנהייבן ציילן די טעג מיט פיל מער אויפגערעגטקײַט, ווי ער פלעגט קינדוויַיז ציילן די טעג, וואָס פאַר אַ גרויסן יאָנטעוו.

אין טאָך איז יעדער איינער פון אָט די פערצן טעג געווען דער סאַמע לענגסטער פאַר דער גאַנצער צײַט פון זײַן בלינדקײַט. נאָך לענ-גער וואָלטן געוועזן זיך אויסגעצויגן די נעכט, ווען דער „קלײנער דאָק-טער" זאָל אים יעדן אָוונט נישט געווען באַזאָרגן מיט איינע אַ רעפּוע, פון וועלכער עס שלעפערט.

און דאָך האָט נישט איינמאָל געטראָפן:

די גאַנצע פּאַלאַטע ווערט אַף אַ ווײַלע באַנאַכטיק פאַרזונקען אין

יענעם בימקוים־שלאָף, וואָס ווירקט ווי נאַרקאָטיק אַף די סאַמע ליידנדיקע קראַנקע, פאַרטשאַדעט זיי מיט זייער אייגענעם ווייטיק און זיי הערן אויף צו קרעכצן. דאַווקע דעמאָלט זעצט זיך טראָפּימאָוו אויף אַף זיין בעט און בלייבט אַף לאַנג פאַרגליווערט, ווי דאָס וואָלט ער האָלטן אַ גרויזאַמע וואַך אַף דער סאַמע גרענעץ צווישן בלינדקייט און זעעוודיקייט. פון דער איינגענומענער שלאָף-רעפּוע נודיעט אים אַ ביסל צום ברעכן. דער נישט אויסגעוועפּטער דרעמל וואַלגערט אים שיר נישט אום, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער גאָר עפּעס מוירע, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אונטערגעבן דעם שלאָף, וועט איניינעם מיט אים אַף אייביק אַנטשלאָפן ווערן די האָפענונג.

דרייצן אַזעלכע טעג און צוועלף אַזעלכע נעכט האָבן אָפּגעפּייניקט טראָפּימאָוון מיט זייער יִיעש און האָפענונג.

אין דער נאַכט, וואָס אַפן פערצנטן טאָג, האָט ער צום באַנדאַזש, וואָס אַף זיינע אויגן, שוין קעסיידער, אַפילע אין טיפסטן שלאָף, גע־האַט אַ געפיל, ווי צו עפּעס אומראַכמאַנעסדיקס און לעבעדיקס, — ער אַליין, אָט דער באַנדאַזש, קען קלוימערשט באַם אַראָפּגענומען ווערן באַ־שטראָפן אים, טראָפּימאָוון, מיט אייביקער בלינדקייט אָדער באַלוינען מיט אַנטפּלעקן באַנייס די ליכטיקע וועלט.

אין יענער נאַכט, אַ שאָ צוויי פאַר טאָג ווערן, ווען גוויוער זייענדיק אין זיך דעם שטאַרקן טשאַד פון שלאָף, האָט טראָפּימאָוו זיך אויפגעזעצט אַפן בעט, האָט אים צו זיין באַוווּנדערונג געגומען זיך אויס־דאַכטן, אַז פון ערגעץ ווייט, פון מיטן שטאָט, הערט ער קלינגען זייער גרויסע גלעקער — פונוואַנען האָבן זיך גאָר גענומען אַהין גלעקער?

ער האָט לאַנג זיך איינגעהערט:

די גלעקער האָבן געקלונגען אַלץ גערדיכטער און גערדיכטער, ווי אַמאָל אין זיינע קינדער־יאָרן ערעוו גאָר אַ גרויסן יאָנטעוו — שוין זשע איז דאָס געוועזן זיין, טראָפּימאָוס, יאָנטעוו?

— 4 —

דעם דאָקטער סויפער האָט זיך געכאַלעמט, אַז אים איז נישט מער ווי אַ יאָר פערצן-פופצן. זיין מוטער די אַלמאָנע באַגלייט אים אַרויס פון איר שטיבל, וואָס אַף איינעם פון די ווילנער זייער שמאָלע געסלעך.

אין שטילן געסל זעט מען זעלטן דורכפאָרן אַ פור. פונדעסטוועגן זאָגט צו אים די מוטער מיט פיל זאָרג אין קאָל:

— פּאַמעלעך, קינד, ווען דו גייסט אַריבער די גאַס... מע זאָל דיך, כאָלילע, נישט איבערפאָרן.

— הער אויף, מאַמע, — בעט ער זיך בא איר, — איך גיי דאָך נאָר אַריבער צו דער מומע, טאַקע דאָ אין געסל.

— יאָ, — גיט נאָך די פאַרזאָרגטע מוטער, — נאָר פונדעסטוועגן היט זיך, קינד... היט זיך, איך בעט דיך.

מיט אַ שטאַרקער בענקשאַפט צו דער מוטערס געטריישאַפט האָט דער דאָקטער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך דערמאָנט, אַז עפּעס ענלעכס האָט ווירקלעך אַמאָל פּאַסירט — די מוטער האָט דעמאָלט אַ שטיק צייט אים מאַמעש געהיט די טריט. דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי זיין עלטערער ברודער שלוימע, אַ באָכערל פון דריי און צוואַנציק יאָר, איז איינינעם מיט נאָך עטלעכע רעוואָלוציאָנערן יונגעלייט אומגעקומען אין אַ פּוילישער טורמע.

מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ זעץ אויף, האָט דער דאָקטער דערזען, אַז דורכן נאָענטן פענצטער דרינגט שוין אַריין די גרויע שיין פון טאָג ווערן און אַז אין אָנטאָן און אין ווייסן כאַלאַט, וואָס ער האָט שוין באַלד אַ מעסלעס פון זיך נישט אַראָפּגעצויגן, געפינט ער זיך אויפן האַרטן ווייס־געפאַרבטן סאָפעלע אינעם דאָקטער־צימער פונעם שפּיטאָל, וווּ ער האַלט די וואַך.

אָנגעגאָסן פול־און־פול מיט די זאַפטן פון פרישער בענקשאַפט צו דער מוטער, וועלכער ער האָט נאָרוואָס געזען אין כאָלעם, האָט ער, זשמורענדיק די אויגן, אַ שפּאַן געטאָן צום ווייס־געפאַרבטן טישל, קעדיי אויסצולעשן דאָרט דעם צוגעדרייטן לאָמפּ, וואָס ברענט נאָך פון באַ־נאַכט אָן און באַלויכט איצט שוין זייער קנאַפּ אַרום זיך די גרעסערע און קלענערע פלעשעלעך מיט רעפּועס.

און פּלוצעם, האַבנדיק שוין אַריינגעבלאָזן אינעם גלעזל פונעם צו־געדרייטן לאָמפּ, איז ער געבליבן שטיין מיט אַזאַ כאַראָטע־געפיל, ווי גלייך דאָס האָט ער אויסגעלאָשן דאָס יאָרצייט־ליכט, וואָס האָט דאָ געברענט נאָך זיין מוטערס נעשאָמע.

„מאָדנע“ — האָט ער אַ טראַכט געגעבן, קוקנדיק אויפן לאָמפּ.

און ער האָט זיך טיף פאַרקלערט וועגן די געפילן, צו וועלכע דער נאַרוואָס געזעענער כאַלעם האָט אים מיטאַמאָל אומגעקערט, — געפילן, ווי ער וואָלט ווירקלעך אַלט געווען נישט מער ווי אַ יאָר פערצן און די מוטער וואָלט מיט גרויסער זאָרג געהיט זײַנע טריט.

ווען און ווי אַזוי איז זײַן מוטער באַ די דײַטשן אין ווילנע אומגעקומען, האָט ער אַדהײַעם, וויפל ער האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט, קלאָר נישט געקענט דערגיין. נאָר אַלציינס — אַ פאַקט: קיין האַזקאָרע האָט נאָך איר קיינער נישט געפּראַוועט, קיין ליכטל אַפילע נישט אָנגעצונדן. ווער ווייסט, עפשער פאַלט אויס איר יאָרצײַט אין די נאָענטע טעג, און עפשער גראָד הײַנט, ווען זײַן האַרץ איז נאָכן כאַלעם אַזוי איבערגעפולט מיט איר, ווי גלײַך נאַרוואָס איז זי דאָ געשטאַנען לעבן אים. און וואָס איז דען די נאַפקע־מינע צי הײַנט צי נישט הײַנט?.. דעריקער:

גראָד הײַנט איז אים אַזוי נאָענט איר אָנדענק, און עס ווילט זיך נישט אָפּלאָזן פון זיך אָט די נאָענטקײַט און זי טראָגן אין זיך כאָטש אין פאַרלויף פון הײַנטיקן טאָג.

„מיילע, — האָט באַשלאָסן דער דאָקטער, — פאַרפאַלן”...

און דער דאָזיקער „פאַרפאַלן” האָט געהאַט אַ שײַכעס צו דעם, וואָס ער, דער דאָקטער סויפער, רעפלעקטירט אַדהײַעם אַף נישט ווייניק האַוויײַעס פונעם אַלטן יידישן לעבן, אין וועלכן אים איז אַוועק זײַן יוגנט. אָט, לעמאָשל, טראָגט ער אַ בערדל נאָך דערפאַר, וואָס זײַן באָבע — זי האָט נאָך געלעבט, איידער ער איז אַוועק קײַן בעלגיע שטודירן — האָט גענומען באַ אים די האַנט „טקיאַס־קאַף”, אַז די באָרד וועט ער נישט רירן.

— ס'איז, אייגנטלעך, אַ טקיאַס־קאַף־בערדל, — אַזוי האָט ער אַליין איינמאָל וועגן זײַן בערדל געזאָגט, — נאָר גיי הייב זיך אָן מיט זאָגן אַ ליגן אַ באָבען אַף יענער וועלט.

„איז מיילע...”

וועגן דעם האָט זיך פאַרטראַכט דער דאָקטער איצט, ווען זײַן האַרץ איז געווען אַזוי שטאַרק איבערגעפולט מיטן אָנדענק פון זײַן געהאַרגעטער מוטער:

„זאָל שוין זײַן נאָך איינע אַן אַלטע יידישע האַוויײַע, וואָס הייסט

„יאָרצײַט"... איז וואָס טאָן? — גיין אין שול?.. אָנצינדן דאָרטן נאָך איר ליכט?"

אין אָט דער פּאָרטראַכטקייט, ווי ער איז געשטאַנען אינמיטן דאָק־טער־צימער מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אויסגעצויגענע ליפּן אויף אַ טשמאָקע צו טאָן, האָט אים געטראָפן די מעדשוועסטער פון דער פּאַ־לאַטע פאַר אויגן־קראַנקע.

— טראָפּימאָוו, — האָט זי געזאָגט, — פרעגט זיך נאָך, צי מען וועט אים הײַנט אָראָפּנעמען דעם באַנדאַזש.

— איך גיי, איך גיי, — האָט דער דאָקטער זיך אַ כאַפּ געטאָן.

און ער איז אײַליק אַוועק צום גאַנצפריעדיקן אַרומגיין די קראַנקע. מיט דעם האָט זיך דאָ הײַנט באַדאַרפט ענדיקן זײַן וואָך.

ער איז נאָכגעגאַנגען דער מעדשוועסטער אין דער פּאַלאַטע, ווי ער גייט איר אַלע מאָל נאָך אַהין. און דאָך...

ווי אום יאָנטעוו פילט אַ רוענדיקער מענטש, אַז יעדער שטוב־אַרבעט, צו וועלכער ער זאָל זיך נישט נעמען, טוט ער בלויז און נאָר צוליב יאָנטעוו, אַזוי האָט דער דאָקטער סויפער, נאָכגייענדיק דער מעד־שוועסטער, געפילט, אַז אַלץ, וואָס ער וועט הײַנט טאָן, וועט עס זײַן נאָר בלויז אין נאָמען פון זײַן הײַנטיקן יאָרצײַט נאָך דער געהאַרגעטער מוטער.

זײַן האַרץ איז פון רעגע צו רעגע אַלץ מער פול געוואָרן מיט בענק־שאַפט צו איר אָנדענק:

געלעבט האָט אַ ווייניק באַריידעוודיקע יידישע פרוי, אַ שטילע מאַ־מע צווישן מאַמעס — בײַ יעדן אין די אויגן איז זײַן מאַמע געווען אַ שטילע. אַוועק איז זי פון דער וועלט אין גרויסער זאָרג פאַר אירע קינ־דער — זאָרג פון אַלע מאַמעס בײַם אַוועקגיין פון דער וועלט. און אָט, ווי באַגלייט מיט איר זאָרגעוודיק קאָל, גייט איצט נאָך דער מעדשוועס־טער, ער, דער איינציקער לעבן געבליבענער זון אירער:

„פּאַמעלעך, קינד, ווען דו גייסט אַריבער די גאַס"...

און ווײַל ער איז דער איינציקער לעבן געבליבענער, זײַנען אויף אים איינעם כאָל אַלע אירע מוטערלעכע זאָרגן — אַזויפיל זאָרגן אויף אים איינעם! און דאָס איז מעכײַעוו און רופט:

„טאָן עפּעס וויכטיקס פאַר איר."

מיט צוזאַמענגעצויגענע אויגן האָט ער זיך איַינגעקוקט אין דער טיף פון דער פּאַלאַטע, אין וועלכער עס הייבט אָן קוים־קוים ליכטיק ווערן, און האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם:

„טאָן עפּעס וויכטיקס פאַר איר."

און פּלוצעם דערזעענדיק, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולד טראָפּי־מאָוו זיצט אַף זיַין בעט און וואַרט, איז ער געבליבן שטיין דורך און דורך אויפגערודערט פון דעם, וואָס דאָ באַלד קען פאָרקומען אין פאַל, אויב די אָפּעראַציע וועט ווירקלעך אומקערן טראָפּימאָוון די ריָע, — אָט וואָס פאַר אַ ליכט מע קען איצט אָנצינדן פאַר דער מוטערס נעשאָמע:

„עמעסדיק ליכט"...

מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט האָט ער פאַרצוימט דעם וועג דער מעדשוועסטער, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַ לאָז געגעבן צו טראָפּי־מאָוון.

— ניין, נישט דאָ, — האָט ער געזאָגט.

דעם באַנדאַזש האָט מען באַדאַרפט אַראָפּנעמען באַ טראָפּימאָוון אין דער פינצטער, און אַהער אין דער פּאַלאַטע האָט שוין געהאַט אָנ־געהויבן אַריַינצודרינגען די גרויע שיַין פון טאָג ווערן.

אין וואַרטעניש, די מעדשוועסטער זאָל אַלץ צוגרייטן, האָט ער זיך אומגעקערט אין דאָקטער־צימער און האָט דאָרט ווידער צום אויסגעלאָ־שענעם לאָמפּ דערפילט אַזאַ נאָענטקיַיט, ווי צו זיַין מוטערס אַן אויס־געלאָשענע יאָרציַיט־ליכט.

„מאָדנע... — האָט ער זיך פאַרטראַכט, — פאַר אַ פאַרמיטלער צווישן זיך און די געשטאָרבענע האָבן מענטשן געמאַכט „ליכט"... קיין בעסערס האָבן זיי נישט געפונען."

און ער האָט אַ וויַילע געקוקט אַפן לאָמפּ, ווי וואַרטנדיק, אַז ער, דער אויסגעלאָשענער לאָמפּ, זאָל אים דערקלערן, פאַרוואָס איז עס אַזוי.

נישט געכאַפּט, האָט ער פון אויבן אַפן וויסן כאַלאַט אַרויפגעצויגן זיַין אָפּגעטראָגן פוטערל און איז אַוועק אין שפּיטאָל־הויף זיך אָנאָטע־מען מיט פרישער לופט נאָך דער לאַנגער ווינטערדיקער וואַך־נאַכט. ער איז אַוועק אַהין זייער פאַרמאַכשאָוועט און מיט אַזעלכע קורצע טריטע־לעך, ווי ער וואָלט מוירע האָבן, ער זאָל אַפן וועג נישט פאַרלירן גאַר־

נישט פון די געפילן צו דער מוטער, מיט וועלכע ער איז איצט פול און פול אַנגעלאָדן.

***

ס'איז נאָך אַלץ געווען גאַנצפריערדיק-טונקל.

באַנאַכט האָט אויסגעשאָטן אַ פרישער שניי, אַ גלאַטער און אַזאַ ניי-ווייסער, ווי גלייך קיין שניי האָט פאַר אים נאָך קיינמאָל נישט געשאָטן נישט בלויז היינטיקן ווינטער, נאָר קיינמאָל נישט אין לעבן.

געצויגן האָט זיך שטיל יענע גרויע פראָסטיק-נעפּלדיקע שאָ. ווען אין פאַראָסטעט-געקאָוועטן אָרום קוקט דאָס אויג צום רויך פון קוימענס, ווי צו עפּעס רעכטס, ווייל מער רירט זיך אין ערגעץ גאָרנישט.

העכער פונעם רויך האָט געטליעט אַ פייערדיק רייפעלע און זיך געראַנגלט אַף מעגולגל צו ווערן אין אַן אויפגייענדיקער זון, געטליעט אונטער שווערע וואָלקנס, און ווי דעם דאָקטער האָט זיך געדאַכט, עפּעס גאָר פיל נידעריקער ווי שטענדיק. און דאָך ווי געהאַלטן אין איין אָק-שאָנעסדיק באַזערן:

— כ'וועל אויפגיין!

— כ'וועל אויפגיין!

צו דער שיין פון אָט דער אויפגייענדיקער זון האָט דער דאָקטער איצט געקוקט, נישט פאַרגעסנדיק אַף קיין איין רעגע, אַז ער וועט באַלד עפּעס טאָן אין שליכעס פון זיין מוטער. אין קאָפּ האָבן זיך באַ אים גע-דרייט די אַלט-יידישע יאָרצייט-ווערטער:

„צרורה בצרור החיים"...*) אָט איז עס: אָנגעקניפּט אין לעבן... שוין זשע האָבן עס אַזויפיל דורעס בלויז געזאָגט מיטן מויל און נישט באַנומען, וואָס זיי זאָגן!

אָט איז עס: פּאַמעלעך, קינד, ווען דו גייסט אַריבער די גאַס — ס'איז זאָרג פון אַ מוטער פאַר איר ווייטערדיקער אָנגעקניפּטקייט אין לעבן. די מוטער האָט מען געהאַרגעט. און אָט גייט איצט ער, דער זון אירער, צוריק אין שפּיטאָל און וועט זי צוריק אָנקניפּן אין לעבן, וואָרום ער, איינער פון אירע קינדער, וועט אָנצינדן צוריק ליכט באַ אַ מענטשן

*) צרורא ביצרויר האַכאָים.

אין די אויגן. און מאָדנע, ווי ער פילט זיך דערביַי טיף־פאַרכאַפּט, ווי באַם אויספילן אַ לעבנס-באַרוף.״

באַם אַרויפגיין אויף די טרעפּ האָט ער נישט געהערט, ווי אים באַ־גריסן די דאָקטוירים, וואָס איַילן צו זייער פרימאָרגן־אַרבעט אין שפּי־טאָל אַריַין. ער האָט געזען, ווי פון זיַין אָפּגעטראָגן פוטערל שטעקט אַרויס דער זוים פון זיַין וויַיסן כאַלאַט, און דאָס האָט אים דערמאָנט, ווי די וויַיסע זוימען פון די קיטלען פלעגן אַרויסשטעקן פון די מאַנטלען באַ ייִדן יאָמקיפּער פאַר „קאָל־נידרע״. עפּשער דערפאַר איז ער איצט אויפן וועג צוריק אין שפּיטאָל שיר נישט גרייט געווען צו שעפּטשען:

— די אָפּעראַציע זאָל געראָטן... די אָפּעראַציע זאָל געראָטן.

ער האָט נישט אויפגעהערט צו זיַין טיף פאַרמאַכשאָוועט אויך דאַן, ווען די מעדשוועסטער האָט אים אַריַינגעלאָזט צו טראָפימאָוון אין פינצ־טערן צימערל. אַנגעלאָדן מיט בענקשאַפט נאָך דער מוטער, האָט ער אין דער פינצטער אָנגעטאַפּט טראָפימאָווס קאָפּ און פאַמעלעך אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש פון זיַינע אויגן.

ס'איז אַוועק אַ רעגע.

— איך זע! — האָט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, ווי נאָך אַ לאַנגן געוויין, אויסגעקרעכצט טראָפימאָוו, — איַיער פּאָנעם זע איך, כאַווער דאָקטער!... מיט אָפענע אויגן זע איך...

איצט זיַינען די אויגן געווען פאַרמאַכט באַם דאָקטער. זיַינע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט:

— צרורה בצרור החיים... מאַמע... מאַמע...

גראָד זי

זי איז אַ קינדער־דאָקטער און וווינט אויסער דער שטאָט נישט ווײַט פון דער סטאַציאָנאַרער קינדער־קליניק, מיט וועלכער זי פירט אָן.

בײַ איר אױף דער געדונגענער דאַטשע — אַ צימער מיט אַ גרויסער רויט־געפאַרבטער וועראַנדע — קלײַבן זיך צונויף יעדן זונטיק אַלע קרויווים. די רויטע וועראַנדע אויף יענער זײַט הויך־שטאַמיקע סאָסנעס האַלט פון סאַמע גאַנצפרי אָן ווי אין איין אײַנקוקן זיך צו יעדן דורכגייער אין גאַס:

— דאַכט זיך, אַ קאָרעוו, אַ?... ניין, אַ טאָעס.

עס גייט נישט אַריבער קיין שאָ נאָך זון־אויפגאַנג, ווי אינײנעם מיט דער וועראַנדע קוקט זיך שוין אײַן פון דאָרט אין גאַס אויך די באַלעבאָסטע.

**
*

אירע גלאַט אַרונטערגעקעמטע האָר זײַנען מאַמעש ווײַס, ווי די האָר בײַ אַ פידל־סמיטשיק. אירע קײַלעכיקע ראָזלעכע באַקן זײַנען דורכאויס באַשאָטן מיט גאָר־גאָר דריבנע קנייטשעלעך, וואָס זעען זיך קוים אָן. לעבן איר קליינעם מויל גייען זיך די באַקן פונאַנדער, ווי אונטער זיי וואָלט זי טאָמיד האַלטן צוויי האָזענע ניסלעך. אַלע אירע טנועס זײַנען נישט קיין אײַלעוודיקע און נישט קיין פּאַמעלעכע. אַזעלכע זײַנען אויך שטענדיק אירע פאַראָרדענונגען, ווען זי קלײַבט אַרום זיך צונויף דעם גאַנצן פּערסאָנאַל אינעם אַנשטאַלט, וואָס מע האָט איר פאַרגלייבט. די פויסטלעך פון אירע רויִקע הענט זײַנען דערבײַ, מײַסע מאַנצבל, טיף פאַרוקט אין די טאַשן פון איר געשטריקטן קאָראַלן־רויטן קאָפטל, —

דאָס איז איר געליבטע פאַרב נאָך פון גאָר אַמאָל, פון מיידלווייז אָן. די שטילע ווערטער שיטן זיך פון איר מויל זייער גלאַט אָן שום אינטאָנאַציעס און אָן יעדער מינדסטער גרימאַסע אַפן פּנעם. אירע רויִקע גרויִלעכע אויגן — גוטע אויגן פון אַ פּראַקטישנט־פּינקטלעכן מענטשן — האַלט זי באַם ריידן אין איין שמעלערן, דעריבער דאַכט זיך דעמאָלט, אַז די אויגן ווערן פון רעגע צו רעגע באַ איר אַלץ מער שלעפעריק. זי איז אַ פּרוי אין די זעכציקער, נאָר איר זעלטן פּראָפּאָרציאָנעלע, נישט גאָר הויכע פיגור האָט נאָך אַלץ פּאַרהיט אין זיך עפּעס זייער שלאַנקס, גרינגס און פּאַשעטס. עפּשער דערפאַר טאַקע רופן זי אַלע אין דער קינדער־קליניק אַזוי גרינג און פּאַשעט:

— דאָקטער ניוטע.

***

אַ סאַך, אַ סאַך יאָרן האָט זי פּיינט געהאַט אירע קרוויוּוים און האָט געהאַט דערויף גענוג גרונט. פון איר מישפּאָכע — נישט אַזאַ פאַרמעגלעכע, ווי אַ ביז גאָר פרומע — איז זי זייער יונג אוועק צו דער רעוואָלוציע פונעם פינפטן יאָר, צו פאַרשיקונג, צו לערנביכלעך און ווידער צו דער רעוואָלוציע.

איר ווילד־פרומער פאָטער, ווי צו איר איז דעמאָלט דערגאַנגען, איז מיטלעלטעריש־פאַנאַטיש אָפּגעזעסן אַ שאָ שיווע נאָך איר, זיין מיזינקע, וואָס איז אַרויס „לעטאַרבוס־ראָאָ", זיך געלאָזט רייסן קריִע און האָט פאַרווערט צו דערמאָנען באַ זיך אין שטוב איר נאָמען.

פון יאָר צו יאָר איז גרעסער געוואָרן דער ריס צווישן איר מיט די אייגענע. מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג האָט זי זיך דערוווּסט פון דער ווייט, אַז די מוטער איז געשטאָרבן און אַז דער פאָטער האָט, ווי דער דין צי דער מינהעג באַ פרומע אין זיין גראַד, זיך צופיל צוגעאיילט כאַסענע האָבן מיט אַן אַנדערער. זי אַליין האָט דעמאָלט געהאַט גענוג אייגענעם טרויער — באַ אַ פּרווו צו אַנטלויפן פון פאַרשיקונג איז צו יענער צייט אומגעקומען איר בעסטער כאַווער און מאַן.

ביסלעכווייז האָט די מישפּאָכע פאַרגעסן אין איר, און ביסלעכווייז האָט זי פאַרגעסן אין דער מישפּאָכע. זיך דערמאָנען אין אַ נאָענטן צי אין אַ ווייטן קאָרעוו האָט אויסגעמאַכט פאַר איר דאָס אייגענע, וואָס

דערמאָנען זיך אין עפּעס ביז גאָר פאַרעלטערטס און אָפּגעשטאַנען־פאַר־דריסלעכס — בעפּיירעש פאַרדריסלעכס. ווייל קרויווים דערמאָנען, אַזוי צי אַנדערש, אין אייגענעם בלוט, אין שטריכן אַף פּנעמער, וואָס זיינען ענלעך צו שטריכן אַפן אייגענעם פּאָנעם. און עס ווילט זיך נישט פילן אַט די ענלעכקייט, אויב זי שלעפּט קעסיידער די גערדאַנקען און די געפילן ערגעץ־וווּהין אַף צוריק, אַף צוריק צו דעם, וואָס איז געווען נעכטן. ניוטע האָט מיט לייב־און־לעבן געקערט צו יענע, וועלכע האָבן געקוקט דורכ־אויס צו דעם, וואָס עס וועט זיין מאָרגן.

***

באַ ניוטען — זי האָט אָקאָרשט דענסטמאָל פאַרענדיקט איר לער־נען אַף קינדער־דאָקטער — האָבן ווי פון זיך גענומען זיך בייטן די גע־פילן צו אירע אייגענע. איר פאָטער האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט. אַ קאָרעוו, געקומען פונעם וויטן שטעטל, אַז ער פלעגט זיך דערפרעגן צו איר דאָ אין דער גרויסער שטאָט, פלעגט ער אויסזען אין ניוטעס אויגן אי שעמעוודיק־שולדיקלעך, אי נעבעכדיק אין זיין נישט־וואָזשנעם אָנטאָן, אי אומבאַהאָלפן מיט זיין געפיל, אַז פאַרן נייעם לעבן האָט ער נישט קיין שום אַנדערע פאַרדינסטן אַכוץ דעם, וואָס אָט: ער לעבט...

דאָס אַליין האָט שוין בעמיילע געפירט דערצו, אַז ניוטע זאָל דעם קאָרעוו דאָ אין שטאָט קומען צוהילף און אַז די מישפּאָכע־שטריכן, וואָס זי באַמערקט אין זיין פּאָנעם, אין זיין קאָל און אין זיין ריידנס־ניגן, זאָל אַרויסרופן באַ איר אַ קלעמענדיק געפיל צי פון ראַכמאָנעס צי פון בענק־שאַפט.

אַזוי איז געווען, ווען איר סאַמע עלטסטע שוועסטער איז געבראַכט געוואָרן אַהער אין שטאָט זייער אַ קראַנקע און זייער אַן אָפּגעפרעמדטע. ניוטע האָט איר אָפּגעגעבן, ווו זי האָט געהאַט אַ פרייע מינוט, געוואַכט לעבן איר גאַנצע נעכט אין שפּיטאָל און זיך אַלץ געווונדערט אַף דער קאַלטער ניכטערקייט, מיט וועלכער זי טוט עס. אָקאָרשט צום סאַמע סאָף, ווען ניוטע מיט איר אייגענער האַנט האָט דער שוועסטער באַלד נאָכן טויט טאַקע דאָרט אין שפּיטאָל פאַרמאַכט די אויגן, האָט זי דערפילט, אַז זי פאַרמאַכט אַף אייביק עפּעס אַן אַלטן זייער אָנגעווייטיקטן כעשבן;

און אַז אויב זי באַוויינט אָט דעם אַלטן כעשבן, איז עס דערפֿאַר, וואָס מיט אַלע אירע קושים און מיטן גאַנצן האַרצן איז זי גרייט צו עפֿענען אַ נײַעם.

***

דער נײַער כעשבן האָט אינגיכן זיך אָנגעהויבן מיט דעם, וואָס צו איר אין דער וווינונג דאָ אין שטאָט האָט איינמאָל גאַנצפֿרי זיך אַרײַנגעשטעלט אַ יונג טאַמעוואַטע באָכערל — אַ קליינשטעטלדיקער כעווערמאַן מיט אַ ווילד־פֿרעמדער ברייטלעכער נאָז, מיט אויך אַזאַ ווילד־פֿרעמדן קורצן און בוילעטן שטערן, נאָר מיט עפּעס זייער היימישעס אַרום די שולדיק־שמייכלדיקע אויגן. פֿאַרקנייטשט דעם שטערן ווי ווײַט עס האָט זיך נאָר געלאָזט, האָט דאָס באָכערל זיך פֿאַרקוקט אָפּן באַלקן, ווי עס האָט זיך געדאַכט, נישט מיט די אויגן, נאָר מיט די זייער געדיכטע שוואַרצע ברעמען. מיט אַ צעקרימטער מינע אָפּן פּאָנעם, מאַמעש ווי באַ מוידע זײַן זיך אין עפּעס אַ כעט, האָט ער טרויעריקלעך אַ שמייכל געגעבן:

— כ'היים מייער...

ערשט נאָכדעם האָט ער געפּויעלט באַ זיך אויסצוזאָגן, אַז ער איז כאַיִמס אַ יינגל.

כאַיִם האָט מען גערופֿן איינעם פֿון ניוטעס עלטערע ברידער, וואָס איז צו יענער צײַט שוין געווען אָפּן אוילעם־האָעמעס. דער נײַנצן־יאָריקער „כ'היים מייער" האָט זיך גענייטיקט אין אַ סאַך זאַכן, אָנגעהויבן פֿון אַ וועלך־נישט־איז נישקאָשעדיק אָנטאָן און אויסלאָזנדיק מיט אַ וועלך־נישט־איז טועכץ. ניוטע האָט אים צוגעזוכט אַרבעט אַף אַ זאַוואָד און אים גלײַך געהייסן אַרויסרופֿן אַהער זײַן יינגערע שוועסטער סימען — אַ נאָמען נאָך ניוטעס מוטער.

סימע, אַ קאָפּיע פֿון ניוטען אין דער יוגנט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פּאַר אַ מיידל אַ מאַזיק. זי האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן דאָ אין שטאָט די פֿעלדשער־קורסן, ווי זי האָט מיט ניוטעס הילף איינס־און־צוויי געגעבן אַ שלעפּ אַרויס אַהער צוערשט אירע צוויי קלענערע ברידערלעך ליפּען און מוישלען, סעדיי צו באַשטאַטן זיי אין אַ „פּאָבזאַוווּטש", שפּעטער — ליובע דער מומע ביילעס און כאַסקל דעם פֿעטער נויעכס און

פאַריינוועגס שוין אויך צירל דעם מעכוטן אוראַמס מיט איר ברודער שויליקן, כאָטש אין דער היים פלעגן זי, סימע, און ער, שוויליק, זיך רייַסן ווי די קעץ בא יעדן צונויפקומעניש, ווייַל ער אין איר איז געווען פאַרליבט, און זי אין אים — נישט.

סימע האָט געשלעפּט אַהער וואָס מער קרוייוים, און ניוטע, בא איר גרויסער איבערגעלאָדנקייַט אין אַרבעט, האָט אָפּגעזוכט צייַט אַף אַרונטערצונעמען זיי דאָ אונטער אירע פליגל און זיי ברענגען צו אַ טאַכלעס.

אין איינעם אַן אווגוסט-טאָג האָט סימע געבראַכט צו ניוטען אין ווױנונג אַ גאַנץ וווקסיקן, זייער אויסגעפּראַוועטן און זייער אָפּגעברענטן בעוורעמאַן אין רויטאַרמייִשע קליידער.

— מאַטוויי גאַלקין, — האָט דער גאַסט, אויסגלײַכנדיק די ברוסט, זיך פאָרגעשטעלט ווי אַף צו קלוימערשט ערנסט מיט אַ געמאַכטן באַ־ריטאָן־באַס.

און ווי אָפּשפּעטנדיק פון אַלערליי צערעמאָניעס בא פאָרשטעלן זיך, האָט ער דאָ באַלד אַ ווונק געגעבן צו סימען:

— נו, דערזאָג שוין דו...

גאַלקין איז געווען די פאַמיליע פון ניוטעס שטיפמאַמע. די שטיפ־מאַמע, בעיים זי האָט כאַסענע געהאַט פאַר ניוטעס פאָטער, האָט זי געבראַכט מיט זיך צו אים אין שטוב אַ יִנגל פונעם ערשטן מאַן. איז דאָס איז ער.

— נו, מאָטיע, — האָט פאַרענדיקט פאַר אים סימע, — מאָטיע דער שטיפבאָבעס...

מאָטיע־מאַטוויי, ווי ס'איז באַלד קלאָר געוואָרן, האָט מיט עפּעס זיך אויסגעצייכנט אין מאַנעוורעס, וואָס האָבן באַנאַכט זיך פאַרענדיקט ערגעץ נישט ווייַט פון דער שטאָט. אין דער רויטער אַרמיי איז ער אוועק נאָך בעיים דעם בירגער־קריג. מע האָט אים אַהער געשיקט אַף קורסן, און קען אַ סוואָרע בלײַבן דאָ אַף שטענדיק אין אַרטיקן גאַרניזאָן.

זוכן נאָך ווייַטערע קרוייוים איז שוין געווען נישט שײַעך.

מיט מאָטיע־מאַטווייען האָט זיך געזאָלט שליסן דער מישפּאָכע־קרייַז אַרום ניוטען.

***

אין צענטער פון פיל פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, געשוועסטער־קינדער און גליד־געשוועסטערקינדער איז ניוטע ווי אַ פּאַטריאַרך געשטאַנען אַף דער שטענדיקער וואך — גראָד זי, ניוטע, וועמענס נאָמען איז דורך איר פּאָטער, דעם סאַמע עלטסטן אין דער מישפּאָכע, געווען פאַרבאָטן צו דערמאָנען.

באַגלייט מיט אירע אייצעס, מיט איר צאַר און מיט אירע פריידן, זײַנען אירע מישפּאָכע־מענטשן אַרײַנגעוואַקסן געוואָרן ווער פריער, ווער שפּעטער אינעם אַרומיקן זידעווודיק־פּליסיקן לעבנס־שטראָם. ווי פיל אַנדערע אַרום זיי און ווי ניוטע אין איר צײַט האָבן זיי זיך געלערנט, נישט אָפּרײַסנדיק זיך פון דער אַרבעט; זיך אויסגעלערנט אַ פאַך, האָבן זיי זיך געדראַפּעט פון שטאַפּל צו שטאַפּל, אַרויסגעגעבן פון צווישן זיך מעכאַניקער, אינזשעניערן, טעקסטיל־ספּעציאַליסטן, אַרכיטעקטאָרס, אײַזנבאַנער, קאָנסטרוקטאָרס, פּעדאַגאָגן, ספּעציאַליסטן אַף פאַרשיידענע בויוּנגען אין לאַנד. ניוטע איז יעדן בײַגעשטאַנען אין די סאַמע שווערע צײַטן, אויסגעהאַלטן בא זיך אין וווינונג וועמען מע האָט באַדאַרפט, דערזשורעט גאַנצע נעכט, אויב מע איז קראַנק געוואָרן. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז אַ בריגאַדע קרויווים — און דאַווקע אין דער שפּיץ מיט דעם באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר מאַטיע־מאַטוויייען — האָבן געמוזט נעמען אַף איר אַ שטיקל אָפּיעקע. איין קאָרעוו האָט אויסגעוואָרפן דעם צווייטן:

— לייגסט זיך צופיל אָן אַף ניוטען!... יאָ, יאָ, מעגסט זיך שעמען!

נאָר ניוטע האָט אַלץ געהאָוועט, געהאָלפן, געבאָוועט, געטרייסט, געזאָגט מוסער. ס'האָט אויסגעזען, ווי די ווײַט נישט גרינגע אַרבעט פון אַ פירנדיקן קינדער־דאָקטער וואָלט געווען בא איר נישט מער, ווי אַ הילפס־מיטל אַף אָנצופּרעסן זיך מיט מישפּאָכעדיקײַט, פון וועלכער זי איז אַזויפיל יאָרן געווען אָפּגעריסן — פּרעסן און פּרעסן און זיך אַלץ נישט פילן זאַט.

און דאָ פּלוצעם איז געקומען די מילכאָמע און באַלד נאָכדעם — דער באַפעל צו עוואַקואירן שנעל־שנעל איר סטאַציאָנאַרע קינדער־קליניק.

***

איבער אָט דער שנעלקײַט האָט ניוטע פאַרגעסן מיטצונעמען פיל פון אירע סאַמע נייטיקע זאַכן. נאָר איין זאַך האָט זי געדענקט:

— פּאָסט־קאַרטלעך... וואָס מער, וואָס מער.

די פּאָסט־קאַרטלעך, באַשריבן מיט איר גרינגער האַנט, זײַנען אַף דער הייסער מינוט זיך צעפֿלויגן פֿון אַלע באַן־סטאַנציעס, ווו איר צוג מיט איר עוואַקואירטן אַנשטאַלט האָט זיך אָפּגעשטעלט. צו יעדן קאָרעוו — דער זעלבער נוסעך. דאָס פֿאַרגרינגערט דעם גאַנצן איניען, און מע קען דאָס טאָן אין וואַגאָן אַף אַן עק פֿון אַ באַנק, כאָטש סע טרייסלט נישקאָשעדיק און אַליין איז מען טויט־מיד. די האַנט שרײַבט שוין דאָס וויפֿלסטע מאָל פֿון זיך:

„איך עוואַקואיר זיך אַהין און אַהין, מײַן אַדרעס איז דערווײַל דער און דער. שרײַבט באַלד וועגן זיך — ווער, ווען, וווּהין".

דער נוצלעכער זיג פֿון די קאַרטלעך האָט אײַנגיכן זיך געלאָזט פֿילן. דורך ניוטען האָט די צעזייט־געוואָרענע מישפּאָכע געפּירט איר כעשבן אין די ערשטע מילכאָמע־וואָכן, געוווּסט, אין וועלכן טייל פֿון הינטער־לאַנד אָדער אַף וועלכן פֿראָנט יעדער נאָענטער און ווײַטער קאָרעוו גע־פֿינט זיך. ניוטעס פּאָסט־קאַרטלעך האָבן באַוויזן וווּנדער.

עלטערן האָבן פֿאַרלוירן קינדער.

קינדער האָבן פֿאַרלוירן עלטערן.

נישט ווייניק פֿון זיי האָט ניוטע צוריק צונויפֿגעפֿירט. דער נאָמען פֿונעם ווײַטן פּונקט אין הינטערלאַנד, וווּהין זי מיט איר אַנשטאַלט האָבן זיך עוואַקואירט, האָט אין מויל פֿון אירע אייגענע גענומען קלינגען, ווי דער נאָמען פֿון אַ באַרימטן וועלט־צענטער. אַהין זײַנען געלאָפֿן פּאָסט־קאַרטלעך, בריוו און אָנפֿרעגנדיקע טעלעגראַמעס.

צום בײַשפּיל:

„לאַנג נישטאָ בריוו כאַסקל פֿעטער נויעכס מומע ביילע זייער דער־שלאָגן סימעס נײַע פֿעלד־פּאָסט 070784."

ניוטעס ענטפֿער:

„כאַסקל געוועזן גרינג פֿאַרווונדעט זיך אויסגעבעטן פֿונעם סאַנבאַט צוריק אַפֿן פֿראָנט אַלץ אין אָרדענונג סימעס נײַע פֿעלד־פּאָסט האָב שויז".

די צאָל אַדרעסן בא ניוטען איז קעסיידער געוואַקסן. אינעם גראָבן העפֿט, וווּהין זי האָט די אַדרעסן אַרײַנגעשריבן, האָט מער נישט גע־קלעקט קײַן אָרט. ניוטע האָט געמוזט פֿאַרפֿירן אַ קאַרטאָטעק — אַן עמעסע קאַרטאָטעק מיט באַזונדערע קאַרטלעך פֿאַרן אַדרעס פֿון יעדן קאָרעוו און פֿאַריינוועגס שוין אויך פֿאַר די אַדרעסן פֿון פֿרײַנט און באַ־

קאַנטע. איר „קלינענטור" האָט קעסיידער זיך פאַרגרעסערט. איינער אַ לאַכלוטן אומבאַקאַנטער מעדשוועסטער, וואָס האָט זיך געפונען איניי־נעם מיט סימען אַפּן פראָנט, האָט זי געהאָלפן אויפזוכן דעם פאָטער, וואָס איז אָנהייב מילכאָמע אוועק אין אַפּאָלטשעניע. זי האָט אָנגעהויבן אויפצושטעלן פאַרבינדונג צווישן מענטשן, וועלכע זי האָט קיינמאָל אין פּאָנעם נישט געזען. גראָד זי, וואָס איז אין אירע בעסטע יונגע יאָרן גע־ווען אַזוי שטאַרק אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט פון איר מישפּאָכע, איז געוואָרן אַ בעריע אַף צונויפירן און באַהעפטן קרויווים, וועלכע האָבן איינס דאָס אַנדערע פאַרלאָרן. אָן איידעס וועגן דעם איז איר קאַרטאָ־טעק מיט די אַדרעסן. זי האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט אַהיים פון דער עוואַקואַציע, און פון מאָל צו מאָל פאַרשרייבט זי אין איר אַ נייעם אַדרעס נאָך איצט, אַ יאָר נאָך דער מילכאָמע.

**
*

איצט, אַ יאָר נאָך דער מילכאָמע, זיינען ניוטעס גלאַט אַרונטער־געקעמטע האָר ווייס־גראָ, ווי די האָר בּאַ אַ פידל־סמיטשיק. זי איז ווידער אַרומגערינגלט מיט קרויווים, ווי אַ מין נייער היינטצייטיקער מישפּאָכע־פּאַטריאַרך. זי טראָגט אַ שפּאָגל־ניי געשטריקט קאַפּטל, נאָר ווידער אַ קאַראַלן־רויטס — זי גיט נישט אויף אָט די געליבטע פאַרב אירע, פּונקט ווי איר נישט גאָר ווּקסיקער קערפּער גיט נישט אויף זיין שלאַנקייט, זיין גרינגקייט און זיין פּאַשעטקייט. זי וווינט אַף אַ דאַטשע נישט ווייט פון דער סטאַציאָנאַרער קינדער־קליניק, מיט וועלכער זי פירט אָן, און אַלע זונטיק קלייבן זיך אָן בּאַ איר אַף דער רויט־געפאַרבטער וועראַנדע אירע קרויווים.

היינט איז אויך אַזאַ זונטיק.

היינט איז דער ליכטיקער טאָג פון זיין סאַמע זון־אויפגאַנג זייער אַ הייסער און אַ שטילער — אַזאַ, וואָס לעבצט נאָך אַ מינדסט ווינטעלע. שטראַלן ברען ווי פּריסעק. אַ מינדסט אָרט אין שאָטן איז ווערט גאָלד, און די גרויסע שטאָט ערגעץ לינקס אַף יענער זייט פּיל און פיל קילאָ־מעטער הערט נישט אויף צו דערלאַנגען אַהער דעם געפילדער פון אַלע נייע און נייע פול־געפּאַקטע דאַטשע־צוגן, וועלכע זי לאָזט אָפּ פון זיך פרייל, ווי מיט אויסגעשאָסענעם געלעכטער.

צו ניוטען אף דער דאַטשע הערט מען, ווי עס הילכט די פּוסט־קײַט אונטער בריקלעך, איבער וועלכע די צוגן טראָגן זיך דורך. דעמאָלט דאַכט זיך, אַז איינעם מיטן געוויש טראָגט זיך אַ ווינטל איבער דעם גאַנצן אַרומיקן וואַלד, אומעטום טראָגט זיך דאָס ווינטל, נאָר אַהער צו דער רויטער וועראַנדע דערגייט עס נישט.

אַרום צוועלף אַזייגער באַטאָג זײַנען דאָרט אַף דער וועראַנדע שוין פאַרזאַמלט אַלע קרויווים. אַ נײַער פּלוצעמדיקער גאַסט איז דאָרט דאָס מאָל דער בעניעמעסדיק־שטילער „כ'היים מייער" — אַ ספּעציאַליסט אַף בויען בריקן בעיים דער מילכאָמע און איצט אַן אינזשעניער אַף אַ נײַער בויונג ערגעץ אַרום באַרנאַול. ער זעט זיך דאָ צום ערשטן מאָל נאָך גאַנצע פינף יאָר מיט זײַן שוועסטער סימען, וואָס האָט באַקומען אַ צוויי־וואָכעדיקן אורלויב אין איר מיליטער־טייל ערגעץ לעבן בערלין. ריידן שטייט זיי פאָר סײַ וועגן פריילעכע זאַכן סײַ וועגן טרויעריקע. עס פעלט זייער יינגערער ברודער ליפּע, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט. נישט אומגעקערט פון דער אָפּאָלטשעניע האָט זיך דער פּעדאַגאָג שויליק, וואָס פלעגט שטענדיק פאַרליבטערהייט זיך קריגן מיט סימען און האָט נישט באַוויזן צו דערקריגן זיך מיט איר ביזן סאָף. עס פעלן נאָך אַנדערע, שוין אָפּגערעדט פון אַלע קרויווים און באַקאַנטע אינעם ווײַטן היימישן שטעטל אין דאָרעם.

אַרום מייערן מיט סימען שטופּן זיך אַף דער וועראַנדע אַלע קרויווים. ציוויל אָנטאָן מישט זיך אוים מיט דער אוניפאָרמע פון אײַזנבאַנער, דאָ און דאָרט שווינדלען דורך גאָלדענע מיליטער־פּאָגאָנעס, פאַרבליבענע מעשענע קנעפּלעך אַף רעקלעך פון דעמאָביליזירטע און פאַרשיידענע פאַרביקע פּאַסיקלעך פון אָרדענס און מעדאַלן. באַ יונג און אַלט מאַכן זיך נישט צו די מײַלער. יעדער איינער האָט נאָך אַלץ וואָס צו דערציילן סײַ פונעם פראָנט סײַ פון זײַן איצטיקער אַרבעט אין זאַוואָד אָדער אין אַנשטאַלט. דאָ קען מען הערן וועגן נײַע נאַפט־קוואַלן, וועגן בוי־מאַטעריאַלן, וועגן נײַע מינים פּראָדוקציע, וועגן נײַע טעקסטיל־ און לעדער־פאַבריקן, און באַנאַנד מיט דעם — וועגן נײַ־אָפּגעזוכטע קרויווים.

— אָ־אָ! — צעשמייכלט זיך, אַרויפקומענדיק מיט פאַרשפּעטיקונג אַף דער וועראַנדע, דער פאָלקאָווניק מאָטיע־מאַטוויי, קײַן בייז אויג!

פון אונטער די ברילן ווינקט ער דערביַי צו ניוטען בלויז מיט איינעם פון זיַינע שוואַרצע אויגן, וויַיל דאָס צווייטע אויג, אויך אַ שוואַרצס, נאָר נישט קיַין שמייכלדיקס, איז באַ אים אַ גלעזערנס. דאָס צווייטע אויג האָט ער פאַרלוירן אין שלאַכט באַ אָפּנעמען אַריאַל, ווו ער האָט געקאָמאַנדעוועט מיט אַ באַזונדער אַרטילעריע־טייל. ווען ניט אָט דאָס גלעזערנע אויג, וואָלט ער, דער ברייטביַיניקער, גאַנץ וווּקסיקער, גאַנץ קרעפטיקער און זעלטן אויסגעפּראַוועטער מיליטער־מאַן, געווען איצט נישט קיַין אינספּעקטאָר פון מיליטער־שולן, נאָר ווער ווייסט וואָס פאַר אַ גענעראַל.

— איך זע, — זאָגט ער צו ניוטען, — דו האָסט דאָ באַ זיך אַף דער וועראַנדע די גאַנצע ניַיע „פּיאַטילעטקע״. אַזויפיל קרויווים, געדענק איך נישט, דיַין טאַטע זאָל באַ זיך האָבן אַפילע פּורים צו דער סודע.

ניוטע ענטפערט דערויף גאָרנישט און קוקט נישט צו אים. די פּויסטעלעך פון אירע רויִקע הענט שטופּן זיך וואָס טיפער אין די טאַשן פון איר געשטריקטן קאַראַלן־רויטן קאָפטל, און איר נאָכגעהאַנגען גויַידערל בלאָזט זיך אַ ביסל איבערגעמעריש, און דאָס פאַרשפּאָרט איר צו ענטפערן דעם פּאָלקאָווניק:

— וואָס זשע מיינסטו?.. טאַקע אַזוי.

די טעמע פון די שמועסן אַף דער וועראַנדע האַלט זיך קעסיידער אין איין ביַיטן.

ניוטע, אַז זי רעדט, האַלט זי מיַיסטע מאַנצביל די פּויסטעלעך אין די טאַשן פון איר קאָפטל; זי דערציילט וועגן איר אַמאָליק רעוואָלוציאָנעריש לעבן, וועגן אירן אַ דעמאָלטיקן נאָענטן כאַווער. זי דערציילט אָן שום אינטאָנאַציעס, אָן יעדער מינדסטער גרימאַסע אַף די ראָזלעכע באַקן, וואָס גייען זיך פאַנאַנדער לעבן מויל, ווי גליַיך זי וואָלט אונטער זיי האַלטן צוויי האָזענע ניסלעך. אירע רויִקע גרוילעכע אויגן שמעלערן זיך, און אַלע אַרומיקע, בעיִים זיי הערן צו, דאַכט זיך זיי, אַז אָט די אויגן אירע ווערן פון רעגע צו רעגע אַלץ מער שלעפעריק. אַלע ווייסן, אַז דער „נאָענטסטער כאַווער״, וועגן וועלכן זי רעדט, איז געווען איר מאַן און איז אומגעקומען באַם אַנטלויפן פון פאַרשיקונג. בעמיילע באַקומט זיך באַ אַלע, אַז עס האַנדלט זיך דאָ וועגן נאָך איינעם אַ קאָרעוו, און בעמיי־

לע פארשפרייטן זיך בא אלע די קרוווישע געפילן פאריינוועגס שוין אויך אף קאלינינען.

— אך־אך־אך! — דערמאנט זיך דער פאלקאוניק מאטיע־מאטוויי, — א מאטאנע האב איך דאך פאר דיר, ניוטע... אלץ הייסט א מאטא־נע!.. פראדלען געדענקסטו?

פראדל איז געווען זייער א ווייטע קרוווע. זי האט געוווינט אין דארף קיסלין און פלעגט קומען אין שטאט נאר אף יאמים־נויראים מיט צוויי זין — בערע און יויסעף. היטן דארט די שטוב פלעגט בלייבן אין דארף איר מיידל גרוניע, וואס האט שפעטער כאסענע געהאט טאקע דארט אין דארף פארן קאוועלס זון.

איז אט. דורך א צופאל האט מאטיע־מאטוויי זיך דערוווסט, אז גרוניעס מיזינקע האט זיך אפגעזוכט ערגעץ לעבן קאמענעץ. אט איז איר אדרעס. און גרוניע האלט, אז זי איז אומגעקומען.

— ווארט נאר... גרוניע?

ניוטען דאכט זיך, אז זי האט גרוניעס אדרעס, זי לאזט זיך צו איר קארטאטעק.

יא, גרוניע איז אין טשקאלאוו. די מילכאמע האט זי געטראפן בא איר זון בערען אין וואראניעזש. איר מיזינקע ביילקע לעבט, געפינט זיך ערגעץ לעבן קאמענעץ, און ביידע, די מוטער און די טאכטער, ווייסן נישט איינע וועגן דער אנדערער.

איצט בלייבן שוין נאר צו פארשרייבן אף א נייעם קארטאטעק־קארטל ביילקעס גענויעם אדרעס.

אלע אף דער ווערענדע רינגלען ארום ניוטען און קוקן צו, ווי זי פארגרעסערט די מישפאכע מיט נאך איין קארוו, גראד זי, נאך ווען דער פאטער איז אמאל אפגעזעסן א שא שיווע און זיך געלאזט דערביי רייסן קריע.

אין שײַן פֿון שײַטערס

— 1 —

אַרום־און־אַרום ווי ווײַט עס כאַפּט מײַער שלײַענס אויג דרעמלען וואַסערדיקע פּעלדער. זיי זײַנען באַוואַקסן מיט הויכן אַטשערעט און באַברעמט אין מיזרעכדיקן האָריזאָנט מיט שיטערע אייביק גרינע בײַמעלעך. דאָרט הייבן זיך אויף ווי אַף טרעפּ געדיכטע וועלדער און בלאָזלען זיך אַרײַן אין די הויכקײַטן פֿון אוראַלער בערג.

ווי כוואַליעס אַף אַ יאַם, וויגן זיך אין ווינטיקע טעג די סאַמעטענע אַטשערעט־קעפּעלעך, בייגן זיך און נייגן זיך, פֿאַרוואַרפֿנדיק זייער טונקל־גרינעם פּליוש הויך אין דער לופֿט. און אין גאַנץ־פֿריעדיקע נעפּלען הייבן זיך דאַן אָן אויסוועבן די קאָנטורן פֿון אַ גרינער שיף מיט שטײַף אָנגעבלאָזענע גרין־סאַמעטענע זעגלען. אין איר גיכן שווימען האַלט די שיף אין איין בוקן זיך. שפּאַלטנדיק דעם ווינט, לענט זי אָן די באָרטן אַט אַף איין זײַט, אָט אַף דער אַנדערער, ביז זי ווערט פֿאַרוואַנדלט אין רויך און אין רויכלעך.

ס'איז מײַער שלײַענס אויסגעכאָלעמטע שיף — אַ שיף, וואָס ווערט אַלע גאַנצפֿרי צעגאַנגען אין שײַן פֿון אויפֿגייענדיקן טאָג.

מײַער שלײַען גייט דעמאָלט אַרויס מיט זײַן געצײַג צו דער אַרבעט אַף דער באַן־ליניע. זײַן האַרץ איז נאָך דורכווים אײַנגעטונקען אין פֿינצטערניש פֿון דער נאָרוואָס אָפּגעשלאָפֿענער נאַכט, און אין זײַן פֿינף־און־פֿופֿציק־יאָריקן קאָפּ באָמבלט זיך נאָך אַלץ דער אָנדענק פֿון דער פֿאַרשווונדענער גרינער שיף. צו אירע אָנגעבלאָזענע גרין־סאַמעטענע

זעגלען איז זיין געשאמטע פול און פול מיט פארשלאפענער בענקשאפט. דאס איז מייער שלייענס בענקשאפט צו זיין היים-ארט, פונוואנען די מילכאמע האט אים ארויסגעריסן און געבראכט אהער: אים ציט צוריק אהין, ווי עס ציט א פארשלאפן זויג-קינד צו דער בוילעטקייט פון דער מוטערס אנגעגאסענע ברוסטן...

אלץ נעמט זיך דערפון, וואס מייער שלייען — א געוועזענער רייפן־אנשלאגער אין א גרויסן באנדער־ארטעל — איז אנהייב מילכאמע פאר־ווארפן געווארן אהער פון א לעבעדיקן פארט אין דארעם; פון זיינע הענט, אזוי דאכט זיך אים, פילט זיך נאך אדהייעם דער רייעך פון גע־ווייקטער און פריש געפארעטער דעמבענער קליאפקע. אנשלאגנדיק דארט אן איילעניש די רייפן אף די קאדעפעס — ער איז קיינמאל קיין איי־לעוודיקער נישט געוועזן, — האט ער אלע יארן געהאט אין אויג די וויגנ־דיקע כוואליעס אפן יאם, די שיפן, וואס קומען און גייען אפ. את פאר־וואס די גרינע אטשערעט-כוואליעס דערמאנען אים אזוי שטארק אין די יאם-כוואליעס, און אים כאלעמט זיך אף זיי פון מאל צו מאל א שיף אף אומצוקערן זיך צוריק אהיים.

איצט איז ער אף טויזנטער און טויזנטער מיילן ארומגערינגלט פון אלע זייטן דורכווים מיט יאבאשע. מיטן אויג בלויז קען ער מעסטן, ווי ווייט אף מיירעוו און אף מיזרעך ציען זיך דא די וואסערדיקע אטשע־רעט־פעלדער, נאר די שיף — א גרינע גאר! אין מיראש קומט זי אהער צו אים, ווי א מאנערן פון יענעם היימיש־ליבן סאוועטישן פארט אין דארעם:

— פארגעס מיך נישט.

און מייער שלייען פאלגט. ער פארגעסט זי נישט און טוט פאר איר דא אין דער ווייט אלץ, וואס אין זיינע קויכעס.

— 2 —

די ארבעט פון א „בודאטשניק" בא דער באן־ליניע פירט דא אלע טאג צונויף מייער שלייענען מיטן ארטיקן בעקאוועדיקן און באיארטן טוישעוו מאקאר יעמעליאנען. די שטרעקע צווישן זייערע איינזנבאן־שטיבלעך וואלטן מייער און מאקאר געקאנט דורכגיין ווייניקער ווי אין

אַ שאָ, ווען נישט די אַרבעט, וואָס יעדערער פון זיי דאַרף דורכמאַכן אַפן באַן־אַנשיט.

עס פּאַטשט און פּיִפּט דער פרייער ווינט אַף די וואַסערדיקע אַטשעראַט־פעלדער. צי צוואָגן זי מעסלעסן־לאַנג אָסיען־רעגנס, צי שטאַרקע ווינטערדיקע פרעסט לייגן אוים אַף זיי די הויכע גרעזער און ווי אַף געפרוירענע כוואַליעס שיטן און שיטן אַף זיי קעסיידערדיקע שנייען, — אַלציינס מוזן די רעלסן אַף די שפּאַלן טאָג־טעגלעך גוט אַרומגעקוקט ווערן. אַ שוואַך געוואָרענעם אײַזערנעם האַטשיק דאַרף מען באַנײַיס גוט פאַרקלאַפּן אָדער פאַרבײַטן מיט אַן אַנדערן. די צונגען, וואָס טראָגן זיך בעשאַס־מײַסע אַדורך, קומט, ווי עס איז אײַנגעפירט, מע זאָל זיי אַפילע אין געדריי פון די גרעסטע בוראַנען באַגעגענען מיטן גרינעם פענדל אין האַנט, כאָטש אין דער היים, לעבן מאַקאַרם און שלײַענס שטיבלעך, טוען דאָס זעלבע זייערע ווײַבער אָדער עמעצער אַנדערש פון די בניי־באַיִס. אויסמײַדן איינער דעם אַנדערן אַפן באַן־אַנשיט קאָנען נישט מאַקאַר און מייער. אַפּנייגן דאָ אין אַ זײַט קאָן קיינער נישט פון זיי, ער זאָל אַפילע וועלן, ווײַל פּאָשעט: אין ביידע זײַטן פונעם באַן־אַנשיט איז נישט גיין צופוס און נישט פאָרן מיט קיין שיפל.

פונקט אַף האַלב וועג צווישן זייערע שטיבלעך קומען זיך די שכייניס צונויף און זעצן זיך צו פאַרייכערן. און ווײַבאַלד מע פאַרייכערט, פאַרפירט מען שוין בעמיילע אַ וועלכן־נישט־איז שמועס. ווער עס ווייסט גאַנץ ווײַט פון אַ יִישעוו, באַנעמט גאָר אַנדערש דעם טאַם פון אַ לעבעדיקן וואָרט, וואָס מע דערהערט פון אַ פרישן מענטשן.

— גוטמאָרגן! — זאָגט דאָרט מייער שלײַען צו מאַקאַר יעמעליאַנען.

און ווי קורץ די שווײַגנדיקע רעגע זאָל נאָכדעם נישט זײַן, איז זי פאַר שלײַענען שיר נישט שרעקלעך, ווײַל פּאָשעט — אַפן באַן־אַנשיט צווישן די וואַסערדיקע אַטשערעט־פעלדער איז מאַקאַר דער איינציקער, פון וועמען מען קאָן דערהערן:

„גוטמאָרגן! — גומיאָר!”

— 3 —

אין פלוג האָט דאָס לעבן נישט געקאָנט גאָר צונויפירן קײַן מער פאַרשיידענע צוויי מענטשן, ווי מייער שלײַען און מאַקאַר יעמעליאַן.

אין מייערס מעגושעמדיקן גוף, וואָס בייגט זיך שטענדיק, ווי פֿון איבעריקער לענג, כאָטש ער איז גאָר נישט אַזאַ הויכער, איז, פּונקט ווי אין זײַן געדיכט-האָריקער באַוואַקסנקײַט, געבליבן עפּעס פֿון גאָר אַלטע צײַטן. דאָס בלײַכע פּאָנעם מייערס מיט די שוואַרצע אויגן און מיט דער פֿאַרשפּיצטער נאָז ווײַל שטענדיק, ווי עס דוכט זיך, זיך אַרויסרײַסן פֿון דער אַרומיקער טיף־שוואַרצער באַוואַקסנקײַט, וואָס הייבט אָן דאָ און דאָרט קוים־קוים גראָ צו ווערן. ער איז איינער פֿון יענע מענטשן, וואָס צוערשט זײַנען זיי מאַסקים מיט אַלץ, וואָס מע זאָגט זיי, און באַלד נאָכדעם באַטראַכטן זיי זיך גוט און פֿרעגן איבער גאַנץ טאַמעוואַטע:

— אַאַאַ?..

וואָס איז שײַעך דעם אַלטן, גרײַז־גראָען מאַקאַרן, איז ער נישט אַזאַ וווּקסיקער, ווי אַ גאַנץ פֿעסטער און דערצו נאָך עפּעס דורכויס אַ גלאַטער ווי אַ פֿעלד אָן שום בערגלעך און טאָלן. קוידעמקאָל מאַכט ער דעם אײַנדרוק פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט ליב, אַז אַלץ, אין וואָס ער איז אָנגעטאָן, זאָל זײַן אַף אים געראָים. גילטיק איז דאָס נישט בלויז צום פּעלץ און צו די פּוישטן, וואָס ער טראָגט ווינטער, נאָר אַפּילע צום שטעקן, וואָס אין זײַן האַנט, בעיים ער שפּאַנט לענגויס דעם באַן־אָנשיט. מער נישט, וואָס אַ שטעקן קאָן נישט זײַן נישט קיין ענגער און נישט קיין גערוימער, איז ער דעריבער בײַם אַלטן מאַקאַרן אַזאַ גראָבער און גרויסער — אַ גאַנצער דראָנג.

פּונקט ווי מאַקאַרס לײַב איז צוגעוווינט צו געראָים אָנטועכץ, אַזוי זײַנען זײַנע אויגן צוגעוווינט, אַז אַלץ אין געראָימען אַרום־און־אַרום, אַף וואָס זיי קוקן, זאָל זײַן פֿון שטענדיק אָן גוט באַקענט און צוגעפּאַסט צום אָרט.

און דאָ פּלוצעם, אָנהייב מילכאָמע, האָט אים זײַן אַרבעט אַף דער באַן־ליניע מאַמעש פּאָנעם־צו־פּאָנעם צונויפֿגעשטויסן מיט אָט דעם נײַעם שאָכן זײַנעם — אַ שאָכן, וואָס אַליין זײַן אויסזען האָט שטאַרק צו זאָגן וועגן עפּעס פֿאַרבלאָנדזשעטס, שוין אָפּגערעדט פֿון אַלע זײַנע פּאַסטעמ-קעס און פֿון זײַן זעלטן ווען געהערטן נאָמען:

— מייער שלײַען...

טאַקע פֿון דעם האָט זיך גענומען די מינע פֿון ווונדער אַף מאַ-קאַרס פּאָנעם, ווען ער האָט דעמאָלט מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן אַ רעגע-

צוויי באַטראַכט אַ־דעם ווי פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלענעם מענטשן. אַ פּאַטש געגעבן פֿאַרטראַכטערהייט די אייגענע באָרד, ווי באַם אַראָפּטרײַבן פֿון איר אַ בין, — ער איז כּמעט זײַן אַרבעט בײַ דער באַן אַ פּאַרקאַכטער בי־נעציכטלער, — און פֿאַמעלעך זיך אַ קראַץ געטאָן אין האַלדז, האָט ער דאָך דעמאָלט אָנגעהויבן מיטן ייִדן דעם שמועס עפּעס ווי פֿון אַ מיטן:

— אַ טאָ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — אַ טאָ וואַשיך טוט ראַנשע ניע בילאָ!

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אויך מייער שלײַען זאָל זיך אַ קאַ־פּעלע פֿאַרטראַכטן.

— נו יאָ, — האָט ער אָן אײַלעניש מוידע געווען און מיט דעם דערוויזן, אַז ער איז נישט דער מענטש, וואָס וועט גיין לייקענען אין אויסגעשריענע זאַכן, — נו יאָ, פּונוואַנען זאָלן מיר זיך געווען דאָ נעמען?

נאָר מאַקאַר האָט דאָך דערויף אַ מאַך געגעבן, ווי מייערן האָט זיך געדאַכט, שיר נישט מיט אַ וואָרעניש:

— טאָ־טאָ!..

טײַטשן האָט מען עס בעפֿיירעש געקאָנט, אַז מיט מוידע זײַן אַליין קומט מען נאָך נישט אָפּ און אַז ביכלאָל — מע וועט נאָך זען...

און ווירקלעך. אַף מאָרגן, בײַ דער צווייטער באַגעגעניש אַפֿן זעלבן אָרט אַפֿן באַן־אָנשיט, האָט מאַקאַר זיך ווידער אַ נעם געטאָן צו שלײַע־נען מיט פֿולן ערנסט ווי עפּעס אַ מין הויפּט־באַלעבאָס, אָן וועמענס וויסן עס קאָן דאָ, אַף די וואַסערדיקע אָטשערעט־פֿעלדער, זיך גאָרנישט נישט אָפּטאָן. ווידער פֿאַרזשמורעט די אויגן און ווידער אַ זוך געגעבן מיט די פֿינגער אין דער גרײַז־גראָער באָרד, צי איז נישט פֿאַרבליבן אין איר אַ בין, האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעפֿרעגט באַם נײַעם שאָכן פּינקטלעך, ווי הייסט ער.

— שלײַעז.

— שמאָין! — האָט מאַקאַר דאָ באַלד לויטן אייגענעם געשמאַק איבערגעאַנדערשט אַ קאַפּעלע דעם שאָכנס נאָמען, — זאָג זשע מיר נאָר, שמאָין, ווי אַרום האָסטו אַהער פֿאַפּאַדעט, אַ?..

— 4 —

און אַט — אַן אייסעק פאַר מייער שלײַענען, דעם קנאַפּן באַלדאַברען: גיי באָרג בא עמעצן לאָשן אַף אויסצודערציילן, ווי אַזוי מענטשן אין די גרויסע טויזנטער זײַנען אָנהייב מילכאָמע געלאָפן פון דאָרעם אַף מיזרעך און אַף צאָפן. אויב צווישן זיי האָט זיך געפונען אויך ער, מייער שלײַען, מיט זײַן ווײַב און מיט זײַן מיזינקע, האָט ער דערפאַר צו פאַרדאַנקען זײַן באָכערל און זײַן איידעם, וואָס האָבן פאַרן אַוועקגיין אָפן פראָנט נאָך באַוויזן אים אַרײַנצושטופּן אין אַן עשעלאָן, ער אַליין — פון טאָמיד נישט קײַן אײַלעוודיקער — וואָלט זיך נישט געוועזן „ספּראַוועט". וועהאָרײַע: אָן זיי, דעם באָכער מיטן איידעם, איז ער דאָ אין קאָנט געבליבן שטעקן מיט ווײַב און קינד אַף איינעם אַ גרויסן וואָקזאַל, כאָטש ווידער דאָס איינגעניע... נישט נאָר ער מיט זײַן ווײַב און קינד איז דאָרט געבליבן שטעקן — הונדערטער און הונדערטער — און ווײַטער נישט פון אָרט. אַנדערע, נישט מײַער שלײַען, זײַנען בעריעס אַף אָנצוקלאַמערן זיך אין מעסוקן איבערגעפּולטע וואַגאָנעס פון פאַרבײַגייענדיקע עשעלאָנען, אַי דאָס נאָך — איידער אונטער די וואַגאָנעס הייבן אָן צו האַלמעוועון די רעדער. עס געלינגט אים אַמאָל אַרויפצושטופּן אַף וואַגאָנטרעפּלעך דאָס ווײַב מיטן קינד, הייבן זיי אויף אַ גוואַלד וועגן אים, וואָס קאָן שוין צו זיי נישט אַרויף. נו, בלײַבט מען שוין בעסער אַלע דרײַ אײַנגיינעם, שוין עפּשער אַ וואָך אַזוי צי מער. און די לופט אין וואָקזאַל — כאָטש שנײַד זי מיט אַ מעסער, און אַלע, וואָס וואַרטן דאָרט שוין נישט דעם ערשטן טאָג, האַלטן אין איין לויפן בעטן אין דער קאָמענדאַטור. אויך דאָרט איז פול־און־פיל, און דער קאָמענדאַנט אַף יענער זײַט אַפּצוים — לויטן אויסזען אַ קירגיז — לאָזט נישט אַרויס דאָס טעלעפאָןטרײַבל פון דער האַנט און הערט נישט אויף אַרײַנצושרײַען הייזעריקלעך, און קעסיידער וועגן עפּעס בילכערם — וועגן עשעלאָנען מיט מאָבילוזירטע און עשעלאָנען מיט מאַשינעס, וואָס צו לאַנג שטייען זיי בא אים אַף דער קנופּ־סטאַנציע:

— דיספּעטשער!.. דיספּעטשער!.. פאַרוואָס נעמסטו נישט צו בא מיר די סאָסטאַוון?! דיספּעטשער!.. דיספּעטשער!..

און דאָ האָרט לעבן אים שטייט אין אַ שוואַרצער שטענדיק־צעשפּי־

ליעטער שינעל זײַן העלפער — אַ גרויס־גופיקער וװערגעלעץ מיט אַ רויט־אָנגעגאָסן פּאָנעם, ער זעט נאָר אויס פּאַרטשאַדעט־שיקערלעך — פון נישט שלאָפן אַפּאָנעם, וואָרעם וועמען קאָן דען אין אַזאַ צײַט ליגן דער קאָפּ באַ טרינקען? „באַוער וועג־אינזשעניער” — אַזוי רופן אים דאָ מענטשן. ווי נאָר דער קאָמענדאַנט ווערט מיד, אַזוי באַלד נעמט ער באַ אים איבער דאָס טעלעפאָן־טרײַבל פון דער האַנט און שרײַט אין דעם אַרײַן דאָס אייגענע, וואָס יענער, נאָר מיט אַ טיפן באַס:

— דיספּעטשער!.. דיספּעטשער!..

אָט דער, ווי עס האָט זיך געדאַכט שלײַענען, וועט אים שוין גע־ווים העלפן. ער הערט נישט אויף קעסיידער אַרײַנצושרײַען אין טעלע־פאָן-טרײַבל, און מיט די אויגן קוקט ער זיך אײַן אין שלײַענס פּאַר־וואַקסנקײַט. און פאַר אָט די אויגן זײַנע פילט שלײַען ערגעץ טיף אין זיך עפּעס אַ מין אומקלאָרע בושע — גרינבלעכע אויגן אַזעלכע.. און דאַווקע צו אים געלינגט שלײַענען אַלע טאָג זיך צושטופּן און אַ בעט טאָן:

— טוט אַ טויווע... שוין די צווייטע וואָך, אַז איך וואַלגער זיך דאָ מיט אַ ווײַב און מיט אַ קינד... איר האָט שוין אַזוי פיל מענטשן געהאָלפן אוועקפאָרן פונדאַנען...

נאָר יענער מיטן רויט־אָנגעגאָסענעם און שוין וויפל טעג נישט־געגאָלטן פּאָנעם באַמערקט נישט שלײַענען און גרימט אַלץ אין טעלע־פאָן־טרײַבל אַרײַן:

— דיספּעטשער!.. דיספּעטשער!..

דעמאָלט טרעט שלײַען אָפּ מיט זײַן פאַרשטאַרקטן בושע־געפיל און מיטן געדאַנק: „נו יאָ... ער מוז זײַן פאַרנומען מיט עפּעס בילכערס.”

און איינמאָל האָט אים שלײַען צוגעטראָגן זײַן „טוט אַ טויווע” פונקט אין יענער רעגע, ווען האַבנדיק זיך דערשלאָגן עפּעס באַם דיס־פּעטשער, האָט ער אוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, און זייערע ביידנס אויגן האָבן גראָד אין יענער רעגע זייער נאָענט זיך באַגעגנט.

— וואָס ווילט איר פון מיר?.. איר האָט זיך דאָ אומיסטן אוועק־געשטעלט אַקעגן מיר, איך זאָל אַף אײַך האַלטן אין איין קוקן?

דער סאָף איז געווען, אַז טאַקע ער — דער אײַזנבאַן-אינזשעניער פּאַקראַס — האָט מיטגענומען מיט זיך שלײַענען אַף דער דרעזינע צום

אײַזנבאַן־שטיבל, וואָס אַפֿן איין־און־זיבעציקסטן קילאָמעטער אין שבײַנעם מיט מאַקאַרן.

— אַן עק! — האָט ער ווי אָנגעבייזערט זיך אַף שלײַיענען, אָנווײַזנדיק אים, וואָס עס איז פֿאַראַן צו טאָן יעדן טאָג אַפֿן באַן־אָנשיט, — אַ האַמער אין האַנט ווייסט איר ווי צו האַלטן, איז זיצט אײַך דאָ אַף אַן אָרט.

פֿון דעמאָלט אָן איז מייער שלײַיען אַ באַלעבאָס אַף אַ שטיקל פֿונעם באַן־אָנשיט, וואָס שנײַדט דורך אין דער ברייט די אומענדלעכע וואַסערדיקע אָטשערעט־פֿעלדער. ערנסט און מיטן פֿולן געוויסן טוט ער אַלץ, וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿון אים, און בעיים דער אַרבעט באַגעגנט ער זיך דאָ טאָג־טעגלעך מיטן אַלטן מאַקאַרן.

— 5 —

נישטאָ דאָ קיינער, וואָס זאָל קאָנען קלאָר מאַכן מייער שלײַיענען, פֿאַרוואָס ווערט ער שיר נישט פֿאַרגאַפֿט, ווען ער דערזעט פֿונדערווײַטנס: אין פֿרײַיען אַרום־און־אַרום, אין גרוימען אָנטועכץ, מיטן לאַנגן דראָנג אין האַנט שפּאַנט דער אַלטער מאַקאַר לענגווים דעם הויכן באַן־אָנשיט.

עס איז שוין שפּעט אין אָסיען, נאָר מאַקאַר איז אַלץ נאָך באָרוועס און אָן אַ היטל אַפֿן נאַקעטלעכן שאַרבן. זײַנע זײַנען זיי דאָ, אַזוי קומט אויס, די בײַסיקע פּרימאָרגן־פֿרעסטלעך און די פֿאַרנאַכטיקע ווינטן, וואָס דערטראָגן אַהער מיט שטורעם דעם אוראַלם אײַז־קאַלטן אָטעם — זיי טשעפּען אים נישט, ווי אים טשעפּען נישט די בינען אין די געפֿאַרבטע קאַסטנס, הינטער זײַן קליינעם אײַזנבאַן־שטיבל.

כמורנער און כמורנער ווערט פֿון טאָג צו טאָג דער הימל דאָ — אַ טונקעלער צודעק מיט קאַלטע גרויע נעפּלען און ראָזע דורכבליקן אין מײַרעוודיקער ווײַטקייט. און גלײַך אַנטקעגן אָט די דורכבליקן, ווי אַקעגן אַ געפּרווירענעם רעגנבויגן, שפּאַנט מאַקאַר לענגווים דעם הויכן באַן־אָנשיט. ניט ער גייט — ער שוועבט, ווער ווייסט וווּהין, מיט וואָס פֿאַר אַ שעליכעס. און מיט די גראָע האָר, וואָס אַרום זײַן קײַלעכיקן שאַרבן־פּליך, שפּילט דער ווינט, ווי מיט גרעזער אַרום אַן אימבער־געלן טײַכל. מאַקאַרס

ברעמען — שווערע און געדיכטע, ווי וואָנצעס — זײַנען קוים־קוים אויפֿ־געהויבן, די אויגן-שפּאַלטן אונטער זיי האַלטן אין איין פֿאַמעלעכן באַ־זוכן אַלע ווײַטסטע אָטשערעט־שטרעקעס, און די פּיס, קימאַט נישט אײַנבייגנדיק זיך אין די קני, טרעטן אַהין, וווּהין עס ווײַזט זיי אָן דער לאַנגער דראָנג, וואָס אין זײַן האַנט. אַזוי שפּאַנט, נישט פֿילנדיק קײַן קעלט, אַ געשיקטער פֿון קאַדמוינים, וואָס האָט עפּעס איבערצוגעבן פֿון איין צײַט דער צווייטער.

פֿאַרנאַכטלעך האָט ער איינמאָל אַזוי צוגעשפּאַנט מיטן הויכן אָנ־שיט ביז צו שלײַענס אײַזנבאַן־שטיבל און איז דאָרט געבליבן שטיין פֿאַר־גליווערט, ווי אַ דענקמאָל מיט אַ הויך־פֿאַריסענעם קאָפּ. צי האָט עס נישט געהייסן, אַז דאָס קומט ער נאָכקוקן דעם נײַעם שאָכנס פּירעכץ און זײַן אַרבעט דאָ?

שלײַענס ווײַב, עסטער־ראָכל, און זייער פֿערצן-יאָריק מיידל גיטל האָבן גראָד זיך געפּאָרעט אָפּן אויסגעבלאָטיקטן שטיקל ערד, ווו דער פֿריערדיקער „בודאָטשניק" האָט געהאַט זײַן גאָרטן לעבן שטיבל.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָבן זיי אומגעריכט דערהערט מאַקאַרס קאָל פֿונעם הויכן אָנשיט.

— ווער? מיר?...

זיך דורכגעבליקט מיט איר מיידל, האָט די ייִדענע נישט באַלד גע־ענטפֿערט:

— נו אָט: מע גראָבט דורך טיפֿער די ריוּוטשאַקעס — דאָס וואַסער זאָל אָפּרינען. עפּשער וועט מען נאָכן ווינטער קאָנען עפּעס-וואָס פֿאַר־זעצן. נו אָט: מע רײַסט אויס דעם פֿאַראַיאָריקן בוריאַן.

— אַהאַ!

אַ שווײַג געטאָן, האָט מאַקאַר דאָ באַלד צוגעגעבן גאַנץ קאַלטלעך:

— דאָס זע איך!

און דערבײַ אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מייער! — האָט די ייִדענע, נישט אוועקנעמענדיק די אויגן פֿון מאַקאַרן, נישט געלאָזט צורו דעם מאַן, — בעט אים אַרײַן אין שטוב... בעט אים... הער, וואָס איך זאָג, מייער.

מאַקאַר האָט אין שווײַגעניש גאַנץ לאַנג זיך געלאָזט בעטן, האַלטנ־

דיק דעם קאָפּ פאַריסן, ווי ער וואָלט וואַרטן, מע זאָל אים אָנזאָגן פון אויבן, וואָס ער זאָל טאָן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער נישט געאײַלט אַרײַנגע־טראָטן צו די נײַע שכנים אין שטיבל, מיט פאַרזשמורעטע אויגן האָט ער אַרומגעקוקט יעדער קלייניקייט פונעם אָרעמען פאַרמעגן, וואָס די שכנים האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט, און נישט האָבנדיק געפונען גאָר־נישט, אַף וואָס צו פאַרהאַלטן זײַן בליק, גענומען באַטראַכטן די קליינע פאָטאָגראַפיעס פון צוויי יונגע מיליטער־לײַט, וואָס זײַנען צוגעקלעפּט צו דער וואַנט.

— און דאָס? — האָט ער געפרעגט, אָנווײַזנדיק מיט דער באָרד אַף די פאָטאָגראַפיעס, — און דאָס ווער איז?

— מײַנע קינדער, — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ענטפערן די ייִדענע, — זיי און אַט דאָס מיידל און אַ טאָכטער נאָך — מער פאַרמאָגן מיר נישט.

— אַ זון מיט אַן איידעם, — האָט קלאָר געמאַכט מייער שלײַען. —ביידע אַפן פראָנט... מע שלאָגט זיך.

— אַפן פראָנט! — האָט אַ קײַ געטאָן מאַקאַר, ווי ער וואָלט נעמען עפּעס אַף די ליפּן און זיך צוהערן צום טאַם, און זײַנע פאַרגלאָצטע אויגן האָבן פרעגנדיק געזײַטלט זיך צו שלײַענען, — פאַרן היימלאַנד, הייסט עס?...

— נו יאָ, — האָט נישט אויפהייבנדיק די אויגן, אונטערגעהאַלטן מייער שלײַען, — פאַר וועמען זשע דען?

— מײַנע אויך, — האָט שטיל אָפּגעזיפצט מאַקאַר, — אַלע!... נו, און איך...

— פאַר אַזוינע אַלטע לײַט, ווי איר און מײַן מאַן, פאַר אײַך זײַנען שוין נישט די יאָרן, זאָלן זיך פאַר אײַך שוין שלאָגן די קינדער. ס'איז, ווי לײַט זאָגן דערויף...

זי וואָלט דאָ באַלד אויסגעלייגט אַף גיך, אַף גיך, וואָס לײַט זאָגן דע־רויף, ווען מאַקאַר זאָל אַף איר נישט געוועזן אַ זשמורע טאָן די אויגן, ווי אַף צו דערגיין, ווער טרײַבט זי אַזוי אונטער באַם ריידן.

דער שמועס וואָלט ווי־נישט־ווי באַדאַרפט אָנהייבן דערנעענטערן די שכנים, נאָר אַף מאָרגן, באַם באַגעגענען זיך און פאַרייכערן נאָך דער

אַרבעט אַפּן באַן־אָנשיט, האָט מאַקאַר געזאָגט צו שלײַענען זײַער טרוקן און קורץ:

— ניעט!... ניע זשילעץ טי זדיעס, שמאַין, ניעט!

ער האָט אָנגעוויזן מיט דער באָרד אַהין, וווּ עס געפינט זיך שלײַענס שטיבל:

— ווידעראַמאָל וועט דאָרט פּוסטעווען די בודקע.

ס'האָט געקלונגען, ווי אַ לעצטער אורטייל שוין נאָך אַלע אַפּעלאַציעס.

— אַ־אַ־אַ?... — האָט טאַמעוואַטע איבערגעפרעגט מייער.

— טאַ־טאַ!... —האָט ווי מיט עפּעס אַ באַזונדער וואָרנדיקן מיין אָפּגעהאַקט מאַקאַר.

ווען מייער שלײַען האָט עס נאָכדעם איבערדערציילט בײַ זיך אין דער היים, האָט דאָס ווײַב גלײַך אָנגעהויבן נעמען פון אים שטיקער, אַלע־מײַ האָט ער זיך נישט דערפרעגט קלאָר, ווער און וואָס און ווען:

— סטײַטש!... יהערסט פון יענעם אַזעלכע ווערטער... אַ קליינעקײַט!... „ניע זשילעץ" זאָגט מען דאָך נאָר אַף אַ כווליע־מעסוקן, באַהיט זאָל מען זײַן, הערסטו אויס און שלינגסט עס אַראָפּ...

— 6 —

די גריים פון יעדן נײַעם אומגליק האָט מייער שטענדיק געמאָסטן מיט די גוואַלדן, וואָס זײַן ייִדענע הייבט אויף אַף אים. דאָס מאָל האָט זי געאַרבעט מײַסים: זי וועט זיך לאָזן צופוס איין און זיבעציק קילאָמעטער צום גרויסן וואָקזאַל, זי וועט דאָרט אויפזוכן דעם אינזשעניער פּאָקראַס, וואָס האָט זי מיט איר מאַן און מיט איר קינד דאָ אַוועקגעזעצט.

מייער איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן און גענומען זוכן פאַר זיך אַ וועלכע־נישט־איז אַרבעט אַרום שטיבל. נאָר אומשטיינס־געזאָגט, וואָס איז דאָ געווען צו טאָן אינמיטן די אומענדלעכע אָטשערעט־פעלדער און דערצו נאָך איצט — האַרט ערעוו ווינטער? ס'האָט געבלאָזן אַ ווילדער דרייענדיקער ווינט, עפּעס גאָר אַ דרײַעקיקער, אַזוי האָט זיך געדאַכט —

אזא, וואָס לייגט אַיין וועלטן, און מייער האָט נישט באַוויזן גוט זיך אַיינצוקוקן אין די שטאַרק צעשאָקלטע אָטשערעטן, ווי די אָרומשווימענ־דיקע גרינע פאַרב פון זייערע פליושענע קעפּלעך האָט גענומען אים אַיינ־וויגן און אַיינוויגן, און פאַר זיינע אויגן ווייט אין האָריזאָנט האָבן אָנגע־הויבן זיך אויסוועבן די קאָנטורן פון דער גרינער שיף, וואָס מיט די שטייף אָנגעבלאָזענע זעגלען. איצט זיינען די זעגלען אירע געווען עפּעס בלאָלעך גאָר, און אָנגעבלאָזן זיינען זיי געווען שטייפער ווי אַלעמאָל, און שטאַרקער ווי אַלעמאָל איז איצט געווען מייערס בענקשאַפט צוריק, צוריק צום יאַם־פּאָרט וואָס אין דאָרעם.

אין שטיבל האָט די ייִדענע נישט אויפגעהערט צו גוואַלדעווען און צו שרייען:

— מייער! קום אַהער, מייער!

אַיינגעוויקלט אין אַלע שאַלן און שאַלעכלעך, וואָס זי און איר מיידל פאַרמאָגן, האָט זי אין יענעם טאָג אַוועקגעשפּאַנט מיטן באַן־אָנשיט, אָבער נישט צום וואָקזאַל, וואָס אַף יענער זייט איין־און־זיבעציקסטן קילאָמעטער — אַף מיירעוו, נאָר צו מאַקאַרן אַהיים, דאָ נישט זייער ווייט — אַף מיזרעך. זי איז געגאַנגען אַהין מיט דער פּולער באַשלאָסנ־קייט צו דערגיין דאָרט בא מאַקאַרן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, וואָס האָט ער עם געמיינט מיט די ווערטער:

— „ניע זשילעץ טי זדיעס.“

אונטערגעשטופּט פונעם ווינט, וואָס קאָן איבערקערן בערג און אויס־רייסן פעלדזן, האָט זי זיך גערוקט פאָרויס מיט א וועג, ווו אירע שוועס־טער, מוטער און באָבעס זיינען נאָך קיינמאָל נישט געגאַנגען, און האָט געזען, ווי אָטשערעטן בייגן זיך, אבי נישט צו ווערן אויסגעריסן אינ־גאַנצן, זיי שטרעקן זיך אויס און שפּרינגען גלייך אויף צוריק, זיי וואַרפן זיך אין אַלע זייטן, און אַלץ, ווי זיי וואָלטן דערביי געהאַלטן אין איין קלאָגן זיך:

— איי, ווי שווער!... ווי שווער איז איינצוהיטן וואָרצלען!

פאַרנאַכטלעך האָט זי זיך אומגעקערט גאַנץ אויסגעניכטערט און אויסגעלאָשן, ווי מע קערט זיך אום פון א צונישט־געוואָרענער סרייפע. מאַקאַרן אַליין האָט זי נישט געזען — זי האָט גערעדט מיט זיין טאָכטער.

מייער האָט געערדט זייער שטיל, קעדיי נישט צו דערצאָרענען נאָכ־אַמאָל די ייִדענע:

— פאַרוואָס עפּעס נאָר מיט דער טאָכטער?

די ייִדענע האָט געשוויגן.

מייער האָט געפרעגט נאָך שטילער:

— מאַקאַר איז נישט געווען אין דער היים?

די ייִדענע האָט געענטפערט מיט אַ טאָן, וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערמאָנען אָן אירע פריערדיקע געשרייען:

— ער איז יאָ געווען אין דער היים!

— 7 —

מאַקאַר, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז נישט געווען אין דער היים.

— אויפגענומען דאָרט, — האָט דערציילט די ייִדענע, — האָט מיך גאָר די טאָכטער זײַנע, זייער פײַן אויפגענומען. זי זעט אויס ווי אַ שטאָטישע: נישט קיין הויכע, נאָר עפּעס אַ ברייטלעכע אַזאַ — מיט ברייטע אַקסלען, מיט אַ ברייט מויל און מיט אַ ברייטלעכער נאָז. אַפילע די אויגן זײַנען בײַ איר אויך ברייטלעכע און פאַרמאַכן זיך אַלעמאָל, ווען זי טוט אַ הוסט — אַפּאָנעם נישט קיין געזונטע, און דערפאַר זיצט זי דאָ מיטן פאָטער. „אַלע ברידער, זאָגט זי, זײַנען אויף דער מילכאָמע, און מײַן מאַן אויך... נו, און דאָס, זאָגט זי, וואָס דו קלאָגסט זיך, אַז דער אַלטער האָט אַ זאָג געטאָן: „ניע זשילעץ טי זדיעס“, איז האָסטו נישט וואָס צו שרעקן זיך דערפאַר, וואָרום ער האָט אַוודע געמיינט מיט דעם, וואָס איר זײַט שטאָטישע און זיך מיט גאָרנישט נישט פאַר־גרייט אויפן ווינטער... און דאָ, זאָגט זי, דאָ, אַז מע פאַרגרייט זיך נישט פון פריער מיט אַלץ, וואָס מע דאַרף, ביז דער נײַער גערעטעניש, איז שווערלעך... און עפּשער, זאָגט זי, עפּשער האָט ער געמיינט מיט דעם די בודקע, ווו איר האָט זיך באַזעצט. זי שטייט מערסטנס פּוסט, נישט יעדערער איז אַ באַלן צו וווינען דאָ.“ „נו, און דער פאָטער דײַנער, פרעג איך בײַ איר, פאַרוואָס וווינט ער דאָ?“ „נו, מאַכט זי צו מיר, דער טאַ־טע איז אַן אַנדער זאַך. דאָ איז ער געבוירן געוואָרן, אים איז דאָ גוט

אין דער שטיל מיט זיינע בינען... דאָ, זאָגט דער טאַטע, זיינען פאַראַן גרויסע אויצרעס, אָן אַ שיר אויצרעס..."

באַ דער זייט איז שולדיקלעך געשטאַנען דאָס פערצן־יאָריקע מיידל גיטל. איר קיילעכיק פּנים, וואָס איבערן גראָבלעכן נעזל קאָן מען נאָך נישט וויסן, צי וועט עס זיין שיין אָדער מיעס, האָט געפלאַמט, ווי אין פיבער, און די גאַנצע צייט, וואָס די מוטער האָט גערעדט, האָט זי זיך איינגעהערט מיט אַ מינע פון ווייטיקלעכן צער, ווי פון איינטראַכטן זיך און נישט באַנעמען, וווהין האָבן זי טאַטע־מאַמע פאַרפירט און וואָס קאָן דאָ פון זיי אַלע ווערן.

— אויצרעס! — האָט, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך זיין שלעפעריקייט, אַרייגעשטעלט מייער שלייען.

ער האָט זיך דערמאָנט:

— אויך יענער, דער אינזשעניער פּאָקראַס... דעמאָלט, ווען ער האָט מיך צום ערשטן מאָל געפירט אַהער אַף זיין דרעזינע, האָט ער גערעדט עפּעס וועגן אויצרעס...

— יאָ, אויצרעס!... — האָט בייזלעך איבערגעשלאָגן די ייִדענע, — אויצרעס האָב איך געזען לעבן מאַקאַרס שטיבל: עס דרייען זיך דאָרט אַרום אַ קו, און אַ קעלביקע קאַלב, און הינער, און גענדז, און וואָס נישט? שוין אָפּגערעדט פונעם האָניק, וואָס ער האָט פון די בינען... אויצרעס! וואָס זשע דען, די האָלאָדראַנצעס?

די בענקשאַפט צו דעם, וואָס זי האָט געזען לעבן מאַקאַרס בודקע, האָט זיך ווי אַ דיבעק באַזעצט אין איר און זי נישט אָפּגעלאָזט די גאַנצע צייט, ביז מע האָט זיך געלייגט אין די געלעגערס. זי איז ענדלעך אַנט־שלאָפן געוואָרן מיט אַ זיפץ:

— היינטיקע צייטן האָניק!... אַ קליינִיקייט!

לעבן איר האָט פון זייט אַף זייט זיך געדרייט איר מאַן. אַף אים איז נאָך לאַנג נישט געקומען דער שלאָף, און געדענקט האָט ער אַלץ, ווי אַזוי דער אינזשעניער פּאָקראַס האָט אים געפירט אַהער אַף דער דרעזי־נע: עפּעס אַ ווייכער און נישט קיין מענטש, אָט דער אינזשעניער. אַ רויט־אָנגעגאָסן פּנים מיט גרינבלעכע אויגן. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ ייִד. מיט דער דרעזינע האָט ער אַליין געפּראַוועט, זיך געטראָגן פייל־אויסן־בויגן — אַף אומצוקומען. די טאַראַראַכקענדיקע מאַשין, האָט

זיך געדאַכט, וועט אָט־אָט אַראָפּ פֿון די רעלסן, מע וועט איינעם מיט איר צעשאָטן ווערן אַף פּיץ־פּיצלעך, און ער, דער אינזשעניער, — די אויגן גראָבט ער איין אַלץ טיפֿער אין דער ווײַט, און אַליין הערט ער נישט אויף איבערצושרײַען דעם געפּילדער פֿון די קלאַפּנדיקע רעדער און דונערט מיט ווערטער, וואָס זײַנען מײַערן נישט אינגאַנצן פֿאַרשטענד־לעך: „אויצרעס דאָ! אויצרעס!... מע וועט קומען אַהער!... וואָס אַרט אײַך!... מע וועט קומען!... יידן — אויך!...״ און דערבײַ בליצט ער פֿון מאָל צו מאָל אַף אים, אַף שלײַענען, מיט די אויגן: „ ווי הייסט איר, אַ?... איר זײַט דער ערשטער.״

און נאָך געדענקט זיך מייער שלײַענען:

ווענן עפּעס פֿון דער געשיכטע שרײַט צו אים דער אינזשעניער, פּראָווענדיק מיט דער פֿליענדיקער דרעזינע און בליצנדיק מיט די אויגן, ווענן עפּעס גאָר פֿון דער היסטאָריע מיט יידן, ווי אַזוי אין די פּינסקער בלאָטעס איז אַמאָל געקומען דער ערשטער ייד, און ווענן דעם, וואָס אויך יענער האָט אַוודע געמיינט, אַז ער איז אַ פֿאַרפֿאַלענער, נאָר נאָכדעם זײַנען געקומען נאָך און נאָך יידן און נישט־יידן און עס איז געוואָרן פּינסק...

אַף מאָרגן ווערט באַ דער מישפּאָכע פֿונדעסטוועגן פֿעסט באַשלאָסן, אַז מיטן ערשטן פֿראַכט־צוג, אויב עס וועט זיך לאָזן, פֿאָרט מייער אַוועק אַהין, אַף יענעם געוויסן וואָקזאַל. ערשטנס, וועט ער זיך דאָרט, ווי גע־העריק, אַ נעם טאָן צו אָט דעם „וויכער״ — דעם אינזשעניער און, צווייטנס, וועט ער דאָרט קריגן אַביסל פּראָדוקטן אַפֿן ווינטער.

דאָס פֿערצניאָריקע מיידל האָט אַזוי לאַנג געבעטן דעם פֿאָטער, ער זאָל זי אַהין מיטנעמען, ביז זי האָט געפּויעלט. איר מיין אין געווען: קריגן דאָרט ביכלעך צום לייענען.

אין איינעם פֿון די ביכלעך האָט זי געפֿונען סטאַלינס פּאָרטרעט, און פֿון אָט דעם פּאָרטרעט, וואָס האָט, באַשיצנדיק און צוזאָגנדיק, אַראָפּ־געקוקט פֿון דער וואַנט, איז אין שטיבל געוואָרן מיטאַמאָל פֿיל היימלע־כער, ווי גלײַך מע וואָלט אָקאָרשט איצט צום ערשטן מאָל האָבן אויס־געהייצט דעם אויוון און צום ערשטן מאָל דערפֿילט, ווי וואַרעמקייט באַ־רויִקט.

וואָס איז שײַעך צום אינזשעניער פּאָקראַס, איז מייערן געבליבן

נישט מער, ווי צו לאָזן אים אַפּן וואָקזאַל אַ בריוו פול מיט טײַנעס, ווײַל אַלע האָבן אים דאָרט געזאָגט: „ער, אַז ער לאָזט זיך אַוועק אויף זײַן דרעזינע איבער די אַרומיקע סטאַנציעס, ווייסט קיינער נישט, ווען ער וועט קומען צוריק.״

— הערסטו? — האָט מייער וועגן דעם אינזשעניער געזאָגט צו זײַן ווײַב און האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט זייער טיף ווי אַ פילאָזאָף, — מיר דאַכט זיך, ער איז גאָר אויך פון אונדזערע געגנטן.

און ער האָט גענומען אויספּאַקן פונעם זאַק די פּראָדוקטן, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט.

פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן טראָגן אין זיך צום אינזשעניער פּונקט אַזאַ געפיל, ווי צו דער גרינער שיף מיט די סאַמעטענע זעגלען, וואָס באַווײַזט זיך אים פון מאָל צו מאָל אין מיראַזש פון גאַנצפריעדיקע נעפלען — ביידע האָבן געהאַלטן אין איין וועקן די בענקשאַפט אַהיים און אין איין מאַנען:

— טו... אַרבעט!

— 8 —

ווינטיקע זאַווערוכעס און ווינטיקע זאַווערוכעלעך.

שיקערע ווינטן פון אומגעהייערער שטורעמדיקער קראַפט. זיי האָבן אײַנגעפלעטשט און אײַנגעטאַפּטשעט די געפרוירענע אַטשערעט־פעלדער און נישט ווייניק מעסלעכן געאַרבעט מײַסים, ביז זיי האָבן אָנגעטאָן די געגנט אין ווײַסן. ערשט דעמאָלט האָט באַנײַס אָנגעהויבן צו דרייען און צו בלאָזן.

אין די נעכט פון שטאַרקע פרעסט האָבן אַ סאַך אָפּטער ווי פריער געקלאַפּט רעדער פון שווערע צוגן אויף די רעלסן פון אָנשיט און געטראָגן זייער שטאָלענעם געפילדער אַלץ טיפער אין דער זאַווערוכע אַרײַן. ערגעץ דאָ נישט ווײַט האָבן זיי אָפּגעוואָרפן אַלערליי מאַשינעס, עקסקאַוואַטאָרס, הייב־קראַנען, בוי־מאַטעריאַלן און — ליידיק — זיך אומגעקערט צוריק.

באַם באַגעגענען זיך מיט מאַקאַרן אַפּן באַן־אָנשיט האָט מייער שלײַען געפּרוּווט באַ אים אויסטאַפּן, צי הייבט זיך נישט אָן אַ בויונג

ערגעץ דאָ ארום די אויצרעס. מיט פאַרזשמורעטע אויגן אונטער די שווע־רע גראָע ברעמען האָט אים מאַקאר באַטראַכט און געשוויגן.

— וואָס זשע? — האָט געפרעגט מייער. — ס'איז אַ סאָד?

— טאַ־טאָ! האָט בייזלעך אַ מאַך געטאָן מאַקאר. און, ווי אַף קיין איינהאָרע נישט געבן, אפילע קיין קוק נישט געטאָן צו די שיטערע ביימ־לעך אין וויַטן האָריזאָנט, ווו די צוגן ליגן אַף די מאַטעריאַלן.

ווי אַ געשעפט פון דער זאַווערוכע ארויס, באַגלייט מיט אירע דרייע־נישן און בלאָזעניש, האָט אין איינעם פון יענע טעג זיך דאָ דורכגעטראָגן אַף זיין דרעזינע דער אינזשעניער פּאָקראַס. ער האָט זיך נישט אָפּגע־שטעלט נישט לעבן מאַקארן און נישט לעבן מייערן, נאָר ווי אַן אָנדענק וועגן זיין דורכטראָגן זיך, זיינען דאָך דאָ און דאָרט לענגאויס די רעלסן געבליבן פאַרשיידענע אָפּצייכנס. לעבן אָט די אָפּצייכנס האָבן צוגן אין די נעכט גענומען אָפּוואַרפן פאַרשיידענע באַלאַסטן, פאַרברייטערנדיק דערמיט דעם באַן־אָנשיט.

און שנייען האָבן אַלץ געשאָטן, געווירבלט און געטריבן די טעג טיי־פער און טיפער אין ווינטער אַריין. וויַט ארום די שיטערע ביימלעך, וואָס אין מיזרעכדיקן האָריזאָנט, האָבן גרויזאַם־רויטע אָפּשיַינען, ווי אָפּ־שיַינען פון דער מילכאָמע־סרייפע, וואָס וויַט אַף מיַירעוו, גענומען זיך באַוויַזן נאַכט־באַ־נאַכט. מייער שליַיענס מיידל האָט שטיל געכאַלעמט וועגן אַ ווייניקער קאַלטן טאָג, ווען זי וועט זיך קאָנען אוועקלאָזן אהין מיטן באַן־אָנשיט: „אָ־אָ! זי וועט זיך שוין צוזוכן דאָרט אַן ארבעט. גע־ווים זיַינען דאָרט פאַראַן נאָך אנדערע אַזוינע מיידלעך, ווי זי.” איר האָרץ איז שיר נישט אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט צו זיי — מיידלעך אונטער אָפּשיַינען פון גרויזאַם־גרויסע פיַיערן. דערוויַיל האָט זי נישט אויפגעהערט צו הייצן גאַנצע טעג דעם אויוון מיטן פאַרגרייטן אָטשע־רעט און, קוקנדיק פון מאָל צו מאָל אין פענצטער, ווי הייך עס רויכערט זיך דער שניי, געקויַט דאָס ניַיע וואָרט, וואָס איר איז דאָ צוגעקומען:

— אַ בוראַן, מאַמע!... ווידער אַ בוראַן!

מייער שליַיען האָט געמוזט צופראַוועז אַ שטריק פון זיַין שטיבל ביז צום באַן־אָנשיט, קעדיי האָבן אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן און נישט אומ־געוואַלגערט ווערן פון די פיס, בעיים ער דראַפּעט זיך אהין. דער שמועס צווישן אים און צווישן די באַן־אַרבעטער, וואָס ליגן איבער דאָרט די

רעלסן, איז ווי צווישן שטומע, פאַרגעקומען מיט דער הילף פון וואַרפן אין דער הייך מיט די הענט און ציילן אַף די פינגער. דאָס גרילצן פון טראָמפּייטל, וואָס ער טראָגט איבערן אַקסל, קעדיי אָנצוזאָגן וועגן אַ נאָענט־צוקומענדיקן צוג, איז צו די אַרבעטער נישט דערגאַנגען. אַלערליי קלאַנגען, מיט וועלכע מענטשן דערטראָגן איינער צום צווייטן זייערע געדאַנקען, זײַנען דאָ געוואָרן פּונקט אַזוי אומנוצלעך ווי אַ רעגן־שירעם פאַר יאַם־טויכער.

דאָ, באַם באַגעגענען זיך לעבן די באַן־אַרבעטער, האָבן אַפּן ווונק זיך געמוזט דורכריידן מאַקאַר און מייער. נישט איבערריידן זיך האָבן זיי דעמאָלט שוין נישט געקאָנט. עס איז געווען אַ מײַסע: די בריוו, וואָס מייערס קינדער שרײַבן פונעם פּראָנט, זײַנען אַרײַנגעפאַלן צו מאַקאַרן. דעמאָלט ווען די בריוו, וואָס מאַקאַרן שרײַבן זײַנע קינדער, זײַנען אַרײַנגעפאַלן צו מייערן. די שכיינים האָבן, אַזוי אַרום, שיר נישט געהאַט זיך פאַרביטן מיט אַ פאַרווונדעטן זון, און קעדיי אויפצוקלערן דעם פּלאָנטער, האָט מאַקאַר געמוזט פאַרבעטן מייערן צו זיך אין שטיבל. וואָרעם ס'איז פאַרשטייט זיך אַ כילעק אַביסל, צי דאָס אָפּבײַטן זיך צוריק מיט אַזאַ זון קומט פאָר מיט דער הילף פון ווערטער אָדער בלויז מיט דער הילף פון ווונקען, און דו מוזט דערבײַ אינמיטן זאַווערוכעדיקן שטורעם טײַטלען יענעם מיט אַ פינגער מאַמעש אין דער ברוסט אַרײַן: דײַן זון... נו, דײַנער!... נו, האָט מען זײַן בריוו... נו, וואָס ער שרײַבט (מע שרײַבט דערבײַ מיט אַ פינגער באַ זיך אַף דער דלאָניע), אָפּגעגעבן מיר (מע קלאַפּט דערבײַ גאַנץ געשמאַק זיך אַליין אין דער ברוסט אַרײַן), מיר!... מיר!...

— 9 —

באַ מאַקאַרן אין דער היים, אַ וואַרעם־אײַנגעפונדעוועטע היים פון אַן אָרטיקן טוישעוו, האָט מייער איבער עפּעס געקוקט נישט אַזוי אַף מאַקאַרן, ווי אַפּן קליינעם טיק־טאַק־זייגער, וואָס הענגט דאָרט אַף דער וואַנט צווישן פעלן פון פאַרשידענע כײַעס. גענומען האָט זיך עס אַוואַדע דערפון, וואָס דער פלינקער אומרו פון אָט דעם קליינעם מעכאַניזם האָט, ווי מאַקאַר האָט איידעם געזאָגט, קיין איין־איינציק מאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן.

— טאַ־טאַ!

דאָס האָט געהייסן, אַז ווען נישט דער אומרו, וואָס וואַרפט זיך אָן אויפהער הין און הער, וואָלטן דאָ אין די צײַטן פון פינצטער־מאַכנדיקע בוראַנען זיך אויסגעמישט די טעג מיט די נעכט.

באַ מייערן אין דער לײַדיקלעכער היים האָט מאַקאַר, ווען ער איז צום צווייטן מאָל אַהין פאַרגאַנגען, געקוקט איבער עפּעס נישט אַזוי אויף מייערן, ווי אויף סטאַלינס בילד, וואָס הענגט דאָרט אויף דער וואַנט. אויף מייערן האָט ער נאָכדעם איבערגעפירט זײַן בליק מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט באַשטעטיקט: „יאָ... דאָס איז ער!" און ער האָט ווידער געקוקט אויפן בילד:

— טאַ־טאַ! — האָט ער ענדלעך אַ מאַך געטאָן, ווי באַם אונטערפירן אַ סאַכאַקל.

— טאַ־טאַ! — האָט אים דאָס מאָל גערן נאָכגעזאָגט מייער.

און ביידע זײַנען אין יענער רעגע זיך צונויפגעגאַנגען סײַ אין געדאַנק סײַ אין האַרצן. שווער איז צו זאָגן פּינקטלעך, וועגן וואָס אַזוינס האָבן זיי דערבײַ געטראַכט, יעדנפאַלס איז עס געווען אין שײַכעס מיט דעם, וואָס ווען נישט דער מענטש אויף אָט דעם בילד, וואָלט מען נישט געזען די העלע שײַן נישט נאָר אין צײַטן פון פינצטער־מאַכנדיקע זאַווערוכעס און ס'וואָלטן נישט געהאָלפן קיין שום זייגערס.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מאַקאַר אָפּגעטראָטן מייערן צוויי קאַסטנס פאַר בינען און אים באַוויזן אַן אָרט נישט ווײַט פון שטיבל:

— דאָ־דאָ!...

געהייסן האָט עס, אַז מאַמעש דאָ אויף דעם־אָ אָרט, וווּ ער ווײַזט אָן, וועט מען דאַרפן אַוועקשטעלן די קאַסטנס... נאָר נישט איצט, פאַרשטייט זיך, באַלד נאָכן ווינטער.

— האָב צײַט! — האָט ער ביזלעך געפּאַכט מיט דער האַנט אויף מייערס ייִדענע, וואָס שטייט צו, ער זאָל נעמען פאַר די קאַסטנס געלט.

— נו, טשעפּע זיך אָפּ!

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז טאַקע זי האָט אַנומלטן אין אַ שמועס מיט מאַקאַרס טאָכטער זיך נאָכגעפרעגט אויף איבעריקע בינען־קאַסטנס. נאָר גראָד צו איר האָט מאַקאַר נישט געוואָלט אפילו קיין קוק טאָן, כאָטש זי האָט געהאַלטן אין איין האָנעדיק טײַנען:

— וואָס זשע? מיר האָבן כאַליִע ניִשט?... די קינדער האָבן אונדז צוגעשיקט צוויי אַטעסטאַטן.

— מאַמע, הער אויף! — האָט דאָס פערצן־יאָריקע מיידל ווי פאַר־שיקערט געטאָרקעט די מוטער, — הער אויף צו שטופּן זיך מיט דײַן געלט.

פאַרשיקערט פון די פײַערדיק־רויטע שײַנען, וואָס שטאַרקן זיך פון נאַכט צו נאַכט אַרום דער בויִונג אין מיזרעכדיקן האָריזאָנט, האָבן אין יענע טעג אויסגעזען אַלע — מאַקאַר, מייער, זײַן ווײַב און באַזונדערס אָט דאָס מיידל, וואָס קלײַבט זיך אַוועקגיין אַהין אַף אַרבעט. און אין אַזאַ גרויסן ערעוו־יאָנטעוו איז וואָס מיר געלט? ווער מיר געלט?

מיט יעדער נאַכט האָבן זיך דערנענטערט די פײַערדיק־רויטע אָפּ־שײַנען. זיי האָבן זיך ניִשט אַזוי געשטאַרקט, ווי זיך אויסגעשפּרייט. מיט אַ קאַראַהאָד פון צעצונדענע שייטערס האָבן זיי האַלב־קײַלעכיק אַרומ־גערינגלט די געפרוירענע אָטשערעט־פעלדער, די שײַטערס האָבן גאַנצע נעכט געטאַנצט און געשפּרונגען — אַזוי האָט זיך געדאַכט מייער שלײַ־ענס אונטערוואַקסנדיקן מיידל.

ווי אײַנוווינער פון אַ נײַ־אַנטפּלעקטער פײַערדיקער וועלט, האָבן אינעם מיידלס אויגן אויסגעקוקט די מענטשן, וואָס זי האָט איינמאָל דערזען אָנקומען פון דאָרף און שפּאַנען אין אַ קליינער גרופּע לענגויס דעם באַן־אָנשיט. פאָרויס פון דער גרופּע האָט אין זײַן גערוימען פעלץ מיט דעם דראָנג אין האַנט געשפּאַנט מאַקאַר און געהאַלטן דעם קאָפּ הייך פאַריסן, ווי ער וואָלט זיך איבערגענומען דערמיט, וואָס אָט: די ערשטע אַראָפּגעקומענע קאָמיסיע פירט אַרום ער און ניִשט קײַן אַנדערער... ער, וואָס האָט קיינמאָל ניִשט פאַרלאָזט די אָטשערעט־פעלדער און האָט זיי איצט, קאָן מען זאָגן, געבראַכט צו אַ טאַכלעס. מיט דער גרײַז־גרויער באָרד האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין אָגווײַזן אַף עפּעס דער קאָמיסיע. איבערן ווינט איז אָבער זײַן באָרד געווען צעבלאָזן אַף רעכטס אוז אַף לינקס, און גיי דערוויס זיך פון אַזאַ באָרד, וווּהין דאַרף מען קוקן...

צו מייערן אין שטיבל האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן דערגיין, וואָס עס טוט זיך אַרום די פײַערדיק־רויטע אָפּשײַנען: גראָבנס, קאַנאַוועס, קאָטלאָוואַנען, טראַנשייען, און מענטשן אין די הונדערטער און די הונ־דערטער האַווען טאָג און נאַכט ווי אין אַ מילכאָמע מיט די געפרוירענע

אַטשערעט־פעלדער. דאָ ליגט מען דורך רערן און טעלעפאָן־קאַבלען, דאָרט בויערט מען שאַכטעס און מע מויערט פונדאַמענטן.

פון מאָל צו מאָל האָט מען דאָ געהערט: שטאַרקע קנאַלן הילכן אָפּ מיט לאַנגע דונערס, ווי באַם אויפרייַסן קאַריערן. גאַנצע טעג אַזוי. די קנאַלן ווערן אייַנגעשטילט צו אָוונט צו, און נאָכדעם זעען אויס אַ גאַנצע נאַכט פיל רויִקער די ווייַטע ליכטנדיקע שייַטערס.

מייער שלייַענס מיידל איז, ענדלעך, מיט איינעם פון די פיל פאַר־בייַגייענדיקע פראַכט־צוגן אַוועק צו די פייַערדיק־רויטע אָפּשייַנען. מיט אַן אַ שיר אויפרודערנדיקע געפילן האָט זי זיך אַוועקגעטראָגן צו אָט דער נייַ־אַנטפּלעקטער פייַערדיקער וועלט.

— 10 —

מאַקאַרן איז ווי געגאַנגען אין לעבן, אַז אַלץ, אַף וואָס עס פאַלט דאָ זייַן בליק, זאָל אים זייַן באַקאַנט און צוגעפּאַסט צום אָרט.

אײנגאַנצן אומגעריכט האָט ער פון מאָל צו מאָל זיך באַוויזן לעבן מייערס שטיבל. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אים איז דאָרט געפעלן איינס אַן אָרט, ווו מע וואָלט געקאָנט אַוועקשטעלן אַ שטאַלעכל — ס׳הייסט נישט זייער קיין גרויס שטאַלעכל:

— לאָמיר זאָגן, פאַר אַ קו מיט אַ קעלבעלע.

די פרעסט האָבן גענומען נאָכלאָזן. אַפן באַן־אָנשיט האָבן אַלץ אָפטער און אָפטער אָנגעהויבן זיך באַווייַזן פאַרשיידענע קאָמיסיעס, און מאַקאַרס באַגער איז אַפאָנעם געוועזן, אַז דעם שאָכנס שטיבל זאָל זיך מיט גאָרנישט נישט אויסטיילן פון אַלע אַנדערע בודקעס לענגויס דעם באַן־אָנשיט.

באַם בויען דאָס שטאַלעכל האָט מייערס ווייַב נישט אויפגעהערט צו דרינגען, אַז מאַקאַר האָט בעדייע צו פאַרקויפן זייַן קאַלב, וואָס דאַרף הייַנט־מאָרגן זיך אָפּקעלבן.

— הער, וואָס איך זאָג דיר, מייער... וועסט שוין זען...

זי האָט פון שטענדיק אָן געהאַלטן פון זיך, ווי פון אַ מענטשן, וואָס מע פאַרשפאָרט אים אַרייַנלייגן אַ פינגער אין מויל.

— ווֹארום קום נאָר אַהער, מייער: וואָס דאַרף עפּעס מאַקאַר יע־מעליאַן, אַז מייער שלײַען זאָל האָבן אַ שטאַלעכל לעבן שטוב?

דערמיט האָט זי בלויז געוועקט בײַ זיך און באַם מאַן אַ גלוסטע־ניש צו זען לעבן זיך דאָ, אינמיטן די וואַסערדיקע אַטשערעט־פעלדער, אַן ארומבלאָנקענדיקע קו מיט אַ קעלבעלע.

פון נאָך איינעם אַ שמועס מיט מאַקארם טאָכטער האָט זי זיך אומ־געקערט אַהיים מיט צוויי געקויפטע הינער אונטער די פּאַכוועס, היפּשע געלבלעך־ווײַסע הינער, וואָס קוואָקען אונטער ווי קראַנקלעכע, מאַכן זיך קלוימערשט, אַז זיי שלאָפן און כאַפּן דאָך אָפּטמאָל אַ קוק דורך די אויגן־שפּעלטלעך, צי וויל מען זיי נישט טאָן קיין שלעכטס.

— איז וואָס האָב איך געזאָגט, — האָט מיט ניצאָכן געטײַנעט די ייִדענע, — מאַקאַר אַליין האָט נאָר אַ מאָך געגעבן צו דער טאָכטער: „קלײַב אויס פון יענע, וואָס לייגן זיך אָפּטער.”

— מאַקאַר אַליין?... איז וואָס?

מייער האָט געהאַלטן, אַז איין זאַך איז הינער און אַ צווייטע זאַך איז אַ קאַלב, וואָס דאַרף הײַנט־מאָרגן זיך אָפּקעלבן.

— מע דאַרף וואָס גיכער פאַרענדיקן בויען דאָס שטאַלעכל, — האָט אים נישט געלאָזט צורו די ייִדענע, — דו הערסט, מייער?

קאַלט און טויבלעך האָט זיך דערויף אָפּגערופן מייער:

— א־א־אָ?...

וואָס איז שײַעך צו לאָזן זיך מאַטערן פון כאַלוימעס, איז פונזײַ־נעטוועגן שוין געווען געגנוג דער כאַלעם מיט דער גרינער שיף, וועגן וועלכער אים איז גאָר אַ בושע צו דערציילן. שוין אַן עלטערער מענטש... אַ זון מיט אַן אייניקל... אַ מיידל אויף דער ארבעט דאָ... ווײַט בײַ דער גרויסער בוידנג, און פון מאָל צו מאָל לאָזט אים נאָך אַלץ נישט צורו די בענקשאַפט צום היימישן ים־ברעג — אַ בענקשאַפט עפּעס נאָר ווי בײַ אַ קינד.

— 11 —

בריוו פונעם זון און פונעם אייניקל זײַנען אָט געווען, אָט נישט גע־ווען. ווי עס פירט זיך: קומט אָן אַ בריוו — איז אַ סימכע. נישטאָ אַ לענ־גערע צײַט קיין שום ידיעה — ריידן מאַן און ווײַב צווישן זיך וואָס אַ

טאָג אַלץ ווייניקער, יעדערער האָט מוירע, אַז דאָס, וואָס ער טראַכט, וועט אָט־אָט אַ זאָג טאָן דער צווייטער:

„טאָמער כאָלילע פאַרוווּנדעט... טאָמער כאָלילע...“

צום מיידל איז אַף אַ פּראַכט־צוג געפאָרן געוווּירע ווערן די מוטער און האָט זיך אומגעקערט אַף מאָרגן טכילעס אָוונט מיט אַן אויפגעבלאָזן העליש־רויט פּאָנעם. פון אירע באַקן, האָט זיך געדאַכט, וועט אָט־אָט אָנ־הייבן שפּריצן בלוט. פון דער פּלאַשטשאַדקע, אַף וועלכער זי איז געפאָרן אַקעגן ווינט, איז זי אַראָפּ נישט ווײַט פון איר שטיבל, ווו מייער האָט געהאַט אַרבעט אַפן אָנשיט. זי איז געווען נישט אַזוי געשוואָלן פון קעלט, ווי אָנגעבלאָזן פון האָבן צו דערציילן און צו דערציילן, וואָס זי האָט זיך אָנגעזען און וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט: אַ גאַנצע שטאָט, צעוואָרפן אַף מײַלן. ס'הייסט„ דערוויַיל נאָך — ערד־שטיבלעך, באַראַקן, שאַכטעס, פונ־דאַמענטן, גריבער, און בערגלעך, און געגנג אונטער דער ערד, נאָר מע רופט שוין אָן גאַסן, און צעכן, און זאַוואָדן, און דירעקציעס... און וואָס איז שײַעך צום מיידל אַרבעט זי דאָרט נאָך מיט איינער בײַ אַ פּאָמפּע לעבן אַ קעסל.

— נו, און אהיים?

— ניין, אהיים וויל זי נישט — בעשום־אויפן.

— נו, אַקיצער...

אויך מייער האָט געהאַט צו דערציילן דער ייִדענע זײַנער עפּעס אַ נײַעס: אין שטאַלעכל, וואָס הינטערן שטיבל, האָט פון היַינטיקן פרימאָרגן אָן זיך געפונען די אָפּגעקעלבטע קאַלב. דאָס קעלבעלע האָט ער געהאַלטן לעבן אויוון אין דער וואַרעם.

מאַן און ווײַב האָבן אָנגעצונדן אַ לעמפּל און זײַנען אַוועק אין שטאַ־לעכל אַ קוק טאָן אַף דער יונגער קו. דאָס האָט מאַקאַר אַליין, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, זי געבראַכט אהער צו פירן. ער האָט געזאָגט:

— וויפל דו האָסט געלט, גיב אהער, דאָס איבעריקע וועסטו אויס־צאָלן.

— נו, — האָט געפרעגט די ייִדענע, — זעסטו שוין, ווער מאַקאַר איז?

און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זי נישט אויפגעהערט צו פלאַפּ־

לען וועגן מאַקאַרן, וועגן דער יונגער קו, וואָס אין שטאַלעכל, וועגן די בין־קאַסטנס, וואָס וועלן שטיין דאָ הינטערן שטיבל, וועגן דער גוואַלדאָוו־נער בוווּנג, וואָס רוקט זיך אַהער אַלץ נעענטער מיט די באַנאַכטיקע צע־צונדענע שײַטערס.

— יאָ, און ייִדן זײַנען שוין דאָרט אויך דאָ, אַ היפּש ביסל... יאָ, און מיט די אָטשערעט־פּעלדער, זאָגט מען דאָרט, וועט מען איינגיכן מאַכן אויס, — מע וועט זיי אויסטריקענען.

און זי האָט זיך ווידער־דערמאָנט אין איר באַלעבאַטישקײַט:

— מע וואָלט באַדאַרפט כאָטש נאָך אַ פיר־פינף בינען־קאַסטנס.

זי איז ענדלעך אַנטשלאָפן געוואָרן מיט די ווערטער:

— הײַנטיקע צײַטן האָניק!... אַ קלייניקײַט!

פיל שפּעטער פון איר איז אַנטשלאָפן געוואָרן מייער. דאָס האָט ער נאָך אַלץ געקלערט וועגן דעם, וואָס פונעם זון און פונעם איידעם האָט ער דאָ נישט לאַנג געהאַט בריוו... מע וועט זיי דאַרפן אָנשרײַבן: ס'איז שוין פאַראַן אַ קו...

זומער וועט זײַן אַ גאָרטן בײַ דער שטוב, ס'וועט זײַן האָניק, ס'וועלן זײַן הינדעלעך, דאָס מיידל אויף דער בוווּנג איז צופרידן... און דער שאָכן דאָ — אַ ווױלער שאָכן, אין פּלוג איז נישטאָ אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. נאָר וואָס זשע דען? — אָט די אָטשערעט־פּעלדער מיט דער שיף אין די ווײַטע גאַנצפריענדיקע נעפּלען... זאָל מען זיי שוין וואָס גיכער אויסטרי־קענען, אָט די וואַסערדיקע אָטשערעט־פּעלדער, און זאָל נעמען אַן עק!

— 12 —

ס'איז געגאַנגען צו פרילינג־צו.

פון דער בוווּנג אין מיזרעכדיקן האָריזאָנט האָט מען אין לויטערע זוניקע טעג אַרויסגעזען דאָ סילועטן פון טורעמס לעבן די שאַכטעס און פון רעשטאָוואַניעס אַרום געבײַדעס.

ווי אין ערעוו־יאָנטעוודיקער אײַלעניש האָט דעמאָלט אין דער ריכ־טונג פון דער בוווּנג באַנײַס זיך דורכגעטראָגן אויף זײַן דרעזינע דער אינ־זשעניער פּאָקראַס. אויף צוריקוועגס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אי לעבן מאַ־

קאָרן אי לעבן מייערן. דערזען די בינען־קאַסטנס לעבן מייערס שטיבל, האָט האָט ער זיך דאָך אַ קאַפּעלע פֿאַרהאַלטן לעבן זיי.

— גוט, גוט! — האָט ער גלײַך אַ פּאַסקן געגעבן זייער ערנסט, קי־מאַט בייזלעך, — זיך לערנען בײַ מאַקאָרן!... ס'וועט צונוץ קומען!

און ער האָט גענומען ריידן וועגן דער נאָענטער נײַער בויונג, בײַ וועלכער עס וועלן נאָך דער מילכאָמע אַ סאַך נײַ־געקומענע פֿאַרבלײַבן. ער האָט אָנגעוויזן אויף איינעם פֿון יענע, וואָס זײַנען געפֿאָרן מיט אים אין דער דרעזינע:

— ייִדן — אויך.

— און איר ווער זײַט? — האָט בײַ מייערן אַ פֿרעג געטאָן יענער, אויף וועמען פֿאַקראַס האָט אָנגעוויזן.

— איך?

מייער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן זײַן אַרבעט דאָ, וועגן זײַן מיידל אויף דער נאָענטער בויונג, וועגן דער באַלעבאַטישקייט, וואָס וואַקסט דאָ אַרום זײַן שטיבל, און געענטפֿערט שיר נישט באַרימעריש:

— ע!... מיר זײַנען שוין דאָ טוישווים.

אַ שווערער כאַראַקטער

— 1 —

מיטן קלונג פונעם לעצטן טראַמוויַ שטאַרבן דעמאָלט אָפּ אַלע גע־רוישן אין שטאָט. עס איז אַרום צוויי, האַלב דריַ בײַנאַכט, און מיכל קאַפּלאַן גייט אַרויס צו זיַין אַרבעט. איבער עפּעס דאַכט זיך אים, אַז דער לעצטער טראַמוויַ־קלונג איז אַ הייזעריקלעך־מידער, אַן אָנגעשפּאַלטענער, אַ צוגעקילטער.

אין דער שטאָט קען מיכל, בעיִס ער גייט צו דער אַרבעט, זיך איַינ־קוקן בלויז פונוויַטנס. נאָר סיַיוויסיַי ווייסט ער גאַנץ גוט, וואָס אין איר טוט זיך. אויסגעלאָשענע סעמאַפאָרן — דאַווקע זיי, וואָס האָבן אַ גאַנצן אָוונט אָנגעוויזן אַלעמען דעם וועג — באַמבלען זיך איצט דאָרט אָף די ראָגן, ווי שטיין־געבליבענע בלינדע, וואָס האַלטן קעסיידער אין איין נאָכ־פרעגן זיך:

— ווו בין איך?

אָף פּלעצער, גאַסן און הענגענדיקע בריקן, ווו עס גייען מער נישט קיין טראַלייבוסן און אַוטאָבוסן, איז נישטאָ אָף וואָס צו קוקן, סיַידן אָף די לאַנגע־לאַנגע שורעס עלעקטרישע לאַמטערס, וואָס לײַכטן גלאַט אַזוי זיך, געגליכן צו קלעזמער, וואָס אַז זיי האָבן נישט, ווער עס זאָל זיי הערן, שפּילן זיי כאָטש אַליין פאַר זיך.

די שטאָט אין דער גאַנצער לענג און ברייט, ווי גרויס זי איז, איז אַנטשלאָפן געוואָרן — זאָל זײַן נישט מער ווי אָף אַ שאָ צי אָף צוויי, נאָר דאָך, זי דרעמלט.

מיכל קאַפּלאַן איז פֿול מיט זאָרג פֿאַר דער שטאָט אין אָט די שלאָפֿנ־דיקע שאָען אירע.

ער איז דער דיספּעטשער אַף פֿיל מאַשינעס, וואָס צעפֿירן דעמאָלט אין די שטאָט־מאַגאַזינען אַלערליי סאָרטן פֿריש־געבאַקן ברויט. דאָס ברויט איז נאָך הייס, נאָר־וואָס פֿון די אויוונס. און דער רייעך פֿון הייס ברויט, שוין אַ קלאַל, מאַכט שטענדיק פֿאַרגעסן יעדן איינעם. אָן אַלערליי אַמבי־ציעס, ווער שמועסט נאָך אַזאַ געזונטן יונגן גוואַר ווי מיכלען, וואָס פֿילט אַליין גוט דעם טאַם פֿון געשמאַק „אַרײַנבײַסן". צום ברויט־זאַוואָד, ווו ער איז באַלעבאָס אַפֿן גרויסן גאַראַזש, פֿילט ער קימאַט דאָס זעלבע, וואָס אַ מוטער פֿילט פֿאַרטאָג צו אירע פֿול־אָנגעגאָסענע ברוסטן, בעיס איר דערבײַ־ליגנדיק זויגקינד קען אין יעדער רעגע זיך אויפֿכאַפּן מיט אַ גוואַל־דיק געשריי, וואָס איז די טײַטש:

— עסן!

אָנהאָדעווען די שטאָט מיט ברויט טאָג־טעגלעך צו דער ריכטיקער צײַט — דאָס הענגט אָפּ אין אַ געוויסער מאָס פֿון מיכלען. און די שטאָט אין אירע קאַיאָרן איז אים דעריבער באַזונדערס ליב, ווײַל זי גיט אים דעמאָלט קעסיידער צו פֿילן זײַן בעריעשקײַט און זײַן ספּראַוונעקײַט.

שאָפֿערן קענען זיך האָבן יעדערער זײַנע אייגענע קאַפּריזן. נאָר ניִשט בײַ מיכלען, וואָס איז פֿונעם באַרוף אַליין אַ שאָפֿער, וועט עמעצער פֿון זיי ניִשט האָבן צוגעגרייט די מאַשין צו דער צײַט אָדער איבער פֿאַרשיידענע מײַסעס דאָרט צו לאַנג זיך פֿאַרהאַלטן אין וועג. מיכלס געניט אויג וועט אַלץ צו דער צײַט באַמערקן און צו דער צײַט דערגיין. דאָס ווייסן אַלע אַפֿן גרויסן ברויט־זאַוואָד, ווו מיכל האָט אַלס שאָפֿער געאַרבעט נאָך פֿאַר דער מילכאָמע. דער זאַוואָד האָט אים אויסגעפּראַוועט, און קימאַט אַלע אין קאַנטאָר געדענקען נאָך זייער גוט אַלע זײַנע אַמאָליקע פֿריקרע פּאָס־טעמקעס. אַ גרויסער גוטער־ברודער איז מיט אים דער דירעקטאָר קאָסטי־קאָוו — אַן אינוואַליד, וואָס האָט פֿאַרלוירן אַ פֿוס נאָך אין דער מילכאָמע מיט די פֿינער און איז פֿאַר דער לעצטער מילכאָמע געווען דער פּאָרזיצער פֿונעם זאַווקאָם אַפֿן זאַוואָד.

צו פֿאַרדאַנקען דערפֿאַר, וואָס ער איז געוואָרן אַזאַ ווי ער איז, האָט

מיכל דעם זאָוואַד און קאָסטיקאָוון, און די מילכאָמע האָט עס פאַרניכ־טעט, און דאָ טאָקע הייבט זיך אָן די מייַסע.

**
*

קיין „שוואַך קינד“ איז מיכל קאַפּלאַן נישט געווען קיינמאָל. צו פאַר־דאַנקען האָט ער געהאַט דער בינדיוזשניק־מעלאָכע, וואָס ער האָט יינגל־וויַיז געטאָן אין דער קליינער בעסאַראַבער שטאָט אינאיינעם מיט זייַן טאַטן. יענער — אַ ייִד אַ ריז — האָט ביזן טויט, מייַסע יונג באָבערל, געטראָגן אַף אַ זייַט דאָס קאַשקעטל מיטן לאַקירענעם דאַשעק, און זייַן פּאָנעם איז ביז דער טיפער עלטער געווען פול אָנגעגאָסן מיט עפּעס אַ מין באַזונדער רויטקייַט. אַף די באַקן פון אַ מענטשן מיט אַזאַ פּאָנעם זוכט קעסיידער דאָס זייַטיקע אויג אַ פאַרבליבן בלעטעלע פונעם באָד־בעזעמל, מיט וועלכן ער האָט זיך נאָר־וואָס געשמיסן. געהאַלטן האָט ער זיך שטענדיק מיט פאַריסנקייַט פון אַ מאַלכעס, וואָס קיינער אַרום אים איז נישט ווערט דעם נאָגל פון זייַן מינדסטן פינגער, זיך געפירט, ווי אַ טאַקיף סיי אין גאַס סיי בא זיך אין דער היים און געלערנט די קינדער, זיי זאָלן זיך איבער־נעמען מיט זייער געזונט, ווי גווירים מיט זייער פאַרמעגן, נאָר דערבייַ אָבער נישט זייַן קיין קאַמצאָנים.

— קויכעס, אַז מע לאָזט זיי אין גאַנג, ברענגען זיי פּריפּלאָד, — אַזוי האָט ער אייַנגעכאַזערט מיט די קינדער, — אַז נישט שימלען זיי און טריקענען אויס.

פון אים האָט מיכל יונגערהייט געיאַרשנט דאָס געפיל פון פאַריסנ־קייַט בענעגייע צו אַלע שוואַכע ברוים, געקוקט אַף זיי מיט גאַדלעס אין די קאָרע אויגן און זיי מעוואַזע געווען ערגעץ טיף בא זיך אין האַרצן.

— „פּאַנטיפונדיעס!“

אַזאַ וואָרט איז אים פאַרבליבן וועגן זיי פון זייַן טאַטן. די טייַטש פון אָט דעם וואָרט איז געווען בעערעך: „פּאַלאָווע“, „שטרוי“, „וואַנצן“.

נאָך באַפרייַען בעסאַראַביע באַם איבערגיין באָבערוויַיז דאָ אין דער גרויסער שטאָט צו דער מעלאָכע פון אַ שאָפער האָט מיכלען — פון דע־רעכערעץ צו זיך אַליין — זיך פאַרוואַלט פּראָווען נישט מיט קיין לייכט

אווטאָמאָבילכל, נאָר מיט אַ שווערער פינפטאָניקער מאַשין. דאָס איז עפּעס אי „מענישער" אי געזעצטער. פילסט נישט אונטער זיך קיינעם, וואָס זאָל זיך קעסיידער אײַנבײַסן מיט די אויגן אין דײַן האַלדז־און־נאַקן, זיצסט זיך איינער אַליין אין דער הויכער קאַבינע פון דער מעכטיקער און שווערער זעקס־רעדערדיקער מאַשין און פאַרגעסט נישט קיין איין רגע, אַז מיט יעדן שוואַכן אָדער שטאַרקן טראָט אַפן פּעדאַל שטופּסטו מיט זיך פאָרויס נישט עפּעס אַ שוואַך פאַרשווינדל דאָרטן, נאָר פינף טאָן עמעסע מאַסע. צו די מוסקולן פון דער אייגענער האַנט און אייגענעם פוס, אויב עס קומט אויס פּלוצעם אַ האַלמעווע טאָן, קריגסטו אַ באַזונדער דערעכער־רעץ — זיי האָבן אָפּגעשטעלט די באַוועגלעכע קראַפט פון גאַנצע פינף טאָן. נישט ווייניקער דערעכערעץ קריגסטו צו דײַן געניטער קאַלטקײַט, ווען פונעם גרעסטן אויטאָמאָביל־געפּלאָנטער, וואָס טרעפט אין גאַס, פירסטו אַרויס דײַן מאַשין בעריעש און „טרוקן". אינעם פאַרבײַלויפנדיקן לעבעדיקן בליק, וואָס אַף דיר וואַרפט פון זײַן פּאָסטן דער מיליציאָנער רעגולירער, טוסטו דאַן אַף גיך אַ לייען איבער:

— כ'געדענק!... ביסט פון יענע, וואָס זײַנען נאָך קײַן איין־און־איינציק מאָל נישט שטראַפירט געוואָרן.

— אָט-אָט! — ענטפערסטו אים מיטן בליק, פאַרקערעווענדיק ווי אומיסטן האַרט לעבן זײַנע פיס, — אַבי דו דערקענסט, איז גוט!

דאָס אַלץ האָט מיכלען גוירעם געווען, ער זאָל זיך פּאָשעט קעסיידער דאַרפן היטן פון אַרײַנצופאַלן אין גאַדלעס. באַזונדערס איז אים אויסגעקומען צו האַלטן זיך אין די הענט אין אַלע פאַלן, ווען איבער אַ פרישגעבאַקן שאָפערל, וואָס האָט מיט זײַן „פערדל" — דער „פּאָלוטאָרקע" שיר נישט געבראַכט צו אַ קאַטאַסטראָפע, קומט אויס אָפּצושטעלן מיט אַ מעסוקענעם קער די שווער־געלאָדענע מאַשין און אַרויסקומען פון דער קאַבינע אינעם צושטאַנד פון אַ מענטשן, ווען אַלע זײַנע שטאַרקע מוסקולן זאָגן אונטער:

— מיר זײַנען פאַראַן!... נוץ אונדז אויס!

נישט גרינג איז מיכלען אין אַזוינע פאַלן אָנגעקומען יוויצע צו זײַן מיט באַטראַכטן פון קאָפּ ביז די פיס דאָס שולדיקע שאָפערל, וואָס דערגרייכט אים קוים ביז די אַקסלען, און פרעגן בא דעם בלויז מיטן בליק, פאַרקוועטשנדיק דערבײַ וואָס שטײַפער די ליפּן:

— מאַך מיר קלאָר: פאַרוואָס גיב איך דיר קיין קלעפּ נישט, אַ?...

דערצו נאָך האָט מען מיכלען איינגיכן נאָכן ענדיקן די שאָפער־שול צוגעפּעסטיקט מיט זיין מאַשין צו אַ גרויסן ברויט־זאַוואָד. פון די באַן־שפּייכלער, וואָס געפינען זיך גאַנץ ווייטלעך אויסער דער גרויסער רוסי־שער שטאָט, האָט ער גאַנצע טעג מיטן אַספאַלט־טראַקט געפירט נישט עפּעס גלאַט אַזוי זיך מאַסע, נאָר פול אָנגעשטאָפּטע זעק מיט מעל. און באַ פירן מעל האָט מיכל שטענדיק געהאַט עפּעס אַ סאָליד געפיל. ווי געדיכט דער שטאָף פון די זעק זאָל נישט זיין, שלאָגט זיך דורך אים רורך דער סאַמעטענער ווייסער שטויב און זאָגט אָן אַלע אַרומיקע אויגן:

— עס לויפט צו אייך זעטיקייט!... זעטיקייט!

און דאָס איז דיר נישט קיין קלייניקייט. געהייסן האָט עס, אַזוי אָדער אַנדערש, אַז ער, מיכל קאַפּלאַן, האָט אַ כיילעק אין אָנהאָדערוען די גוואַל־דיק־גרויסע שטאָט מיטן סאַמע נייטיקן:

— מיט ברויט...

אויף זיין געזונט שוואַרץ־כיינעוודיק פּאָנעם, אין יעדער ריר פון זיין אויסגעגלייכטן וואַקסיקן און שטאַרקן קערפּער האָט ביסלעכווייז זיך אויס־געאַרבעט דער אויסדרוק, וואָס גיט צו ווייסן:

— נישט קיין פּאָשעט פּיאָנדל בין איך אייך!

אָ־אָ! ער איז איינער פון יענע, וואָס אָן זיי וואָלטן די בעקערייען אין אָט דער גרויסער שטאָט געווען פּוסט, וואָס פּוסט הייסט, און קיינער, אַלט און יונג, וואָלט נישט געהאַט וואָס צו פּיקן. אַזוי איז עס... נו, מיילע, זאָל זיינעם איבערגיין. ער וויל זיך נישט שוואַרצן דאָס פּאָנעם און וועט זיך נישט אָוועקשטעלן אויסטייטשן מיט מענטשן אינמיטן גאַס:

— אַ רוען אין אייער קישקע אַריין... אָן מיר און מיין גלייכן וואָלט איר דאָ געפּעכנעט פון הונגער!

נאָר טאַקע ווייל ער האָט נישט געהאַלטן פון אויספּיינען זיך, האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן טראָגן אין זיך אַ קעסיידערדיקן פּאַריבל. דאָס איז געווען עפּעס אַ מין שטענדיקע טעמפּע אומצופרידנקייט, וואָס פליסט אונטערן האַרצן אַמאָל שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער, נאָר אינגאַנצן אויס־געלאָשן ווערט זי קיינמאָל נישט.

און ווייל ער האָט נישט געוווּסט פּינקטלעך, אויף וועמען האָט ער

פּאַריבל, האָט ער ביסלעכווײַז אָנגעהויבן קוקן קרום אױף יעדן, מיט וועמען אים איז אויסגעקומען האָבן צו טאָן, און אױף אַלץ, אױף וואָס ער האָט זיך אָנגעשטויסן מיט זײַן בליק. געווען זײַנען טעג, ווען אױף אַלץ האָט ער גע־וואָרפן אַן אומכיין — אַפּילע אױף דער שײַן פונעם טאָג, בעיס ער מאַכט זײַנע טורן מיט אַ פולער מאַשין צום ברויט־זאַוואָד און מיט אַ ליידיקער מאַשין צוריק צו די ווײַטע באַן־שפּײַכלער.

וואָס אַזוינס פעלט אים, האָט ער נישט געוווּסט און ווי עמעצן אױף צעלאָכעס טראַכטן וועגן דעם נישט געוואָלט, נאָר זײַן אייגענע געזונט־קײַט האָט געגאָגט בײַ אים אונטערן לעפּעלע. די קאַבינע, אין וועלכער ער טראָגט זיך, איז ביסלעכווײַז געוואָרן פאַר אים דאָס איינציקע אָפּגעשלאָ־סענע ווינקעלע, וווּ קײַן זאַך צערייצט אים נישט און וווּ יעדער פּעדאַל, יעדעס שרײַפעלע און יעדעס שטיקל געצײַג גיט זיך אים אונטער מיט געטרײַשאַפט, קימאַט ווי עפּעס לעבעדיקס, און וואַרט אױף אים מיט גרייט־קײַט אים אָפּצוגעבן דעם פאַרדינטן קאָוועד, און בענקט נאָך אים, ווען ער גייט אַוועק. באַם אַרײַנקומען אין דער קאַבינע פלעגט ער דעריבער מאָ־מעס מיט פאַרגעניגן צוקלאַפּן נאָך זיך דאָס טירל, ווי זאָגנדיק מיט דעם:

— דאָ איז מיכל קאַפּלאַן דער, וואָס מיכל קאַפּלאַן דאַרף צו זײַן!

בלויז דאָ אין דער קליינער טאָמיד ריינער קאַבינע איז אים אַלץ געווען צום האַרצן. גאָר אין אַן אַנדער שווערן צושטאַנד האָט אים אַרײַנ־געבראַכט אַלץ, וואָס ער האָט אין וועג געזען דורך די קאַבינע־פענצטער־לעך. דער אַספאַלט־טראַקט, איבער וועלכן ער טראָגט זיך, האָט דעמאָלט געמעגט זײַן פאַרגאָסן מיט זון אָדער פיטש־נאַס פונעם רעגן, וואָס אױף אים גיסט און גיסט פונעם נידעריקן כמורנעם הימל, — סײַ ווי סײַ האָבן מיכלען געשטאָכן אין די אויגן די פיל לײַכטע פאַרבײַיאָגנדיקע מאַשינעס. זיי טראָגן זיך דאָ קעסיידער אױף און אויף, טראָמפּייטלען, ער זאָל זיי אָפּ־טרעטן דעם וועג, און באַשפּריצן און יאָגן איבער אים מיט די בעקאָוועט־דיק־שווערע זעק מעל אױף דער ביז גאָר אָנגעלאָדענער קרעפּטיקער מאַשין, וואָס וואָלט געקענט מאַכן דאָ אױף אָרט אַ „מאַטשינקע" פון יעדן פון זיי — און ווער דאַרף עס זיי זאָלן דאָ אַרומיאָגן?... ווער ווייסט?... נישט ער, מיכל, וועט עס גיין זיך נאָכפרעגן וועגן דעם.

מיט קיינעם איז ער נישט געווען קאָנטעט אויך אױפן ברויט־זאַוואָד,

אַנגעהויבן פֿונעם דירעקטאָר אָדער פֿונעם קאַסיר, וואָס צאָלט אים דאָרט אויס צוויי מאָל אין כוידעש זײַן לוין, און אויסלאָזנדיק מיטן וועכטער, וואָס עפֿנט אים דעם טויער באַם אַרײַנפֿאָרן און אַרויספֿאָרן. מיט יעדן פֿון זיי האָט ער אין געדאַנק געפּרוּווט זיך אַ שטעל טאָן ווי אַף אַ וואָגשאָל — ווער וועגט מער מיט דער וויכטיקײַט פֿון זײַן טועכץ? און אַלע האָבן זיי אים דעמאָלט אויסגעזען, ווי קאַרליקלעך, גאָר נישט קיין פֿאַרגלײַכן אַפֿילע צו אים, מיכלען:

— „פּאַנטיפֿונדיעס"...

דער שטענדיקער פֿאַריבל האָט גענומען זיך איבערגיסן אין אים מאַמעש אין פֿאַרביטערטקײַט, ווען באַם באַשטאַטן דעם פּערסאָנאַל פֿונעם ברויט־זאַוואָד מיט וווינונגען האָט מען פֿאַר אים, מיכלען, אויסגע־טיילט אַ דירע נישט אינעם דערבײַיִקן נײַעם גרויסן הויז, נאָר אין איי־נער פֿון די דאַטשעס, וואָס אין אַ זײַט. צום פּאָרזיצער פֿונעם זאַווקאָם, וואָס האָט געהאַט אַ שײַכעס צום אויסטיילן די דירעס, האָט ער זיך דע־מאָלט גענעבן אַ לאָז, ווי אַף צו מאַזיקן אים דאָ גלײַך אָן שום מײַסעס. אָבער עס רעדט זיך נאָר אַזוי. דעם פּאָרזיצער פֿונעם זאַווקאָם האָט ער בלויז פֿאָרגעלייגט אַ פּרווו געבן כאָטש איין טאָג און טאָן זײַן, מיכלס, אַרבעט. עס הייסט: „דאָ האָסטו זעק מיט מעל און דאָ האָסטו די מאַשין — הײַנט איז גראַד קראַנק געוואָרן דער „גרוזטשיק" — איז נאַ... לאָד זי אָן, ווי איך, איינער אַליין און הײַדאַ אַפֿן ברויט־זאַוואָד, לאָד זי דאָ אויס איינער אַליין און מאַך דערבײַ פֿאַרן טאָג נישט ווייניקער טורן, ווי איך, און זאָל נאָך די מאַשין דערצו זײַן באַ דיר אין אַזאַ־אָ אָרדענונג, אַ ריינע, אַ ציכטיקע, נאַ, פּרווו!"...

— נאָכן ערשטן אָבאָראָט, וואָס דו וועסט מאַכן, — האָט ער גע־זאָגט צום זאַווקאָם־פּאָרזיצער, — וועל איך דיר פֿאַר דײַנע הויזן באַ־צאָלן, וויפֿל דו וועסט הייסן, אויב נאָר זיי וועלן זײַן טרוקן... געמאַכט?

און דאָ באַלד, אָפּגעטרייסלט מאָדנע די הענט, ווי מוירע האָבנדיק, אַז זיי וועלן אים אָנאַרבעטן אַ צאָרע, איז ער אוועק צו דער מאַשין און איז אַרײַן אין דער הויכער קאַבינע מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ פֿונעם טירל, נאָר מיט אַ גאַנץ לײַכטן טראָט אַפֿן פּעדאַלעכל, וואָס לאָזט אין גאַנג דעם גוט אויסגערעגולירטן מאָטאָר, ווי זאָגנדיק מיט דעם צו זיך אַליין:

— דאָ ביסטו, מיכל, בײַ זיך אין סאַמע קאָדשע־קאָדאָשים, און דאָ האָסטו נישט מער אַף וועמען צו ברענען און צו בראָטן.

— מיט אים זיך אָנהייבן? — אַזוי האָט מען גערעדט וועגן מיכלען אַפן ברויט־זאַוואָד, — אוך!... אַ שווערער כאַראַקטער! נאָר אַ ספּראַוונע יונג... זעלטן!

און אַלע אין קאָנטאָר, אויך דער דירעקטאָר, האָבן גאָר אַליין נישט באַמערקט, ווי בײַם ריידן מיט אים היטן זיי זיך, עס זאָל אים נישט דערצאָרענען עפּעס אַ וואָרט. בײַ אַלע איז געווען דער אײַנדרוק, אַז ער האַלט קעסיידער אין איין זוכן פאַר זיך אַן אַנדער אָרט און קען הײַנט אָדער מאָרגן אויסרינען. כאָטש ער פון זײַן זײַט האָט קײַן איין מאָל מיט גאָרנישט געגעבן צו פילן, אַז ער גרייט זיך אַ „וואָרף טאָן דעם געט פאַר די פּיס".

— פאַרשטייסט, וואָס דאָ איז? — האָט געפּרוווט אים ווייכער מאַכן דער נײַער יונגער זאַווקאָם־פּאָרזיצער קאָסטיקאָוו, אַן אינוואַליד, וואָס האָט פאַרלוירן אַ פוס אין דער מילכאָמע מיט די פינער, הער מיך אויס... קומסט אַף אַ פּאַרזאַמלונג, זיצסטו און שווײַגסט. און מיר דאַרפן גאָר, אַז פון דײַן ספּראַווונעקײַט זאָלן זיך לערנען אַנדערע, פאַרשטאַנען?

— נו, איז גוט, — האָט מיכל געענטפערט נישט קאָסטיקאָוון, נאָר זײַן אייגענעם אונטערגעהויבענעם אַקסל, — איז ווער לאָזט זיי נישט זיך לערנען?

קאָסטיקאָוו אַף זײַן איינעם פוס איז אים דעמאָלט נאָכגעגאַנגען אין זאַוואָד־הויף ביז דער מאַשין.

— וואָרט, — האָט ער געזאָגט, — מיר דאַרפן גאָר, דו זאָלסט בײַ אונדז וואַקסן.

מיכל האָט אַלץ געקוקט צו זײַן אייגענעם אונטערגעהויבענעם אַקסל:

— ווהין וואַקסן?... כ'בין שוין אַן אויסגעוואַקסענער... איך אַרבעט אַף מײַנס?... נו, איז גענוג פון מײַנעטוועגן. און לאָזט מיך צורו.

און אַרײַן צו זיך אין דער קאַבינע, האָט ער אָקאָרשט דערפילט אַ שווערע כאַראַטע און אַט אַ רעד געטאָן צום אַוועקגעלאָזטן מאָטאָר ווי צו עפּעס לעבעדיקס:

— פּאַשאָל!

— 2 —

— א ביטערער יונג!

אזוי האָט מען, אויב נישט מיט ווערטער, איז מיט די בליקן, גע־רעדט צווישן זיך וועגן מיכלען אויך בײַ אים אין דער היים. מיט די זעל־בע בליקן האָט דאָרט יעדערער געוואָרנט דעם אַנדערן:

— ששששאַ!... בעסער איז: נישט ריידן...

אין די צוויי צימערן מיט דער קיך און מיט דער וועראַנדע, וואָס אין דער הילצערנער זאַוואָד־דאַטשע, האָבן אײנײנעם מיט מיכלען גע־וווינט זײַן פרוי מאַלע, איר יונגיאָריק שוועסטערל ריוועלע און זייער אַלטע מוטער זיסל.

מאַלע — אַ „שטילע נעשאָמע". מיכל האָט זי אַרויסגענומען אַהער פון זײַן בעסאַראַבער היים און שוין דאָ אין דער גרויסער שטאָט מיט איר כאַסענע געהאַט. זי איז געווען עלטער פון אים מיט אַ יאָר דרײַ און עפּשער מיט גאַנצע פיר. און דאָס האָט אָן אויפהער געלויערט אַף איר געמיט, ווי עפּעס אַ מין שווערע זינד, פון וועלכער זי וועט זיך אייביק נישט אויסקויפן. ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך, און וואָס קען שוין, אומ־שטיינס־געזאָגט, העלפן איר ציכטיקע בעריעשאַפט אין שטוב מיט איר בעקאָוועדיקן גיין אַרום אים, דעם יונגן, קרעפּטיק־שיינעם מאַנצביל, נאָך וועלכן אַלע שיינע מיידלעך מוזן אַוואַדע די קאַפּאָרע ווערן, ווײַל אַט — זי האָט דאָך אַ סימען אין זיך...

דאָס, וואָס אַף איר הערט מיכל נישט אויף צו קוקן, ווי אַף עפּעס זייער כאַשעווס און צאַרטס, ווי זי וואָלט זײַן פון גלאָז און קען זיך, כאַ־לילע, יעדער רעגע אָנשפּאַלטן, — דאָס, אַזוי איז איר אויסגעקומען, נעמט זיך נאָך אַלץ פונעם גוטן נאָמען, וואָס אין איר בעסאַראַבער היימ־שטאָט האָט געלאָזט נאָך זיך איר געשטאָרבענער פאָטער, דער אַלטמאָ־דישער קינדער־לערער. פאַר דער שטענדיקער ריינקײַט בײַ אים אין שטוב — זייער אָן אָרעמע, פאַסטנדיקע שטוב מיט פיל וואַזאַנעס אַף די פענצ־טער — און פאַר זײַן שטענדיקער גרייטקײַט צו געבן אומזיסטיקע „אָר־ראָקן" האָבן אים דאָרט אַלע גערופן מיט גרויס דרעכבערעץ:

— העשל דער קאַליגראַף.

און ווײַל מיטן פּאָנעם, מיט זײַן וווקס און מיט זײַן פײַנער באָרד

איז ער דערצו נאָך געווען דער שענסטער ייִד אין שטאָט, האָט עס אין אַלע קינדערשע אויערן געקלונגען, ווי „העשל דער קאַליע גראַף". דאָס הייסט: געווען אַ גראַף, נאָר קאַליע געוואָרן, מיסטאָם איבער עפּעס אַן אומגליק...

וואָס איז שייַעך צו מאַלען, האָט מען פאַרשפּאָרט איר קומען דער־ציילן, אַז צום אויסזען פון אַ גראַפיניע פעלט איר אַ היפּש ביסל. געווען איז זי ניט הויך געוואַקסן, און דער רויטער פליאָם, וואָס אַף איר האַלדז, איז איר אין איין אָרט אַרויפגעקראָכן אַ קאַפּעלע אַף דער באַק. דאָס האָט איר שטענדיק צוגעגעבן אַ מינע פון אַ מענטשן, וועמען מע האָט אומזיסט־און־אומנישט באַליידיקט.

דאָס שענסטע איז בא איר געווען דער קאָפּ האָר מיט די אויגן — גרויסע, טונקל־גרויע אויגן. זיי כאַפּן זיך קיינמאָל נישט אויפצוהייבן זייער פריש־אויסגעוואַשענעם בליק אַף יענעם, וואָס רעדט צו איר, און נענגוג איז פאַר איר אַ קוק טאָן מיט זיי אַף עמעצן, ווי זי ווייסט שוין בעערעך, וואָס יענער וויל איר זאָגן.

צו האָבן אַזעלכע אַלץ זעענדיקע אויגן איז נישט טאָמיד אַ גרויס גליק. ווער שמועסט נאָך, ווען פאַר אַ מאַן האָט מען אַזאַ ביטערן יונג, ווי מיכלען, און דאָ בא דער זייַט דרייט זיך דיר אַרום אַן אַלטע מאַמע מיט אַ קליין שוועסטערל, וועלכע מע מוז בא זיך אויסהאַלטן.

די מאַמע, זעט מאַלע, געפינט נישט פאַר זיך קיין אָרט אין שטוב. ווי נאָר מיכל קערט זיך אום פון דער אַרבעט, אַזוי באַלד הייבט אָן די אַלטע צו זוכן פאַר זיך אַ ווינקעלע אַף אויסצובאַהאַלטן זיך, און וואָס פאַר אַ מינים שיך זי זאָל דעמאָלט אַף אירע פיס נישט טראָגן, באַקומט זיך אַלץ, ווי זי שפּאַנט אַרום אין די זאָקן.

אַלע וואַרטן דאַן אַף עפּעס, נאָר מיכל שווייַגט. אָפּגעוואַשן זיך, טוליעט ער צו די גרויסע דלאָניעס האַרט צו דער געזונטער ברוסט, שפּאַנט זיך דורך הין־און־צוריק לעבן טיש און קוקט דערבייַ די גאַנצע צייַט ערגעץ־ווּהין אַרויף, ווי גלייַך אַרום אים אין שטוב איז קיינער ניטאָ. ער איז מוירעדיק געזונט. מאַמעש זיי צעשפּאַרן אים אינעווייניק, די אייגענע קויכעס זייַנע, כאַטש וואַרף זיך מיט זיי אַף דער ערד און רעווע ווי אַ ביק. ער שפּאַרט זיי קיינמאָל נישט אין דער אַרבעט, אָט די קויכעס. נאָר וויפל ער גיט זיי נישט אויס, פעלט אים נאָך אַלץ עפּעס,

און וואָס אַזוינס פעלט אים, דאָס ווייס ער נישט. ער וואָלט געקענט אַוועקגיין אין אַ שענק און זיך דאָרט אָנטרינקען. נאָר ס'איז עפּעס נישט פאַר אים, מיכלען, וואָס האָט אין זײַן בעסאַראַבער שטעטל שטענדיק געדעכנט פאַר אַ גליק צו האָבן פאַר אַ ווײַב אַ מיידל מיט אַזאַ איידעלן גוסט ווי מאַלע. צי ציט אים נישט צוריק אַהין אינעם בעסאַראַבער שטעטל צו ווערן צוריק אַזאַ, ווי ער איז געווען? ער וואָלט אויך דאָרט געקענט איצט האָבן אַ מאַשין און אַזאַ אַרבעט, ווי ער האָט דאָ... נו, איז וואָס וואָלט דערפון אַרויסגעקומען?... ניין, נישט גוט...

מאַלען, זעט ער, וואָלט געווען פיל גרינגער, ווען ער זאָל אין דער היים כאָטש ווען־נישט־איז אַ געשריי טאָן, אַ קלאַפּ טאָן אין טיש, זיך זידלען. צי מיינט זי נישט, אַז אים קרענקט, אַלעמײַ ער אַליין מוז האָ־רעווען אַף אַ גאַנצער מישפּאָכע?

מאַלע האָט קוים דערצויגן, ביז דאָס ערשטע קינד, וואָס זי האָט געהאַט מיט אים, איז אַלט געוואָרן דרײַ כאַדאָשים, און איז אַוועק אַר־בעטן אַף דער גאָענטער טעקסטיל־פאַבריק. בײַ דער אַלטער האָבן זיך פאַרגרעסערט די אויסזיכטן צו דערהערן, ווי דער איידעם זאָגט צו איר כאָטש איין מאָל אין טאָג:

— שוויגער...

כוץ דעם, וואָס זי איז געגאַנגען אַרום קינד, האָט זי באַאַרבעט דעם קליינעם גאָרטן בײַ דער שטוב. געהאָלפן האָט איר ריוועלע, וואָס האָט געלערנט אין שול. מאַלע האָט קוים געפּויעלט בײַ דער מוטער, עס זאָלן זי נישט אָרן די צוויי זעקסוואָכעדיקע כאַזיירימלעך, וואָס זי, מאַ־לע, האָט געקויפט אַף אויפצוהאָדעווען זיי בײַ דער שטוב. די אַלטע האָט זיך זייער געמיעסט אַף די כאַזיירימלעך צו קוקן, געשפּיגן אַף זיי קלעק, זיי געשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס בײַ יעדן מאָל, וואָס זי האָט זיי גע־געבן עסן, זיי געוואָנטשן פון מיפּן האַרצן אַלערלײַ מיסע־מעשונעס. נאָר אויסגעהאָדעוועט האָט זי דאָך פון זיי צוויי זייער גרויסע געזונטע ראָז־פאַרביקע כאַזיירים, וואָס אַכוץ זייער גוואַלדאָוונע פעטקײַט, זײַנען זיי ווערט געווען מי־יעדייע פאַר אַ צירק. וואָרום עס איז פּאַשעט געווען אַ טשיקאַוועסט צוצוקוקן, ווי אַזוי אָט די צוויי גרויסע געזונטע אומרײַנע באַשעפעניש פאַרשטייען אַלערלײַ יידישע קלאָלעס און ווי אַזוי אַפן גע־שריי „אַ מיסע־מעשונע אַף אײַך!" קומען זיי צו לויפן פּײַל־אויסן־בויגן

זייער פריילעכע, ביז גאָר אויפגעדראָדלטע, יאָגן איבער איינס דאָס אַנדערע, בריקעווען זיך, כריוקען און קרעכצן פון ווױלטאָג, אָנשטעלנדיק די נעזער, פינטלענדיק אָן אויפהער מיט די אויגן און שאָקלענדיק זייער געשווינד מיט די געקרײַזלטע ווײַדעלעך.

עס איז גראָד געווען די רעכטע צײַט צו טאָן מיט זיי דאָס, וואָס מיט כאַזיירים דאַרף מען טאָן. נאָר ריוועלע, וואָס האָט געהאַט אַ היפּשן ביילעק אין אויסהאָדעווען זיי, האָט זיך געשוווירן, אַז אויב מע וועט זיי קײַלן, וועט זי טאָן זי „ווייסט אַליין נישט וואָס” — מע האָט עס שיר נישט געקענט טײַטשן:

— „כ׳וועל זיך נעמען דאָס לעבן”.

— מיילע, וואָס זי בעבעט דאָרט, — האָט די אַלטע וועגן איר געזאָגט, — אַ מעשוגן מיידל...

נאָר ווען עס איז געקומען דער אָפּגעשטעלטער טאָג אַף צו טאָן די כאַזיירים זייערס, האָט אויך די אַלטע אָנגעהויבן עפּעס זייער מאָדנע אונטערצוקרעכצן. צי ווערט זי נישט עפּעס פאַרשלאָפט?... עפּעס ציט זי גאָר מעסוקן אין בעט אַרײַן...

— זאָלן זיי פוילן לעבעדיקהערהייט, — האָט זי באַנײַיס גענומען שעלטן די כאַזיירים, — זאָלן זיי אײַנגעזונקען ווערן, ווו זיי שטייען און גייען. טאָמער איז מיר קאַרג, וואָס איך האָב זיי אויסגעהאָדעוועט... זיי פאַרשטייען מיך שוין אָפּן ווונק, זאָל איך דערצו נאָך ווערן צוליב זיי אַף דער עלטער אַ כאַזערניצע?!

צוגעצאָלט צו די כאַזיירים ווו אַ גראַשן, וואָס מע האָט פאַר דער גאַנצער צײַט אָפּגעשפּאָרט, האָט מען זיי סאָפּקאָלסאָף אויסגעביטן אַף אַ פריש אָפּגעקעלבטער קו.

די פּאַרנאָסע איז דעמאָלט געוואָרן גרינגער און זעטיקער. אויסגעקומען איז, אַז דאָס, וואָס אַ דירע האָט דער ברויט־זאַוואָד געגעבן מיכלען נישט אינעם נײַעם גרויסן הויז, נאָר דאָ אַף דער דאַטשע, איז גאָר געווען פאַר אים אַ טויווע. באַם אומקערן זיך פון דער אַרבעט האָט ער אַלעמאָל פאַר אַ מײַל געפילט דעם רייעך פון צוגעקליבענע מילכיקע מײַכאָלים, וואָס דערמאָנען איבער עפּעס, ווי אַזוי האָט מען גערופן באַ די נעמען די בעסטע בעריעשע באַלעבאָסטעס באַ אים אין שטעטל. די שטוב, ווען ער זאָל אַהין נישט אָן עפּן טאָן די טיר, האָט אַף אים געאָטעמט

מיט דער שמעקעוודיקער וואַרעמקייט פון אַן אויוון, אין וועלכן עס זיצן גאַנצע בעקנס מיט פאַרטיק ווערנדיקע פוטער-בולקעס. די אַלטע פאַרהאַרעוועטע זיסל האָט זיך געמאַכט אַ טעווע, אַז נאָכדעם ווי זי דערלאַנגט אים דאָס געשמאַקע מילכיקע עסן צום טיש, זעצט זי זיך אַוועק בײַ דער זײַט אין אַ ווינקל און לאָזט נישט אַראָפּ קײַן אויג פון אירע צעהאַקטע, אָפּגעבריענטע און פאַרשקוואַרעטע פינגער, ווי ווינקענדיק אַף זיי:

— נאַ קוק, ווי מע קריכט פון דער הויט, אַבי דיר צו פאַטראַפּען...

און דאָ באַלד, געכאַפּט ביגנייווע אַ קוק אַף איר „אומגליק”, דעם אָנגעבלאָזענעם איידעם, לאָזט זי אַרויס זייער אַ לאַנגן און שווערן זיפץ, וואָס האָט צו זאָגן:

— אוי!... אַ שווערער כאַראַקטער!...

בײַ מיכלען קען מען נישט וויסן אַפילע, צי הערט ער, ווי זי זיפצט, דאָך ער הערט. ער וואָלט וועלן אַליין זיך צעדרעכען און כאָטש וואָס־ס'נישט־איז זאָגן דער אַלטער. ער האָט דען עפּעס צו איר? נאָר פון דעם אַלעם באַקומט זיך בלויז, וואָס ער טוט שלעפּעריקערהייט אַ פרעג וועגן מאַלען, וואָס געפינט זיך אַף דער אַרבעט:

— זי וועט הײַנט קומען שפּעט?

נו יאָ. נישט ער איז דער מענטש, וואָס קען בײַ זיך אין האַרצן טראָגן איין זאַך און ריידן מיטן מויל וועגן אַן אַנדער זאַך. און וואָלט ער כאָטש געוווסט, וואָס טראָגט ער בײַ זיך אין האַרצן. איבערגענוג האָט ער, דאַכט זיך, אַלץ, וואָס ער דאַרף: אַ זאַטע שטוב, געטרײַע בנייבאַיִם. קיינער פון זיי איז כאָלילע נישט קראַנק. און אַ מענטש, אַז אים איז גוט — דאָס ווייסט מיכל — איז ער גוט צו אַלע אַרומיקע, די גאַנצע וועלט וואָלט ער אַרומגענומען. איז פאָרט, פון וואַנען קומט דער פרעס אַפן האַרצן? מיט כיישעק אײַלט ער אַלע טאָג פּינקטלעך ווי אַ זייגער צו זײַן אַרבעט אַפן ברויט־זאַוואָד, ער האָט צו איר גאָרנישט, צו דער אַרבעט זײַנער. פאַרוואָס זשע איז ער שטענדיק אומצופרידן? עס שפּרודלט פון אים מיט געזונט, נאָר עפּעס ווי ער, מיכל פונעם בעסאַראַבער שטעטל, וואָלט זײַן איינער אַליין אַף דער גאַנצער וועלט — אַזוי פילט ער זיך נאָך אַלץ טאָג-אײַן, טאָג־אויס צווישן די מענטשן אַפן ברויט־זאַוואָד, און אַ וווּנדער איז אים, פאַרוואָס פילט זיך דאָרט נישט אַזוי קיינער פון זיי. קויכעס האָט ער אין זיך אַף איבערצוקערן בערג, נאָר זיי

דרעמלען נאָך אַלץ אין אים, אַט די קויכעס זײַנע, און דרעמלענדיק, וואַרפן זיי אַן פאַריינוועגס אַ שלאָק אויך אַף אים, און עס מוז אַפּאָנעם קומען עפּעס זייער שטאַרקס און וויכטיקס, וואָס זאָל אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל גוט צערודערן, און ער וואַרט און וואַרט דערויף.

און אָט איז פּלוצעם אָט דאָס שטאַרקע און וויכטיקע געקומען.

— 3 —

אַף זײַן מאַשין, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט שווערע זעק מעל, איז ער אינמיטן זומערדיק-הייסן באַטאָג פאַרפאָרן צו זיך אַהיים. ס'איז געווען אין די סאַמע ערשטע מילכאָמע-טעג. מאַלע האָט געקוקט אַף אים מיט שרעק. אין זײַנע קאַרע אויגן האָט אָנשטאָט שוואַרצאַפּל געברענט די מילכאָמע.

— קום, — האָט ער געזאָגט צו איר, — מיר וועלן אָפּפירן אַפן זאַוואָד די מאַשין מיט די זעק מעל.

מאַלע האָט נישט געוווּסט, צו וואָס רופט ער זי מיט זיך.

— נו, קום! — האָט ער באַפוילן בייזלעך.

ער האָט גאָר נישט געקענט אַפילע זיך פאָרשטעלן: ווי אַזוי זשע וועט ער נאָכדעם אַוועקגיין איינער אַליין פונעם ברויט-זאַוואָד? — אָן דער מאַשין?... און אַף שטענדיק שוין?

ווי נאַקעט האָט ער אויסגעזען אין זײַנע אייגענע אויגן, ווען ער איז נאָכדעם אינײַנעם מיט מאַלען געגאַנגען צופוס אין שטאָט אַרײַן. אַפן אַספאַלטירטן טראַקט האָבן אים קעסיידער איבערגעיאָגט גרינגע און שווערע אויטאָמאָבילן. זיי זײַנען דאָס מאָל געלאָפן, ווי אים האָט זיך געדאַכט, עפּעס גיכער און אַנדערש. ווי אַלעמאָל, און מיט זייערע פאַרבײַיאָגנדיקע ווינטלעך האָבן זיי קעסיידער געבלאָזן אַף אים, ווי אַף עפּעס נאַקעטס און הוילס. דעמאָלט איז צו אים אָקאָרשט רעכט דערגאַנגען, אַז די מילכאָמע האָט אָפּגענומען בײַ אים אַלץ ביז דער לעצטער שפּונט. און ער האָט איבער עפּעס מיטאַמאָל גענומען אײַלן:

— קום גיכער, מאַלע...

דאָס געדענקט ער גוט.

און נאָך געדענקט ער:

אַפֿן וואָקזאַל לעבן דעם עשעלאָן נעמט ער צו פֿון מאַלעס הענט אַ קליין פּעקעלע, וואָס פֿאַר אים האָט איבערגעגעבן דער פּאָרזיצער פֿון זאַווקאָם.

— אַ?... פֿרעגט ער איבער פֿאַרכידעשט. — ווער האָט איבערגעגעבן?... קאָסטיקאָוו?!

און פּלוצעם, קוקנדיק אַפֿן פּעקעלע, באַנעמט ער, אַז אַלע אַפֿן ברויט־זאַוואָד זײַנען אים די גאַנצע צייט געווען די בעסטע גוטע־פֿרײַנט. מער נישט, וואָס זייערע גוטע געפֿילן ווערן אים איצט־אָ, ווי אָט דאָס פּעקעלע, צוגעשטעלט דורך מאַלען, ווי דורך אַ שעליעך.

— אַ?... פֿרעגט ער איבער נאָך מער פֿאַרכידעשט.

דאָס באַנעמט ער פּלוצעם, אַז אַזוי אַפּאָנעם דרייט זיך דאָס „רעדל"... הער אַ מײַסע! אַלדאָס גוטס, וואָס די וועלט האָט אים צוגערעכנט, ווערט אים צוגעטראָגן דורך אָט דער מאַלען, דער קליין־געוויקסיקער, מיטן שײנעם קאָפּ האָר, מיטן רויטן פּליאַם אַפֿן האַלדז און מיט די טונקל־גרויע פֿריש אויסגעוואַשענע אויגן, וואָס קוקן אױף אים מיט טויט־שרעק איצט באַם געזעגענען זיך, ווען ער זאָגט צו איר:

— זײַ געזונט, מאַלע!

די גאַנצע צײַט האָט ער, הייסט עס, אומזיסט זיך געבלאָזן, — אַזוי איז אים אויסגעקומען.

מיט אָט דעם נײַעם געפֿיל איז ער דעמאָלט אַוועק אין עשעלאָן אַפֿן פֿראָנט, מיט אַ געפֿיל פֿון אַ מענטשן, וואָס האַלט אין איין פֿרעגן בײַ זיך אַליין:

— הײַנט וואָס זשע האָסטו פֿאַרבענדיעוועט?

די הײם און די אייגענע, דער ברויט־זאַוואָד, דער אַספֿאַלטירטער טראַקט און די גאַנצע שטאָט, מיט וועלכער ער האָט זיך צעשיידט, האָט אים דעריבער אָנגעהויבן נאָך מער באַנג צו טאָן. און דאָס איז געווען אַן אײַנגעגעסענע בענקשאַפֿט — אַ שווער לעבצעניש, וואָס פֿילט אָן דעם גאַנצן קערפּער און טרעט נישט אָפּ פֿונעם האַרץ אַפֿילע אין סאַמע טיפֿסטן שלאָף, — אַזוי בענקט אַ מענטש נאָך אַן אייגענעם פֿריש אָפּגעשניטענעם פֿוס אָדער פֿריש אָפּגעשניטענער האַנט.

און נאָך מיט איינעם אַ געפֿיל איז ער דעמאָלט אַוועק אַפֿן פֿראָנט:

אָן אַ מאַשין איז ער, מיכל קאַפּלאַן, אַ נעשאָמע אָן אַ גוף, קימאַט דאָס אייגענע, וואָס אַ סאָלדאַט אָן אַ ביקס.

יעדער מין גיין צופוס אינאיינעם מיט פוסגייער־טײלן — אפילע באַם דורכמאַרשירן פון איין וואָקזאַל צום צווייטן איבער אַ שטאָט אָפּן וועג צום פראָנט — האָט אים ביז גאָר באַליידיקט און ביז גאָר פאַרקלע־נערט זיין ווערט אין די אייגענע אויגן. פאַרשווונדן זיינען דעמאָלט אַלע זיינע אַמביציעס פון שטאַרק שעצן אין זיך די אייגענע קויכעס, און גע־בליבן איז ער נישט מער ווי באַ איין־איינציקן ווילן: וואָס גיכער זיצן אויף אַ מאַשין — אָ!.. מער דאַרף ער גאָרנישט.

גליק איז אַ זאַך, וואָס בייט זיך, דאָס גליק, וואָס אַ מענטש פילט גאַנצפרי, איז נישט נעגליכן צום גליק, וואָס ער פילט באַטאָג.

מיכלס ערשט גליק אויף דער מילכאָמע איז געקומען, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל זיך אַרייננעזעצט אין דער קאַבינע פון איינער פון די שווערע מאַשינעס, מיט וועלכע מע האָט נישט ווייט פונעם פראָנט באַ־טײלט אַ גאַנצע כאַפּטע שאָפערן. מיט פרייד האָט ער דעמאָלט געגעבן צו וויסן אינעם בריוול אַהיים:

— „נו, סע וועט זיין גוט!”

דערויף אָבער האָט אים אינגיכן געענטפערט דער מיירעוודיקער שיסנדיקער האָריזאָנט, צו וועלכן ער האָט זיך דערנענטערט:

— „וואַרט נאָך אויס אַ ביסל מיט פרייען זיך!”

***

אין אַ רעגנדיקער אָסיען־נאַכט האָט ער צום ערשטן מאָל דערהערט דעם מיירעווו־האָריזאָנט דונערנדיק קנאַלן און פון דער נאָענט דערזען די שיין פון זיינע סרייפעס און פון זיינע ליכטיק־מאַכנדיקע ראַקעטעס אין דער אָקענגדיקער פינצטערניש.

ווי אַ שרעקלעך טאָמע זאַך, ווי עפּעס אַ מין קאָכעוודיקער גענעם, וואָס באַשטייט דורכויס פון ברענענדיקע פעסער מיט צויג און מאַלאַכע־כאַבאָלע מישן און מישן אין די פעסער אָט די צויג באַ דער שיין פון סרייפעס, — אַזוי האָט מיכל דעמאָלט אויפגענומען די פיינטלעכע קראַפט, וואָס רייסט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער פון יענער זייט פראָנט־ליניע.

מיט ציין-קריצעניש און מיט אויפגעבראכטקייט, פול-און־פול מיט צעגאַנגענער גאַל פון עקל און פון סינע צום דייטש, האָט ער דעמאָלט גע־האַלטן אין איין צופירן און אין איין צוּוואַרפן נאָך און נאָך סנאַריאַדן צו דער פייערדיקער פראָנט-ליניע:

— נאַ!.. ווער דערוואָרגן!.. נאַ! נאַ!

אין טאָך אָבער איז ער אין יענע ערשטע טעג נאָך אַלץ געווען פול מיטן גרעסטן דערעכבערעץ בלויז צו זיין אייגענער קראַפט — אַ דערעכבע־רעץ, וואָס ער האָט געיאַרשנט פון זיין פאָטער דעם בינדיוזשניק אינעם בעסאַראַבער שטעטל. און פונקט, ווי אין דער היים באַם פירן זעק מעל, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז בלויז ער איינער שפּייזט די שטאָט מיט ברויט, אַזוי האָט זיך אים אויך דאָ נאָך אַלץ אויסגעוויזן, אַז בלויז ער איינער האַלט מילכאָמע ווי עס קער צו זיין. נו יאָ, ווי זשע דען:

— ס'אַ נייִס?

***

קימאַט מיט פאַרדרוס האָט מיכל געקוקט אין זיין טייל אַף איינעם אַ קליין און שוואַך שאָפערל, וואָס פירט פונקט אַזאַ מאַשין ווי ער, און שטייט קיינמאָל נישט אָפּ פון אים:

— פונוואַנען נעמט זיך גאָר צו אָט דעם „וועוויריק" אַזוי פיל קוי־בעם אַף נישט אַרויסצושטעקן די צונג?

יונג און קינדעריש-קליין, האָט דאָס שאָפערל — אָפן אויסזען אַ קאַ־זאַך — געפידעט פון זיך די נעשאָמע און האָט אַלע אַרום זיך פאַרכי־רעשט: ווי ער מאַסקירט עס בעריעש די מאַשין און ווי ער לייגט זיך עס אין דער לענג און אין דער ברייט אַף אַרויסצופירן זי גאַנץ פון אונ־טער סוינעס באָמבעס, באַבייעוו האָט מען אים גערופן. סאָפּקאָלסאָף האָט מיכל געפּרוּווט דערגיין באַ אָט דעם קליינינקן און יונגן שאָפערל דעם סאָד פון זיין אימפּעט:

— זאָג זשע נאָר, דו וועוויריק...

באַבייעוו אָבער האָט קנאַפּ פאַרשטאַנען רוסיש און נישט באַלד זיך אָנגעשטויסן, וואָס אייגנטלעך וויל מיכל באַ אים וויסן.

— ע-ע-ע! — האָט ער פריינטלעך צוגעשמייכלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — ע-ע-ע!..

און ווי פון געטריישאַפט האָבן אַף זיין אייבערשטער דינער ליפּ זיך גערירט אַלע שוואַרצע שפּראָצנדיקע הערעלעך.

— נו וואָס? — האָט מיט אַלערליי וווּנקען זיך דערפרעגט בײַ אים מיכל, — וואָס ביסטו געווען אין דער היים פאַר דער מילכאָמע, אַ?..

— אַ־אַ!..

פון באַבײַעווס קויל־שוואַרצע אייגלעך האָט מיטאָמאָל אַ פּלים גע־געבן דאָס גליק פון פאַרשטיין.

— קאָמסאָמאָליעץ! — האָט ער, אָנווייַזנדיק פרייליך אַף דער איי־גענער ברוסט, אַרויסגעקריגן פון זיך אַ קאָל עפּעס גאָר ווי פון אַ פייַ־פעלע. — קאָמסאָמאָליעץ!..

— אַהאַ! — האָט צוגעשאָקלט מיכל.

און אין געדאַנק איז ער געבליבן בייזלעך אַף זיך, אַלעמיי איז ער אַליין נישט געפאַלן אַפן סייכל, אַז אַזוי איז עס.

אַזאַ מענטש איז מיכל:

פון אַ גאַנץ לעבן בלייַבן באַזונדערע מאָמענטן זייער שטאַרק פאַר־קריצט אין זיין זיקאָרן, ווייל זיי פאַרטייַטשן אַלצדינג, וואָס ביז זיי איז געווען, אָט די מאָמענטן, און דאָס איז איינער פון זיי:

— קאָמסאָמאָליעץ איז ע־ע־ע... ס'איז קויבעס!.. אַ סימען? — אָט זעט ער דאָך־אַ: באַבײַעוו!..

און מיט דעם קייטלט זיך נאָך אַ מאָמענט:

פון אַ גאַנצער קאַלאָנע מאַשינעס, וואָס האָט אונטער געדיכט פּאַלנ־דיקע אוויַא־באָמבעס געפירט סנאַריאַדן, האָט דעמאָלט צום אָרט, ווו מע האָט אַף די סנאַריאַדן זייער געוואַרט, זיך דערשלאָגן בלויז איינע — מיכלס מאַשין. מיט גרויס אייַלעניש האָט מען די מאַשין גענומען אויס־לאָדן גלייַך, ווי נאָר זי איז צוגעקומען. ערשט דערנאָך האָט מען זיך אַרומ־געקוקט: נישטאָ דער שאָפער... וווּהין זשע האָט ער געקענט פאַרשווינדן?

— מע עפנט אויף דאָס קאַבינע־טירל — אַ־אַ!.. ער ווייקט אין בלוט האַלב־ליגנדיק, אין פולן כאַלאַשעס, פאַרשטייט זיך.

אַזוי האָט נאָכדעם דערציילט דער העל־האָריקער יונגער לייטענאַנט פונעם פּאָליטאָפּטייל, וואָס איז איינעם מיט באַבײַעוון געקומען צו מיכלען אין מעדסאַנבאַט.

— איז וואָס? — האָט געשמייכלט צו מיכלען דער לייטענאַנט, — איז אַפּאַנעם אַן אַנקעטע און אין דער פּאַרטיי, ווי?..

— אַ? — האָט מעיושעוודיק איבערגעפרעגט מיכל.

דאָס האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם דערביי שטייענדיקן באַ־בייעוון און וועגן דעם סימען, וואָס ער, מיכל, האָט זיך אין אים גע־מאַכט:

„קאָמסאָמאָליעץ איז ע־ע־ע... ס'איז קויכעס!"

ערשט צוריק מיט עטלעכע שאָ האָט מען פון מיכלס אַקסלען גע־האָט אַרויסגענומען די שפּליטערס. ער איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט, און אין קויכעס האָט ער זיך אַזוי שטאַרק גענייטיקט.

— נו יאָ, אַפּאַנעם אַזוי איז עס, — האָט ער געענטפערט דעם לייט־טענאַנט פונעם פּאָליטאָפּטייל און דערביי אַ קוק געגעבן אַף אים, ווי אַף עפּעס אַזוינס, וואָס זי, די מילכאָמע, האָט עס אונטערגעשיקט צו אים, מיכלען, און טאַקע מאַשמאָעס פון זיין, מיכלס, טויווע וועגן.

*****

אַף מילכאָמעס איז מיכל קיינמאָל נישט געווען און האָט זיך בלויז וועגן זיי זייער פיל אָנגעהערט. זיין פאָטער, דער בינדיוזשניק פלעגט טאָ־מיד האָבן צו דערציילן און צו דערציילן וועגן צוויי מילכאָמעס, אַף וועלכע מע האָט אים „גענומען".

נאָר אַף דער־אָ מילכאָמע — דאָס איז מיכלען געווען קלאָר פונעם ערשטן טאָג אָן — האָט מען קיינעם נישט „גענומען": אַלע יונגע און באַיאָרנטע מענטשן, אַריינגערעכנט אַפילע גאַנץ יונגע מיידלעך, וואָס ער האָט געזען לעבן די שלאַכטן און אַרום די שלאַכטן, זיינען פונקט ווי ער, מיכל, אַליי ן געקראָכן אין פייער אַריין. און דאָס אַליין האָט שוין געהאַט צו זאָגן, אַז די איצטיקע מילכאָמע דאָ אין לאַנד איז גאָר־גאָר אַן אַנדע־רע. און „זי" אַליין, אָט די מילכאָמע — אַזאַ וויכטיקע און מעכטיקע — האָט זיך, ווי אַ מעלאָמעד אַ נעם געטאָן צו אים, דעם פון בעסאַראַביע־געקומענעם מיכלען, און זיך ווי אונטערגענומען איינצוקנעלן מיט אים אַף איין פּוס דאָס, וואָס די אַרומיקע מענטשן האָבן פאַרלערנט אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרן, דאָס וואָס ער, מיכל, האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אויס־צולערנען באַ קאָסטיקאַוון און באַ אַלע אַנדערע אַפן ברויט־זאַוואָד.

אינמיטן סאַמע ברען אירן האָט אים די מילכאָמע פּלוצעם געהייסן ווערן אויס מעיוכעס, פאַרגעסן, אַז ער איז שוין נישט איין יאָר אַ שאָפּער, און אַ פּרווו טאָן, צי טויג ער נאָך כוץ דעם צו עפּעס אַנדערש. און געמאַכט האָט זי עס אַזוי, אַקוראַט ווי זי הייבט גאָר נישט אָן צו וויסן, אַז ער, מיכל, איז אַ מענטש מיט אַמביציעס:

— אַנו נאָר, מיכל!

זײַן גרעסטן סוינע וואָלט ער נישט געווונטשן אָט דעם צושטאַנד — דעם צושטאַנד פון אַ שאָפער, ווען נאָך יאָרנלאַנג זיצן, ווי אַ מאַלכעס, אין דער קאַבינע מוז ער, מעכילע, באַנײַס זיך צוגעוווינען ארומצושפּאַנען פּאַשעט אַף דער ערד און דערבײַ קעסיידער זיך פילן עפּעס ווי באָרוועס...

זײַן טייל איז דעמאָלט איבערפאַרמירט געוואָרן, און אים מיט באַבײַעוון און מיט נאָך אַ פּאָר פון זײַן גלײַכן האָט מען ביז ווער־וואָס צו־געשטוקעוועט צו אַ שטאַרק געליטענעם באַטאַליאָן, וואָס איז קעסיידער באַשאָסן געוואָרן אין זײַנע שוץ־גראָבנס, גאָרנישט ארויסצושטעקן פון דאָרט דעם קאָפּ.

און איינמאָל פאַרטאָג האָט מען דאָרט פּאָרט געמוזט ארויס אין אָן אַטאַקע אַפן אַקעגנדיקן באַרג־אַרויף, ווו די פייער־נעסטן האָבן זיך אַרויס־געוויזן פיל געדיכטער און שטאַרקער, ווי מע האָט גערעכנט. און — ווי עס טרעפט אין אַזאַ פאַל — צום סוינעס פּאָזיציעס האָבן באַוויזן צו דערלויפן נאָר איינציקע, און פאַר די איבעריקע איז אַפן באַשאָסענעם פעלד שוין געבליבן נישט אַהער און נישט אַהין.

בעשוטפעס מיט באַבײַעוון איז מיכל דעמאָלט איבערגעלעגן אַ גאַנצן פראָסטיקן ווינטער־טאָג אין אַ פוגאַס־גריבל — זייער אָן ענג גריבל. די פיס זייערע האָבן די גאַנצע צײַט געמוזט בלײַבן פרײַנטלעך איבערגע־פלאָכטן. מער נישט, וואָס ער, מיכל, איז געלעגן אין גריבל אַ לעבעדיקער, עפּעס מיט אַ גרינגער וווּנד דאָרטן, און באַבײַעוו — אַ טויטער, אַ פאַר־קלײַנטערטער, מיט פאַרגליווערטער העליש־רויטער פאַרב אין די באַקן, צו וועלכער עס האָט אין בײַסיקן פראָסט זייער שטאַרק געצויגן זיך צו־טוליען, ווי אַף אָנצוואַרעמען זיך... ווײַל פון באַבײַעוון, אַף וויפל מיכל האָט אים געקענט, איז שטענדיק געגאַנגען עפּעס אַ וואַרעמקײַט, אַ גרייט־קײַט צו טאָן מיט היץ אַלץ, וואָס די מילכאָמע דאַרף.

בײַ מיכלען איז דעמאָלט געווען גענוג צײַט אַף אַ טראַכט צו טאָן:

דאכט זיך, א קליינס און א שוואכס — אָט דער באַבײַעוו, און קײַן זאַך איז אים נישט געווען שווער, און פֿאַר אַלץ האָט ער זיך גענומען — וועלטן וואָלט עס געווען געקענט איבערקערן. הײַנט וואָס זשע נעמט זיך ער, מיכל, אַזוי איבער, וואָס ער איז אַזאַ געזונטער?

נאָך יענעם מאָל ליגן מיט באַבײַעוון אין גריבל איז בײַ מיכלען פֿאַר־בליבן אַ געפֿיל, אַז אים איז עפּעס זייער געראָם אומעטום, ווו ער זאָל נישט שטיין און גיין — ס'אַזאַ געראָמקײַט!.. מע קען אין איר עפּעס אויפֿטאָן...

***

אַזוי איז אַ מילכאָמע:

טרעפֿן טרעפֿט זי אַלעמען, נאָר יעדערער האָט מיט איר פֿונדעסט־וועגן זײַנע באַזונדערע טרעפֿעכצן.

פֿון מיכלען, ווי אים האָט זיך געדאַכט, האָט זי געוואָלט, ער זאָל זיך נעמען אַ בײַשפּיל פֿון באַבײַעוון. זי האָט מיט אים קעסיידער גע־לערנט „באָלאָק״:

— אָנו נאָר, מיכל, ווער צוריק אַ שאָפֿער!

פֿאַר אים איז דאָס אין פֿלוג, שוין נישט געווען קײַן נײַעס. אונטער אַ ווילדן האָגל פֿון געדיכט־פֿאַלנדיקע אוויאַבאָמבעס האָט ער שוין נישט איין מאָל געפֿירט סנאַריאַדן צום פֿראָנט.

פֿאָרט ער איינמאָל אין סאַמע שפּיץ פֿון אַ גאַנצער קאָלאָנע מאַשי־נעס, וואָס ווערן אַלעמאָל באַשאָסן פֿון דער הייך. און פֿאַראָן איז נאָך צו פֿאָרן און צו פֿאָרן. און דער זומער־טאָג אין אַרומיקן אומענדלעכן סטעפּ איז זייער אַ הייסער און זייער אַ שטויביקער. און ווייסן ווייסט מען שוין נישט, ווו לאָזט זיך אויס דער שטויב פֿונעם סטעפּס שליאַכן און ווו הייבט זיך אָן דער רויך פֿון די אויפֿרייסן און פֿונוואַנען קומט אין קאַבי־נע אָט די גרויסע גענעם-היץ: פֿונעם מעסוקן הייסן זומער־טאָג צי פֿונעם אָנגעגליטן מאָטאָר, וואָס אַרבעט אָן אויפֿהער אויף דער גרעסטער שנעל־קײַט. און דאָ אינמיטן וועג קומט אום פֿון אַ שפּליטער דער קאָמאַנדיר פֿון דער קאָלאָנע — שוין נישט קיין יונגער אינזשעניער, אַ שוואַכינקער — אויך עפּעס אַ מין באַבײַעוו. און טאַקע דאָס ברענגט דעמאָלט מיכלען דערצו, ער זאָל זיך פּלוצעם דערמאָנען אָן באַבײַעוון: — אין די מאַשי־

נעם הייבט אָן אויסצוגיין אי וואַסער אי ברענשטאָף — איז וואָס וואָלט אין אַזאַ פאַל געטאָן באַבײַעוו? און דאַן באַקומט זיך בײַ מיכלען אַזוי, אַקוראַט ווי אַליין די מילכאָמע וואָלט אים דאָ האָבן מאַמעש אונטער־געזאָגט:

— באַבײַעוו וואָלט איבערגענומען אױף זיך די קאַלאָנע און זי דער־פירט ביזן פראָנט".

נו יאָ. ווער דען האָט אים געקענט גאָר אַזוינס אויפגעבן, אויב נישט די מילכאָמע אַליין? טאַקע דערפאַר האָט ער מיט אַזאַ ברען גע־נומען זוכן אין אַרומיקן סטעפּ אַ טיפע באַלקע אױף אויסצובאַהאַלטן די מאַשינעס, ביז עס וועט נאַכט ווערן. מיט ברען איז ער אַוועק פון דער באַלקע זוכן אַן אָרט, וווּ מע קען אָנעמען וואַסער. מיט ברען האָט ער נאָכדעם ערגעץ־ווו פון אונטער דער ערד געקריגן ברענשטאָף אױף צו לאָזן זיך ווײַטער אין וועג.

אויסגעקומען איז דעמאָלט, אַז באַפּוילן האָט שיר נישט „זי", די מילכאָמע אַליין:

— אויב אַזוי, ווערט מיכל קאַפּלאַן אַ סערזשאַנט.

אַזוי האָט זי באַפּוילן, ווען נאָך אויפטועכצן און קאָפּ־דרייעניש, אָנ־לייגנדיק וועג און שלעפּנדיק זיך קימאַט דורכוים מיט די באַלקעס, האָט ער דערפירט די מאַשינעס מיט די סנאַריאַדן אַהין, וווּ מע האָט זיי באַ־דאַרפט.

דאָ האָט מיכל קאַפּלאַן, אַזוי אַדער אַנדערש, זיך שוין געמוזט אָפּ־געבן אַ שטיקל בעשבן־האַנפעש:

איז אָט וואָס מע וויל פון אים: — ער, מיכל, זאָל זיך פילן באַלע־באָס, וואָס מער זיך אַרײַנמישן און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפהערן מיט זײַנע שטיק: „מע הייסט מיר, טו איך און געגוג... און זאָל מען מיך לאָזן צורו". אָן דער מילכאָמע וואָלט ער, קען זײַן, זיך גאָרנישט געוועזן דער־טראַכט דערצו און וואָלט אױף שטענדיק געווען פאַרבליבן אַזאַ, ווי ער איז געווען אָפן ברויט־זאַוואָד — אַ גוטער שאָפער מיט אַ שווערן כאַראַקטער און שוין.

— הער אַ מײַסע!

עטלעכע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען, ווי שיקערלעך פון דער נײַער

האַנאַע, וואָס אַט: ער... נו יאָ... אַ געזונטער, אַ ריז און דאָך... ער קען כּוץ דעם נאָך עפּעס אויפטאָן נישט נאָר מיט די קויכעס אַליין.

פונעם האַרצן איז אים דעמאָלט אַראָפּ דער שטענדיקער פּרעס, וואָס ער האָט געפילט סײַ בײַ דער אַרבעט אָפּן ברויט־זאַוואָד סײַ בײַ זיך אין שטוב, און פאַרבענקט האָט זיך אים באַנײַס זייער שטאַרק נאָך דער גע־ראַמקייט, וואָס אין דער היים — אַ געראַמקייט, וואָס מע קען אין איר עפּעס אויפטאָן נישט נאָר מיט די קויכעס אַליין. און ווי פון זיך האָט דע־מאָלט זײַן האַנט אין די בריוולעך צו מאַלען אָנגעהויבן צוצושרײַבן זייער האַרציקע גרוסן דער אַלטער שוויגער, דער קליינער ריוועלע, אַלע באַקאַנ־טע און יאָ... קאַסטיקאָוון:

— „קאַסטיקאָוון און אַלע אָפּן ברויט-זאַוואָד — גאָר־גאָר פריינט־לעך"...

די מילכאָמע האָט אָבער נאָך אַלץ אים געהאַלטן אין איין פּײַניקן און גלעטן.

אַפּאָנעם זי וויל עפּעס נאָך פון אים.

אַזאַ געפיל איז געווען בײַ מיכלען, ווען אַ וואָכן צוויי צי דרײַ נאָך אָפּנעמען קריוואָראָג האָט מען אײַנײַנעם מיט די מאַשינעס לאַנג נישט אויפגעהערט צו זינקען אין די סאַמע פּעטע און טיפע שוואַרץ־ערדיקע פּאַר־פּייסעכדיקע בלאָטעס.

אַלע שאָפערן, און נישט נאָר שאָפערן, זײַנען פונקט, ווי ער, מיכל, שוין געווען אַזוי שטאַרק פאַרשמירט און פאַרקלעפּט מיט קויט, אַז דער־קענען עמעצן פון זיי אין די קליידער אָדער אין פּאָנעם צי אַפילע אין די האָר איז שוין געווען אינגאַנצן אומעגלעך — סײַדן קלעפּ צו צו יעדן פון זיי אַ בלעטל מיטן נאָמען, ווי מע רופט אים דאָרטן. הײַנט גיי קלײַב זיך דאָ פאַנאַנדער, ווער טוט אויף איין זאַך און ווער טוט אויף אַ צווייטע זאַך. און דאָס טאַקע אַפּאָנעם האָט די מילכאָמע דעמאָלט געוואָלט אויס־פּועלן בײַ מיכלען: זאָל ער איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויפהערן צו פירן דעם כעשבן, ווו לאָזן זיך אויס זײַנע אויפטועכצן און ווו הייבן זיך אָן אַ צווייטנס אויפטועכצן.

זינקט מען אַזוי קעפּיידער שוין דעם וויפלטן מעסלעס. נאָך אַלערליי אויפטועכצן, אָוועקגעלייגט שוין מאַמעש דאָס לעצטע קאַפּל קויכעס, קריכט מען קוים אַרויס מיט די מאַשינעס פון איין בלאָטיקן „טינטער",

קעדיי דאָ באַלד איַינגעזונקען ווערן מיט זיי אין אַ צווייטן נאָך טיפערן „טינטער". און אַלע זייַנען שוין ביז לעצט אויסגעמאַטערט, פּונקט ווי ער, מיכל, וואָס שטייט קוים איַין אַף די פיס מיט די ציטערנדיקע קני, און עס ציט אים צו טאָן אַ פאַל צו טאָן אין דער בלאָטע אַריַין און אַנטשלאָפן ווערן אין איר, זאָל זיַין שוין אַפּילע אַף אייביק, אַבי אַן עק זאָל עס נעמען. נאָר פון אויבן אין ריין־בלויען ראַכוועסדיקן הימל שייַנט און בראָט שייַן פון מאָל צו מאָל די דאָרעמדיקע זון, און דערמאָנען דערמאָנט זי אַן אויפהער אַן דער־אָ ציַיט פון יאָר אינעם בעסאַראַבער היים־שטעטל — אַ פּאַרפּייסעכדיקע זון, ווי אַלעמאָל: איר איז לאַכלוטן אַלציינס, צי אַף דער ערד האַלט מען מילכאָמע אָדער מע באַקט מאַצעס...

און טאַקע ווייַל אַזוי קאַכט באַניַיס אויף דאָס בלוט פון גוואַלדיקער סינע צו אַלע יענע, וואָס פאַלן אַן מיט מילכאָמעס, און די הענט טוען זיך באַניַיס אַ כאַפּ איניינעם מיט אַנדערע הענט צו דער איַינגעזונקענער מאַשין, אַלציינס צי זי איז דיַינע אָדער נישט דיַינע, און...

— ראַזאָם!.. ראַזאָם!..

אָט אַזוי באַטאָג און באַנאַכט — קוים מיט צאָרעס זיך דערשלעפּט און צוגעראַטשקעוועט צו אַ טייַך. און אַף יענער זיַיט טיַיך, אַזוי זאָגט מען, איז שוין זאַמדיק. נאָר ווי אַזוי דערקליַיבט מען זיך אַהין?

אַף גאַנצע קילאָמעטערס אַרום און אַרום דעם אָרט, וווּ מע קען זיך אַריבערפּראַווען איבערן טיַיך, איז ערד־טרעטעניש: מאָטאָריזירטע טיילן, טאַנקען, אַרטילעריע, אָבאָזן — גאָרנישט צוצוטרעטן אַהין.

מיכלס פּאָנעם איז פּונקט אַזוי פאַרקלעפּט און פאַרשמירט מיט בלאָטע, ווי זיַינע הענט. מיט בלאָטע זייַנען איינס צום אַנדערן צוגעקלעפּט אויך די הערעלעך פון זיַינע ווייעס, נאָר מיט די קאַרע אויגן זעט ער נאָך עפּעס. צי האָט דער אָדער יענער אַרום אים שוין נישט געפּויעלט באַ זיך: „מיילע,, וועט מען דאָ איבערכאַפּן דעם אָטעם"?

און דאָ פילט מיכל מאַמעש בעכוש: אָט־אָט וועט זי אויפהערן פון אים צו האַלטן — די מילכאָמע, הייסט עס, וואָס האָט שוין איינמאָל געהאַט באַפוילן, ער זאָל ווערן אַ סערזשאַנט... נישט גוט...

איינער אַליין אַן דער מאַשין שלאָגט ער זיך דורך ביז צום אָרט וווּ אַף דער פּאָנטאָנער בריק פּראַוועט מען זיך אַריבער איבער דעם טיַיך, און ציילט אויס, וויפל מאַשינעס לאָזט מען דאָרט דורך אין אַ פערטל שאָ.

דאָס מאַכט ער דעם כעשבן: ביז די ריי וועט דערגיין צו די מאַשינעס פון זײַן קאָלאָנע, קען אַריבער נישט איין מעסלעס. ע, פע!.. וואָס זשע וועט דאָ זײַן?..

לעבן איינעם אַן אָבאַז, באַמערקט ער, דרייט זיך אַרום אַף דער פרײַ עפּעס אַ נאַריש פערדל. זעט אויס — גאָר אַ צוגעבלאָנדזשעטס. מיט אַ ביסל היי אין האַנט פרוּווט ער פאַרנאַרן דאָס פערדל וואָס ווײַטער אין אַ זײַט. אײַ, קען ער כאַפּן דערפאַר אַ פּסאָק. נאָר ביז ווער־וואָס זיצט ער שוין פאַרט רײַטנדיק אַפן פערדל און — אַוועק, אַוועק רעכטס לענגויס דעם טײַך אַרויף־וואַסער. שוין זשע וועט ער נישט געפינען אַן אַנדער אָרט, ווו מע קען זיך ווי־נים־איז אַריבערפּראַווען אַף יענער זײַט טײַך?

פון דעם האָט זיך דעמאָלט לעבן דעם ווײַטלעכן דערפל, וואָס אַרויף־וואַסער, גענומען דאָס צווייטע אָרט אַף אַריבערצופּראַווען זיך איבערן טײַך.

די שאָפערן פון מיכלס קאָלאָנע האָבן נאָכדעם אונטערגעמורמלט אַף אים, אַז אַפן וועג צו יענעם דערפל איז ער געוואָרן אַ ביסל „צעמישט" — נישט גאָר אינגאַנצן, האָבן זיי אַף אים אונטערגעוווּנקען, נאָר דאָך... יאָ, יאָ...

גענומען האָט זיך עס דערפון, וואָס אַפן מעסוקן־בלאָטיקן וועג צו יענעם דערפל, ווען מע האָט געזונקען נאָך אַ סאַך טיפער, ווי פאַר דער גאַנצער צײַט, האָט מיכל ווירקלעך געהאַט עפּעס זייער אַ צעקרימט מאָדנע־מעשונע פּאָנעם שוין גאַרנישט פון קײַן באַרדאַס. אַלעמאָל, ווען אים איז אויסגעקומען צונויפנעמען שוין מאַמעש די גאָר לעצטע קויכעס אַף אַרויס־צושלעפּן פו דער מעסוקענער בלאָטע אַ טיף פאַרזונקענע מאַשין, האָט ער דערצו נאָך געגוואַלדעוועט מיט קוילע־קוילעס, נישט ווי אַלע מענטשן שרײַען אין אַזאַ פאַל: „טאַטע, גיב קויכעס!" נאָר פּאָשעט:

— טאַטע!!!

— טאַטע!!!

און נישט אויפגעהערט האָט ער אַזוי צו גוואַלדעווען די גאַנצע צײַט, ביז ער האָט איניינעם מיט די שאָפערן די מאַשין נישט אַרויסגעשלעפּט.

דער סאָד אָבער איז דאָ געווען אַ גאַנץ פּאָשעטער. דאָס האָט מיכל זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ייִנגלווײַז באַם טראָגן איניינעם מיטן פאָטער דעם בינדיוזשניק זייער שווערע קאַסטנס פלעגט אים באַפאַלן אַ גרויסע מוירע,

אַז אַט־אַט וועט ער אָפּלאָזן דעם עק, וואָס ער טראָגט, און ער פּלעגט דע־מאָלט אָנהייבן צו שרײַען:

— טאַטע!.. טאַטע!..

און שטענדיק פּלעגט עס העלפן.

און אויך איצט האָט עס געהאָלפן.

און דאָס איז דער סאָף, און ווען דאָס איז נישט קלאָר, יענער זאָל זיך אומקערן נאָכאַמאָל צום אָנהייב.

אין אַ ווינטערדיקן שטורעם

דאָס איז געווען אַן אויפברויז פון בערייִשעסדיקער מוטערלעכקייט, אַ סטיכישער אויפרייס, וואָס רעדן צו אים, ער זאָל איינשטילן, האָט פּונקט אַזוי קיין זינען נישט געהאַט, ווי רעדן צו אַ נאַטור־אויסברוך ער זאָל אויפהערן. ער האָט געדויערט פּונקט אַזוי פיל, וויפל אין אַ מוטער קלעקט זאַפטן פון מוטערלעכקייט — ער האָט געווילדעוועט מער ווי אַנדערטהאַלבן טעג.

צום סאָף פונעם צווייטן מעסלעס האָט באַסיע מאָיסייעוונאַ אָנגעהויבן זיך איינשטילן.

אין דער גאַנצער נישט־גאָר גרויסער וווינונג, דער פריש־אָפּגערעמאָנטירטער נאָך רע־עוואַקואַציע, איז קיינער אַכוץ מאַן־און ווייב נישט געווען. צום טעלעפאָן אין קאָרידאָר — ער האָט געמעגט ווי לאַנג קלינגען — איז פון נעכטן אינדערפרי אָן קיינער נישט צוגעגאַנגען.

אַרום אין די צימערן, וועלכע מען האָט פון נעכטן אָן נישט אויפגערוימט און נישט דורכגעלופטערט, האָט געשמעקט מיט אויסגעוועפּטן עפיר, מיט אַראָמאַט־עסיק און מיט נאָך אַנדערע אָנגעשטעלטע רעפועס — אינגאַנצן איבעריקע רעפועס, וואָס זענען אוים אין די פלעשעלעך ווי באַליידיקט, ווייל מיט קיין איינער פון זיי האָט באַסיע מאָיסייעוונאַ צו זיך נישט צוגעלאָזט.

פון איר האָט נאָך אַלץ אַף קיין רעגע נישט אָפּגעטראָטן איר מאַן, דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט — פּראָפעסאָר פון מיזרעך־וויסן — יאַקאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש בובער. הויקערנדיק זייער שטאַרק זיין וווּקסיקן

קערפּער — אַ יערושע־טעווע, פון וועלכער זײַן פרוי האָט אַלע יאָרן אומזיסט זיך באַמיט אים אָפּצוגעוויינען — האָט ער שטיל אַוועקגענומען זײַן מידע האַנט פון איר קאָפּ און איז געבליבן זיצן דאָ דערבײַ. דער שטערן איז אים געווען קימאַט אינגאַנצן פאַרדעקט מיט זײַנע זייער געדיכטע און געפּלאָנטערטע שאַטען־האָר, וואָס שלאָגן אָפּ מיט אַ קוים־קוים רויטלעכן גלאַנץ אין די ערטער, ווו זיי קנייטשן זיך, און קלערן נאָך גאָרנישט אויסצופאַלן אַפילע נישט אין די שטערן־ווינקלען. באַשאָטנט מיט אָט די האָר, האָבן זײַנע געגאָלטע באַקן צום סאָף פון דעם צווייטן מעסלעם אויסגעזען, ווי פאַרזשאַווערט מעש. אַף די פולע פאַרטריקנטע ליפּן, וואָס שטעקן אַביסל אַרויס, ווי בײַ אַן אַראַפּ, האָט ער געפילט אַ געזאַלצענעם בײַ־טאַם, ווי נאָך אַ לאַנגן טאָנעם. זײַנע טונקל־גרויע אויגן האָבן געגלאַנצט זייער שטאַרק, ווי אין אַ היציק שלאַפקײַט. אָן אויפהער האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דער פרוים פּאָנעם, און דער אַראָפּגעלאָזטער קנייטש צווישן זײַנע לאַנג־האָריקע צעשויבערטע ברעמען האָט זיך אַלץ מער און מער אָנגעברויגעזט. אַזוי קוקט מען אַף אַ נאָענט־אײַנגעבאַקענעם מענטשן, ווען מען באַמערקט אין אים אַ נײַעם פאַרהוילענעם קויעך און מען הערט אויף צו ווייסן, וואָס קען מען פון אים דערוואַרטן מיט אַ רעגע שפּעטער. פון זיך האָט בײַ אים אין געדאַנק פון מאָל צו מאָל זיך איבערגעבאַזערט דער פרוים נאָמען:

— באַסיע.

ווי אין אַ כאָלעם האָט דאָ פון אומעטום נאָך אַלץ אַרויסגעקוקט דער נעכטיקער ווינטערדיקער פרימאָרגן, ווען דאָס לעבן אין שטוב האָט זיך אָפּגעשטעלט, געגליכן צו אַ שטיין־געבליבענעם זייגער, אַף וועלכן עס רוקן זיך מער נישט די ווײַזערס.

דאָס איז געווען אַ זאַווערוכעדיקער פרימאָרגן. ער האָט אויפגעשטורעמט דעם שניי אַף די שכײנישע דעכער און האָט באַנײַס געמאַכט אַזוי געמיטלעך די וואַרעמקײַט אין דער פריש־אָפּגערעמאָנטירטער וווינונג, ווי גלײַך געפונען וואָלט זי זיך נישט אינמיטן גרויסער שטאָט, נאָר ערגעץ־וווּ אין פרײַעם פאַרווייעטן פעלד. געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס גאַנץ־געבליבענע הויז מיט די הויכע עטאַזשן, צווישן וועלכע די וווינונג געפינט זיך, הוידעט זיך אַ קאַפּעלע. נאָר אויך דאָס איז געווען אײַנגענעמען.

ווי אַלע פּרימאָרגן נאָך פּאַר וואַשן־זיך, באַלד נאָכן אויפשטיין, האָט יאַ־קאָוו סאָלאָמאָנאָוויטש אָן עפן געטאָן די קאָרידאָר־טיר צום קאַלטן לייַ־טער־צו און האָט ארויסגעשטרעקט די האַנט צום צוגעשלאָגענעם בלע־כענעם בריוו־קעסטל. גראָד צוליב דער געמיטלעכקייַט פון אָט דעם זאַווע־רוכעדיקן פּרימאָרגן האָט זיך געוואָלט אַרויסנעמען פון דאָרט וואָס־מער צייַטונגען. בליץ־שנעל האָט אָבער דערמאָנט די פּוסטקייַט, וואָס אין דעם בלעכענעם בריוו־קעסטל:

— הייַנט איז מאַנטיק.

דאָך, עפּעס וואָס איז דאָרט אָפן סאַמע עק געלעגן. אָן שום איַילע־ניש האָט ער דאָס „עפּעס־וואָס" אַרייַנגענומען אין דער האַנט, אָנגע־טאַפּט, אַז ס'איז קליין, גראָב און האַרטלעך, און ברויגעזלעך איבערגע־לייענט דעם צוריק־אַדרעס אָפן געלבלעכן קאָנווערט — בעפּיירעש ברוי־געזלעך: וואָס האָט עס אַ ווילד־פרעמדע האַנטשריפט צו שרייַבן דעם ליבן נומער פונעם זונס פעלד־פּאָסט?

ערשט איצט, באַנייַ אַ קוועטש געטאָן מיט די פינגער דאָס „עפּעס־וואָס" און זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס האָט מען צוריקגעשיקט פונעם פראָנט זייַנע און זייַן פרוים פאָטאָגראַפישע קאַרטלעך, האָט ער דערפילט, ווי אונ־טער זייַן ברוסט האָט מיטאַמאָל איַנגאַנצן אויפגעהערט צו קלאַפּן דאָס האַרץ. צו אים אין אויער האָט דערבייַ עמעצער מאַמעש אַ שעפּטשע גע־טאָן:

— ששש... נישטאָ שוין וואָליע!

און גלייַך האָט ער געגעבן אַ שטעק אַרייַן דעם קאָנווערט צו זיך אין הויזן־טאַש.

„באַהאַלטן... באַהאַלטן!"

דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וועגן וואָס ער איז אין יענער רעגע פעיִק געווען צו טראַכטן. זייער שטיל האָט ער צוגעמאַכט די טיר, וואָס פירט צום קאַלטן לייטער, און איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט און דער־שראָקן פאַרן אייגענעם געדאַנק:

„פון וואַנען האָט זי דערפילט?"

אין האַלב־טונקעלן קאָרידאָר, מיט אַן אַנדערטהאַלבן קלאַפּטער ווייַ־טער, איז, באַלויכטן מיט דער שייַן, וואָס פאַלט דורך דער אָפענער טיר

פון עסצימער, געשטאַנען די פרוי זײַנע, געשטאַנען מיט אויסגעשטרעק־טע הענט פאָרויס און מיט אַ בליק, וואָס האָט אים נישט געלאָזט זיך דער־נענטערן צו איר אַפילו נישט אויף קײַן איין טראָט:

— גיב אהער! — האָט זי געפאָדערט קאַלט, באַפעלנדיק, האַרט און אָן שום ראַכמאָנעס אויף זיך, אויף אים, אויף קיינעם נישט אין דער גאָרער וועלט. — גיב אהער!

— וואַרט, וואַרט, — האָט ער געבאַזערט שטיל, מעכאַניש און פאַר־לוירן, — וואַרט־צו...

— ניין, ניין! — האָט זי אויסגעשריגן מיט אַ קאָל פון אַ לייב, מיט אַ קאָל, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געהערט פון איר, דעם סאַמע שטילן, געמעסיקטן און טאַקטישן מענטשן, וואָס ער האָט אין לעבן געקענט.

און אויסגעריסן בײַ אים דאָס „עפּעס־וואָס" און קיין איין מאָל נישט קײַן קוק געגעבן דערויף, האָלטנדיק עס צוגעדריקט צו דער ברוסט לעבן דער לינקער פּאַכווע, איז זי אַוועק מיט איר צעגוואַלדעוועטן „ניין" איבער דער שטוב:

— ניין, ניין!... ס'אַ ליגן... ער לעבט! ער לעבט!...

און מיט אַט די קוילעס פון אַ לייב האָט זי, אַרומלויפנדיק אָנגעבווי־גענערהייט איבערן קליינעם עסצימער, נישט אויפגעהערט צו פאַרשטופּן דעם קאָנווערט אַלץ טיפער אונטער דער לינקער פּאַכווע. און ער, דער מאַן אירער, בעיים ער האָט דאָס אַלץ צוגעקוקט, האָט מאַמעש געהאַט אַ געפיל, אַז אַרום אים קומען פאַר צוויי זאַווערוכעס פון גוואַלדיקער קראַפט — איינע ווילדעוועט פאַר זיינע אויגן דאָ אין שטוב און די צווייטע שטו־רעמט־אויף אינדרויסן דעם שניי אויף די שביינישע דעכער און דרייט מיט אירע ווינטן אַזוי שטאַרק, אַז פון מאָל צו מאָל דאַכט זיך: עס הוידעט זיך דאָס גאַנצע הויז מיט אַלע הויכע גאָרנס, צווישן וועלכע די וווינונג גע־פינט זיך.

**
*

און אַט אויפן אַנדערן טאָג אַרום עלף אַזייגער אין אָוונט איז באַסיע מאַיסייעוונאַ סאַפּקאַלסאָף אַנדרעמלט געוואָרן דאָ אין קליינעם געמיטלעכן עסצימער אויפן זעלבן אָרט, ווו די בייזע בסורע האָט נעכטן אומגעוואַל־גערט איר פּערציק־יאָריקן, קרעפּטיקן, זאַפטיקן און נאָך גאַנץ שיינעם

מוטערלעכן קערפּער. בײַ דער שײַן פֿונעם סטעאַרין־קאַניצל, וואָס האָט קוים־קוים באַלויכטן דאָס עסצימער — קײַן עלעקטריע איז אין דער נישט־לאַנג באַפֿרײַטער שטאָט נאָך נישט געווען — איז זי, ווי אָנגעשוואָלן פֿון נאָך אַלע אירע לאַנגע געיאָמערס, געלעגן מיטן פּאָנעם אַרויף, מיט נאַסע צוגעמאַכטע אויגן־לעפּלעך, וואָס זײַנען מיט זייער הויט געווען אַף פֿיל טענער טונקעלער, ווי די העלע הויט אַף אירע בלאַסע רויט־באַפּלעקטע באַקן, און אירע שלאַנקע קײנמאָל נישט מיד־ווערנדיקע הענט האָבן זיך געוואַלגערט לעבן איר מיט ביידע שיינע לאַדאָניעס אַרויף, ווי פֿרעגנדיק:

— צו וואָס קען מען אונדז שוין פֿון הײַנט אָן באַדאַרפֿן?

דער קוואַל פֿון אירע שטאַרקע, לאַנגע און קורצע ספּאַזמע־געוויינען איז געווען אויסגעשעפּט, און די שווערע לײַדן, וואָס גייען פֿונעם מויעך און פֿונעם האַרץ, האָבן ווי דורך אַ פּוסטקײַט גענומען זיך אָפּטיילן פֿון איר קערפּער. פּאַמעלעך, אָן יעדן מינדסטן גערויש, האָט אויף־און־אָפּ קוים געאָטעמט איר מיטל־פֿולע און מיטל־שיינע ברוסט, און ער, דער מאַן אירער,* וואָס האָט נאָך אַלץ אָפּגעלייגט זײַן פּאָטערלעכן צאַר אַף שפּעטער, ווען זי וועט זיך כאָטש וויפֿל־נישט־איז אײַנשטילן, ער איז געזעסן דאָ דער־בײַ און האָט נישט אויפֿגעהערט זיך אײַנצוקוקן אין איר נישט אַזוי מיט די האַלב־אַרויפֿגעגלאָצטע אויגן, ווי מיטן אָנגעברויגעזטן קנייטש, וואָס צווישן זײַנע לאַנג־האָריקע ברעמען, און אַלץ, וואָס ער האָט איר געהאַט צו זאָגן, איז געווען קאָנצענטרירט אינעם איין־און־איינציקן וואָרט, מיט וועלכן מען רופֿט זי אָן בײַם נאָמען:

— באַסיע...

אין אַלץ, מיט וואָס זי איז אים געווען אַזוי באַקאַנט און נאָענט — אין איר כאַראַקטער, אין איר פֿאַרשטאַנד און אין אירע טועכצן — איז פּונקט, ווי אין איר גאַנצער פֿיגור, געווען עפּעס מיטל־שיינעס און געמעס־סיקטס. און דאַווקע אין דעם האָט ער, דער מאַן אירער, נאָך פֿיל מער פֿון אַלע אירע באַקאַנטע געפֿילט פֿון טאָמעד־אָן איר באַזונדערע האַשלאָמע — אַ מוסטער פֿון אַ פֿרוי, וואָס שאַפֿט עפּעס, ווי אַ מין הייליקן קרײַז אַרום זיך און אַרום אירע נאָענטע, וועלכע וואַקסן צו איר צו, ווי צו אַן איינגענער, אַ מוסטער פֿון אַ ווײַב אָן אָנשפּאַר, אַ פֿעסטונג אין אַלע אויפֿ־טרייסלענדיקע צײַטן, אַ מוסטער פֿון אַ באַלעבאָסטע אַ צוכט, און דאָס

אַלץ — צוליב דעם איקער, צוליב יענעם דערהויבענעם אין לעבן, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן קורצן וואָרט „מוטער".

נאָר אָט איז מיטאַמאָל צונישט געוואָרן דער הויפּט־זינען, וואָס צו־ליב אים האָט זי אויסגעבויט איר גאַנצן האַשלאָמעדיקן ביניען — נישטאָ מער פאַר איר דער הויפּט־זינען, און ווי איבעריקע וואַלגערן זיך לעבן איר די שלאַנקע האַלב־אויסגעהאָרעוועטע הענט מיט די שיינע לענגלעכע לאַדאָניעס אַרויף און מיטן גאָלדענעם קידושין־רינגעלע — אָט דעם איי־דעם פון איר ווייבלעכער און מוטערלעכער אומבאַפלעקטקייט. און שרעק־לעכער ווי אַלץ איז דאָס, וואָס מיט זייער אויסזען האַלטן איצט אָט די הענט ווי אין איין פרעגן בא אים:

— איז צוליב וואָס?... זאָג... דו פאַרשטייסט דאָך מער פון מיר...

און ער, דער מאַן אירער, דער פּראָפעסאָר פון מיזרעך־וויסן און פון געשיכטע — וואָס מיר פּראָפעסאָר?... אַז אַן ענטפער, אַן ענטפער פון באַ־זיניקן מוז אין לעבן קומען אויף יעדער פראַגע — דערויף איז ער געשטאַנען שטאָל־און־אייזן אַלע זיינע יאָרן און טאַקע צוליב דעם נישט מיד געוואָרן אָנצושטאָפּן זיך מיט כאָכמע און מיט וויסן — געהאַלטן אין איין שטאָפּן און שטאָפּן אין זיך, נאָר אָט זיצט ער איצט, ווי אַ באָק דאָ לעבן דער פרוי זיינער — ניין, ער האָט נישט וואָס צו ענטפערן איר אויף דער פראַ־גע „איז צוליב וואָס?" ער שוויַיגט, ווי דער טויט... שוין־זשע אָבער קען ער טאַקע דערויף גאָרנישט נישט ענטפערן אויך זיך... זיך אַליין?...

פון רעגע צו רעגע האָט זיין אויער אַלץ קלאָרער געהערט, ווי גע־מאָסטן און רויִק זיין אַנטשלאָפן־געוואָרענע פרוי אָטעמט — אַזוי שלאָפט אַ מענטש נאָכדעם, ווי אים האָבן כאַטש וויפל נישט איז נאָכגעלאָזט זייער לאַנגע און שווערע ווייטיקן. אים איז מער קיין סאָפעק נישט געווען, אַז דאָס לעבן פון בלוט־און־פלייש, דער כוימער, וואָס אין איר, האָט אָפּגע־האַלטן דעם ערשטן — זאָל זיין אַפילע בלויז דעם ערשטן זייער קליינעם ניצאָכן. איצט, אין גרינגן דרעמל, בעיים זי אָטעמט אַזוי־אָ, פילט זי מער נישט איר גרויסן מוטערלעכן אומגליק.

און גראָד איצט, בעיים זיין פרוי איז אַנטשלאָפן געוואָרן, האָט ער, דער פּראָפעסאָר בובער, זיך דערפילט שרעקלעך עלנט, ווי איבערגעלאָזט איין־אַליין אויף דער גאַנצער וועלט פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט זיין פּאַטערלעכן

צאַר, פון וועלכן ער דאַרף און מוז זיך ראַטעווען, און וואָס גיכער זיך ראַטעווען. פון זיך האָט זײַן מויעך זיך באַמית דערמאָנען, וועגן וואָס האָט ער דאָ נישט לאַנג געהאַט אַ טראַכט געגעבן — „אהא!... וועגן דעם, וואָס אָט: דעם טויט פון אייגענע גענומען ייִדן אויף זייער שאַרף און קרענקלעך... פון טאָמיד אָן אַזוי, פון יאַנקעוו אָן..."

דאָס איז געווען בלויז איינער פון יענע קורץ־דורכגעלאָפענע געדאַנקען, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון די אָנדערטהאַלבן מעסלעס, ווען ער האָט נישט אָפּגעטראָטן פון זײַן פרוי, אַף געציילטע סעקונדן אים געמאַכט פאַרגעסן אָנעם געשעענעם אומגליק. מיט אָט דעם געדאַנק „פון יאַנקעוו אָן" האָט ער זייער שטיל, קעדיי נישט אויפצוּוועקן די פרוי, זיך אַוועקגעשאַרט אין קאַבינעט, ווו אַלע פיר ווענט, אויסער דעם פענצטער, זײַנען ביזן באַלקן געווען פאַרשטעלט מיט פּאָליצעס ביכער. און אָנצינדנדיק דאָרט דאָס קליינע קעראָסין־לעמפּל, מיט וועלכן באַסיע מאָיסייעוונאַ האָט אים באַשטאַט, האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט וועגן אָט דעם „פון יאַנקעוו אָן":

„און יאַנקעוו האָט צעריסן אַף זיך די קליידער, און ער האָט אָנגעטאָן אַ זאַק אַף זײַנע לענדן, און ער האָט געטרויערט אַף זײַן זון אַ סאַך טעג, און עס זײַנען געקומען אַלע זײַנע זין און זײַנע טעכטער אים צו טרייסטן, און ער האָט נישט געוואָלט זיך טרייסטן, און ער האָט געזאָגט: „איך וועל טרויערן אַף מײַן זון ביזן גרוב." און ער האָט געוויינט, דער פאָטער."

עס האָט זיך באַקומען דער הייפעך פון דעם, אין וואָס דער פּראָפעסאָר בובער האָט איצט, אין דעם צושטאַנד זײַנעם, זיך גענייטיקט. זײַן מויעך האָט ווי פון זיך געזוכט פאַר אים עפּעס מער שטאַרקס פונעם פּײַן, וואָס ער לעבט איבער, נאָר אים נאָך נעענטער צו אָט דעם פּײַן צוגעפירט. אַ שפּאַן געטאָן צו דער עטאַזשערקע מיט דער אָפּגעלייגטער ליטעראַטור, וואָס ער נוצט די לעצטע צײַט, האָט ער מיט דער געוווינשאַפט פון אַ ביבער־מענטשן גיכער אַרויסגערופן פון דאָרט איידער אַרויסגענומען איינס אַ סייפער און מיט דער זעלבער געוווינטשאַפט — בלויז מיט איינעם אַ לײַכטן ריר פונעם גראָבן פינגער — אויפגעמישט די נייטיקע זײַטן. מיט דער האַנט האָט ער אַ שאַר געגעבן איבערן פּאָנעם און אין אָט דער רעגע זיך דערמאָנט, אַז די גאַנצע צײַט, בעיס ער האָט אין גרויס דערשלאָגנקײַט נישט אָפּגעטראָטן פון זײַן פרוי, האָט ער דאָך פון מאָל צו מאָל נישט

אויפגעהערט צו באַומרויִקן זיך, וואָס אָט: מיט זײַן וויַיטערדיקער לעקציע אין אינסטיטוט וועט ער איצט פאַרשפּעטיקן אָוואַדע אויף צוויי, צי אויף דריַי טעג, דעמאָלט ווען דעם קורס זיַינעם שטופּט ער קוים אַריַין אין דער אויס־געטיילטער ציַיט, — אַ שאָד!

און ווי בײַ אַ קאַליע־געוואָרענעם זייגער דער מעכאַניזם, טוסטו אים אַ שאָקל, גיט ער נאָך אַלץ אַרויס עטלעכע קלאַנגען מיט זיַין געוויינלעכן ריטם, אַזוי האָט באַם פּראָפעסאָר בובערן — ווי נאָר ער האָט צעעפנט פאַר זיך דאָס בוך — גליַיך אָנגעהויבן אַרבעטן דער געדאַנק מיט דער צו־געוואוינטער קלאָרקיַיט, ווי שטענדיק בעיים ער גרייט זיך צו זיַינע לעק־ציעס. געדויערט האָט עס אָבער זייער נישט לאַנג. מיט אַ ניַיער קראַפט האָט אין עטלעכע מינוט אַרום זיך אויפגעכאַפּט אין אים דער פּאַטערלע־כער פּיַין, זיך אַ ראַנגל געטאָן מיט אַלערליי מינים טראַכטענישן און, ווי צוויי שפּענדלעך, זיי איינס־און־צוויי אַרויסגעשליַידערט פונעם קאָפּ. פאַר־געסן אָנעם צעעפנטן בוך, האָט דער פּראָפעסאָר אַ שפּאַן געגעבן הין־און־צוריק לעבן אַרבעט־טיש און אין זיַין זיקאָרן האָט מיט אַלץ מער און מער קלאָרקייט אויפגעלעבט דאָס געשטאַלט פונעם זון, ווי ער האָט אויסגעזעןן אין די סטודענטישע יאָרן איידער ער איז אַוועק אַפן פראָנט. זיך אַריַינ־געוואַלגערט צוריק אינעם דערבייַיקן שטול, האָט בובער בײַ דער שיַין פונ־נעם טשאַדענדיקן קעראָסין־לעמפּל גענומען לייענען די זיַיטלעך פונעם לעצטן בריוו, וואָס ער האָט נישט באַוויזן דעם זון אַוועקצושיקן:

„פון דיַינע קורצע קאַרטלעך וואָלט מען געקענט מיינען, אַז דו גע־פינסט זיך די גאַנצע ציַיט נישט אין שטענדיקן פיַיער אויף דער ערשטער פראָנט־ליניע, נאָר ערגעץ־ווו אין אַ סאַנאַטאָריע אויף אָפּרו... וואָס איז שיַיך צו די בריוו, וואָס דו שריַיבסט דער מאַמען אַפן אַדרעס פונעם אַנשטאַלט, ווו זי אַרבעט, געפינט זי אַלעמאָל אַן אַנדער אויסרייד אויף אויסצובאַהאַלטן זיי פון מיר און שטייט צו מיר צו יעדן טאָג איידער זי גייט אַוועק צו דער אַרבעט: „שריַיב אים וואָס מער, ער בעט זייער. קענסט זיך נישט אויסמאָלן, וואָס פאַר אים מאַכן דאָרט אויס דיַינע בריוו.“ נאָר מיר דאַכט זיך, אַז שריַיבן שריַיב איך דיר איינס און דאָס זעלבע פון יע־נעם טאָג אָן, ווען איך מיט דער מאַמען האָבן דיך אַרויסבאַגלייט אַפן פראָנט, און דו מיטן קליינעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס האָסט צוגעזוכט

פאַר מיר אַ פּלאַץ אַף צו זיצן אינעם צוגעטשעפּעטן טראַמוויי־וואַגאָן, און וועלכן מיר זיינען דעמאָלט געפאָרן צום וואָקזאַל..."

אָפּגערוקט פון זיך דעם נישט־דערשריבענעם בריוו, איז ער געבליבן זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן. און אין אָט דער רגע איז אים אויסגעקומען אַריינצוקוקן טיפער אין זיך און זיך מודע זיין, אַז באַנאַנד מיט דער גרויסער לאַסט פונעם אומגליק, וואָס האָט זיך אַף אים אומגעוואַלגערט, פילט ער קימאַט די גאַנצע צייט אַ פאָטערלעכן שטאָלץ — ער געדענקט אין נאָמען פון וואָס דער זון זיינער איז אומגעקומען — יאָ, ער געדענקט עס.

און ווי אַ בליץ רייסט דורך אַ באַנאַכטיקן יעמעש־כווישעך, אַזוי האָט אָט דאָס געפיל פון שטאָלץ דורכגעריסן דעם טרויער, וואָס האָט פאַר די לעצטע צוויי מעסלעס זיך אָנגעזאַמלט ערגעץ טיף באַם פּראָפעסאָר אין דער נעשאָמע.

זיצנדיק אין שטול, האָט ער אָנגעהויבן דרעמלען און איינדרעמלענדיק האָט ער אַ ווײַלע זיך געפונען אין אַזאַ צושטאַנד, ווי גלייך ער קוקט זיך איין אין אַ בלינד־מאַכנדיקן זוניק־גאָלדענעם שטראַל און דערקענט אים — אַ שטראַל פון יענעם הייסן און לויטערן שפּעט־זומערדיקן טאָג, ווען ער און זיין פרוי האָבן אין צוגעטשעפּעטן טראַמוויי־וואַגאָן אַרויסבאַגלייט דעם זון אַפן פראָנט. דער שטראַל איז גלייך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שמייכל. דאָס זוניקע גאָלד פון יענעם שפּעט־זומערדיקן סאָף־טאָג האָט באַרירט דעם זונס העלד־בלאָנד פּאָנעם, וואָס האָט געשמייכלט צום היימישן דוואָרניק, וועלכער האָט זיך צופעליק געפונען אינעם צוגעטשעפּעטן טראַמוויי־וואַגאָן און וועלכער האָט געזאָגט, אַז אָן אים, דעם זון, וועט אין די נעכט פון באָמבירונגען זיין לאַנגווייליק אָפּצושטיין גאַנצע שאָען אַפן דאַך פונעם זיבן־גאָרנדיקן הויז, און אויך דער דוואָרניק האָט דערביי געשמייכלט. און פּלוצעם, אין אָנהייב דרעמל האָט דער פּראָפעסאָר דערקענט אָט דעם שמייכל — דעם שמייכל פון פיל טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן פּונקט ווי ער אַזוי־אָ אַרויסבאַגלייט זייערע קינדער אַפן פראָנט, דעם שמייכל פון אַ גאַנץ לאַנד, וואָס האָט מער קיין סיבעס נישט מילכאָמע צו האַלטן און האָט פיינט און האָסט אַזוי טיף יענע, וואָס הענגען אים אָן אַ מילכאָמע, און זיי, דער שמייכל און דער האַס — זיי וועלן זיגן...

הויקערנדיק זיך אין שטול, האָט דער פּראָפעסאָר ענדלעך אָנגעהויבן

מאַמעש אַנטשלאָפֿן צו ווערן און אַ געפֿיל איז געווען בא אים אַזאַ, ווי גלײַך ער האָט נאָר-וואָס באַנומען עפּעס וויכטיקס און מונטערס. עפּשער גאָר באַדאַרף מען וועגן דעם אָנשרײַבן אָדער לייענען אַ לעקציע פֿאַר טאַטעס און מאַמעס, וואָס לעבן איבער איצט דאָס זעלבע, וואָס ער...

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיטן שאַריען אַף טאָג און דערזען די פֿרוי, ווי זי שטייט לעבן אים מיט אַ בליק, געווענדט צו דער גרוי-ווערנדיקער שײַן, וואָס דרינגט אַרײַן אין קאַבינעט דורכן איינציקן גרויסן פֿענצטער. זי איז שוין געווען אָנגעטאָן אַף אַוועקצוגיין היינט צו דער אַרבעט, הײַנט פֿריער, ווי אַלע טאָג — זי האָט געהאַט דערויף אַ גענוגנדיקע סיבע.

הערשל טאָקער

— 1 —

פון באַראַק נומער 12, וואָס געפינט זיך נישט ווײַט פון אַ דאָרף אויף יענער זײַט סאָוועטישער גרענעץ, האָט געשמעקט מיט יאָדאָפאָרם, מיט דזשעגעכץ און מיט דעם באַזונדערן רייעך, וואָס שמעקט שטענדיק אַרום קראַנקע אויף פלעק־טיפוס. נאָר געדאַכט האָט זיך, אַז די אַלע ריחות פילן זיך נישט נאָר פון דעם באַראַק אַליין: מיט יאָדאָפאָרם, מיט דזשעגעכץ און מיט פלעק־טיפוס שמעקט דער טיף־דורכגעפּולטער אָסיען, וואָס האָט קיין סאָף נישט; מיט זיי שמעקט דער שטאַרק־נידעריקער קויטיקער הימל, וואָס זיפּט טאָג און נאַכט זײַן פליסיקײַט, ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ, און אויך די כמורנע טעג שמעקן אַזוי, די טעג פון אָסיען טויזנט נײַן הונדערט איין און צוואַנציק.

רעכטס פונעם באַראַק, מיט דעם בלאָטיקן וועג צום שטרויענעם דערפל — אַ דערפל, וואָס פוילט אונטער דעם דריבנעם, קלעפּיקן רעגן — זײַנען געגאַנגען צוויי סאָלדאַטן מיט גיכע טריט פון מענטשן, וואָס האָבן עפּעס אין דאָרף צו זאָגן. זיי האָבן געפירט אַ נאַסן קודלאַטן הונט אויף אַ קייטל.

אין דאָרף, אין איינער אַ כאַטע, איז געזעסן די גרענעץ־וואַכטע און האָט טאָג ווי נאַכט געגאָסן אַרום זיך קאַרבאָל, געגאָסן מיט גרויס מוירע אָנצושטעקן זיך מיט דער טיפוס־קרענק, וואָס פרעסט מענטשן אין באַראַק. געגאָסן נאָך מיט גרעסערער מוירע צוצולאָזן צו זיך עפּעס אַ פאַרהוילענע געפאַר פון קעגנאיבער דער דרייסטער גרענעץ, פון דאָרט, פון

וואַנען עס פילט זיך אַהער אַ שטענדיקער שטאָלצער שפּאַט, נאָר אַז מע קוקט זיך אײַן דורך בינאָקלען, זעט מען גאָרנישט, אויסער נאַסע שטרע־קעס, און אויסער דעם, וואָס אויך דאָרטן איז אָסיען — אויך דאָרט גיסט און גיסט דער רעגן.

צווישן די דרײַ אויסגעפּוצטע אָפיצערן, וואָס שפּילן אָן אויפהער אין קאָרטן און האָבן צו שאַפן אין דאָרף איבער אַ פּאָר צענדליק סאָל־דאַטן, האָט דעם אומזיכטבאַרן אויבנאָן פאַרנומען דער סאַמע יינגסטער און מער פּריצישער — אַ ווײַבעריש־געפּודערטער לייטענאַנט. ער האָט גערדרייט זייער אָפּט מיט די נאָזלעכער און מיט די ליפּן, ווי גלײַך זיי בײַסן אים, נאָר ער וויל נישט קראַצן; ער האָט גערדרייט מיט זיי נישט אַזוי צוליב זײַן קרומען מויל, ווי צוליב די נאָך מער קרומע און טונקעלע וואָנצעס.

פון אים האָט געשטאַמט דער אײַנפאַל, אַז אַלע אָרטיקע בירגער, וואָס קומען אַהער צופוס, ווי עוואַקוירטע פון יענער זײַט גרענעץ, זאָל מען ביז זייער זאַך וועט קלאָר ווערן נישט אָפּשיקן ווײַטער אין לאַנד, נאָר מע זאָל זיי פאַרהאַלטן דאָ בײַ דער גרענעץ אין באַראַק פאַר טיפוס־קראַנקע. זײַן בריוו, אין וועלכן ער האָט וועגן דעם ראַפּאָרטירט צו זײַן „נאַטשאַלסטווע“, האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„אום צו פאַרשפּאָרן אומזיסטע ענערגיע... לייג איך פאָר“... און אַזוי ווײַטער.

פאַר אָט דעם אײַנפאַל „צו פאַרשפּאָרן אומזיסטע ענערגיע“ האָט ער באַקומען פון זײַן „נאַטשאַלסטווע“ אַ דאַנק, אַ ווונק, אַז ער גייט אָפּן ריכטיקן וועג און וועט געשטעלט ווערן צום צעטל אויף צו באַקומען אַ העכערן ראַנג. ער האָט גלײַכצײַטיק דערפילט אי אַז ער איז זייער אַ וויכטיקער און וואַגיקער מענטש, אי אַז פאַר זײַן קומענדיקער גרויסער קאַריערע איז בעסער, ער זאָל זײַן וואַגיקע וויכטיקײַט טראָגן אין זיך און זאָל זײַן גליק פאַר קיינעם נישט אַרויסווײַזן.

דער איקער איז געווען צו בלײַבן אויסערלעך קאַלט. וועגן זײַן געלונ־גענעם אײַנפאַל האָט ער דעריבער געשוויגן, ווי גלײַך ער געהערט נישט צו אים אַליין, נאָר צו זײַן גאַנצן פײַנעם שטאַם, און אויב, שפּילנדיק אין קאָרטן, האָבן זײַנע פרײַנט פאַרפירט וועגן דעם אַ שמועס, האָט ער טאָמיד וועגן דעם געענטפערט נישט מיט ווערטער, נאָר מיט אַ שײַנעם

זשעסט באַם געבן די קאַרט, — אַ זשעסט, וואָס לויבט נישט אים אַליין, נאָר זײַן גאַנצן אָפיצערישן שטאַם. איין זשעסט האָט באַם געבן די קאַרט געהאַט צו זאָגן:

— מיר זײַנען אייראָפּייער...

אַ צווייטער זשעסט:

— דעריקער איז טאַקט... טאַקט...

אַ דריטער:

— מיר לערנען באַ די פראַנצויזן, באַם אַלטן רוים.

אַ פערטער זשעסט — מיט אַ בליק צום פענצטער:

— און דאָרט — זיי, פון יענער זײַט גרענעץ — באַ וועמען לערנען זיי?

דערבײַ האָבן באַ אים פון אויפרעגונג נאָך אָפטער ווי טאָמיד זיך געדרייט די נאָזלעכער מיטן קרומען מויל.

איצט זײַנען די צוויי סאָלדאַטן, וואָס פירן דעם קודלאַטן הונט אָפן קייטל, געקומען אָנזאָגן, אַז פאַרטאָג האָט מען מיט דער הילף פונעם הונט געכאַפּט אָף דער גרענעץ „צוויי" — די ערשטע „צוויי", וואָס דאַרפן לויט דער נײַער פאַראָרדענונג פאַרהאַלטן ווערן אין באַראַק פאַר פלעק-טיפוס קראַנקע.

דעם הונט האָבן דאָ אַלע דרײַ לייטענאַנטן געגלעט, נאָס מאַכנדיק די הענט אין דער טיף פון זײַן נאַסער האָריקער פעל. ווי פון זיך האָבן אַלע דערפילט, וועמען עס קומט דער ערשטער קיבעד אויסצופרעגן די נײַע „צוויי" און זיי באַזעצן אין באַראַק. דער יונגער לייטענאַנט האָט זיך דערפילט זייער יאָנטעוודיק. צוליב דער וויכטיקייט פון דער נײַער אַרבעט, וואָס שטייט אים פאָר, איז ער אַוועק אין צווייטן קליינעם צימער זיך אויספּוצן. דערצו נאָך איז פונקט צו יענער צײַט פון באַראַק פרייַלעך, ווי אַן אייגענער מענטש, אָנגעקומען דער דאָקטער, און בעיים מע האָט דאָ פרײַנטלעך פון ביידע זײַטן געבלאָזן אָף אים מיט קאַרבאָל, האָט ער דער-ווײַל מיט שטאַרק-פאַרמאַכטע אויגן דערציילט, אַז ער האָט די „נײַע צוויי" געזען אין דרויסן לעבן באַראַק, אַז איינער פון זיי איז אַ יונגער-מאַן, אָף וועמען „אַליץ" איז קענטיק — אַ ייִד, פאַרשטייט מען, און אַז די צווייטע — אַ יונג מיידל, אויך אַ ייִדישע.

— טאַ-טאַ... טאַ־טאַ... זי מאַכט זיך גלײַך, ווי דעם יונגנמאַן קען זי נישט. נאָר אַליין איז זי... ווי?

אַנשטאָט אַ ווונק צו געבן, האָט דער דאָקטער פאַרמאַכט די אויגן, אַ קנאַק געגעבן מיט צוויי הויך־אויפגעהויבענע פינגער, אַ קוש געגעבן זיי און האָט אַרײַנגעשריגן אין צווייטן קלענערן צימערל:

— יאָ, פאַן... עס לוינט... אָנטאָן זיך וואָס שענער?

און מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער שוין געשפּילט מיט די איבעריקע צוויי באַם טישל. אַרײַנקוקנדיק אין זײַנע קאָרטן, האָט ער אַ ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אויפן יונגן מיט די קרומע וואָנצעס, וואָס קומט אַרויס אַ פריש־ראַזירטער און פריש־אויסגעפּוצטער.

— גוט... — האָט ער אַ פּאָנפּע געטאָן צו זיך אין דער נאָז. און שווער איז געווען צו וויסן, אויף וואָס דער „גוט" גייט: אויף דעם אַרעסטירטן מיידל, וואָס ער האָט געזען זיצן לעבן באַראַק, אויף דער אויסגעפּוצטקייט פון דעם לייטענאַנט, וואָס מיט די קרומע וואָנצעלעך, אָדער אויף דער ערשטער האַנט קאָרטן, וואָס אים איז אויסגעפאַלן.

— גוט!... — האָט ער, אַרײַנקוקנדיק צו זיך אין די קאָרטן, אי־בערגעכאַזערט. — אויסגעצייכנט!

— 2 —

אין דרויסן האָבן געשוויצט שטייענדיקע טונקל־ברוינע וואָלקנס. עס האָט געמראַקעט דין און פויל, ווי אויף קיינמאָל נישט אויפצוהערן. עס האָט ווען־נישט־ווען אַ טשוויצער געטאָן אַ פייגעלע ערגעץ־ווו צווישן פאַרדאַרטע שטעכלקעס און דערנער, וואָס באַ די זײַטיקע וועג־גראָבנס — אַ טשוויצער געגעבן בייז, אָן ווילן, ווי פאַרקאַטערט.

אַנטקעגן דעם לייטענאַנט, וואָס שפּאַנט מיט רעספּאַרנדיקע אָפיצע־רישע טריטעלעך, איז מיטן וועג צום דאָרף אָן אָטעם געלאָפן אַ סאָל־דאַט, און אין זײַן לויפן האָט זיך געפילט די שלעכטע בשורה, וואָס ער האָט אָנצוזאָגן, — אַ שלעכטע בשורה וועגן זיך און יענע אַלע סאָלדאַטן, וואָס היטן אין דער באַטאַגיקער וואַכטע דעם באַראַק. נאָענט לעבן אָפי־צער האָט ער מיט אַ לעצטן שפּרונג זיך אָוועקגעשטעלט אין פראָנט, באַ־קומען אויסגעגלאָצטע גלעזערנע אויגן, זיך צוגעבויגן, ווי אויף צוצופאַלן

א פאַרגליוועטער צום אָפיצערס קרומע וואַנצעלעך און האָט אויסגע־פּלאַצט מיט זײַן לעצטן אָטעם:

— די מויד איז אַנטלאָפן!...

פון זײַן נאָענטן אָטעם האָט א בלאָז געגעבן מיט נעכטן־געגעסענע ציבעלעס און קנאָבל און מיט אַלערליי רייכעס, וואָס פּילן אָן ענגע פויערשע כאַטע.

באַם אָפיצער האָבן נערוועז א ציטער געטאָן די נאָזלעכער. זײַנע קרומע וואַנצעלעך האָבן זיך א בייזן דריי געגעבן אַף איבערצוקרימען דעם סאָלדאַטס ווערטער:

— קקקע!... וואָס הייסט עס... „אַנטטט־לאָפן”?

דער אויסגעצויגענער סאָלדאַט האָט אַלץ סאַלוטירט א פאַרשטאַר־טער מיט הויך־אויפגעהויבענע אַקסלען, זײַנע גלעזערנע אויגן מיטן אָפע־נעם מויל זײַנען געווען אויסגעליידיקט ווי ער אַליין — ער האָט מער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. דער אָפיצער האָט פאַרקלעמט די ציין און האָט פון קאַס אויסגעציילט אַלע זילבן, וואָס אין די ווערטער:

— און דער צוויי־טער?!

דער סאָלדאַט האָט זיך אויפגעטרייסלט, ווי גלײַך די מײַסע מיט דער אַנטלאָפענער מויד איז אים שוין פאַרגעבן. ער איז ווי געווען צו־פרידן, וואָס ער קאָן צוגעבן:

— דאָרט... ער זיצט...

און ער האָט אָן אויפגעהויבענעם אַרבל, וואָס זעט אויס ליידיק, ווי אָן א האַנט, אָנגעוויזן צום באַראַק־צו.

דער לייטענאַנט האָט אָנגעטראָטן אָפן סאָלדאַט, ווי אַף אים דורי־רעס צו זײַן. נאָר, אַרײַנקוקנדיק גאָר נאָענט אין זײַן פאַרוואָרפענער גלע־זערנער צורע, ווי באַשלאָסן, אַז זי איז נישט ווערט דעם פאַטש פון זײַן האַנט, און א קאָמאַנדעווע געטאָן:

— מאַרש!!! צוריק!!!

און ער איז מיט זײַן רעסאָרנדיק געגנגעלע אוועק גלײַך נאָך אים מיטן וועג צום באַראַק.

לעבן באַראַק, אַף א הויפן אָנגעוואַלגערטע שטאַרק־אָנגענעצטע שפּענער, איז ווירקלעך געזעסן בלויז איינער — א יונגער ייִדישער באַ־כער מיט גרויסע אויערן אין ביידע זײַטן פון זײַן נידעריק־געשוירענעם

קאָפּ און מיט אַ לענגלעך-אָפּגעבערענט פּאָנעם פון אַ „נאָוואָבראַנעץ”. זײַנע אויגן האָבן געקוקט צו דעם אָפּגעריסענעם שטיק הויט, צו דער פרישער וווּנד, וואָס אױף זײַן האַנט, — אַ וווּנד, וואָס ער האָט געקאָנט באַקומען בעיים מע האָט אים געשלאָגן אָדער אומגעוואָרפן. זײַנע אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן פּאַמעלעך, זיי האָבן אַ קוק געגעבן צום שטיין-געבליבענעם אָפיצער — גרויסע, טונקל-גרויע אויגן, זיי זײַנען פול מיט ווײַטקייטן, מיט נישט קיין היגער פאַרטראַכטקייט און זײַנען דאָך פון עפּעס גליקלעך-צופרידן, — עפּשער פון דעם, וואָס דאָס מיידל איז גוט אַנטלאָפן — אױף שטענדיק.

באַ דער זײַט זײַנען געשטאַנען סאָלדאַטן מעווינים און געזאָגט, אַז אויב מע געפינט זי נישט באַלד, אין די ערשטע פּאָר שאָ, איז אַן עק: פאַרפאַלן.

פון אונטער דעם יונגנמאַנס אָפּגעריסענעם מאַנטל האָט זיך אַרויס-געזען אַ שוואַרץ הערצל פון אַ העמדל און אַ קאָלנער פון דעם זעלבן שטאָף; דער קאָלנער איז זייער אַ גראָמער, ווי אַ פרעמדער — ער קנייטשט זיך אַרום זײַן האַלדז.

— מממ!...

דעם אָפיצערס קרומלעך מויל האָט זיך אַ דריי געגעבן אין אַ זײַט צוזאַמען מיט די וואָנצעס און מיט דער נאָז, זיך אַ דריי געגעבן, ווי באַ אַ מעפּונעק.

זײַן אַנטוישטער בליק האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דעם אָרעם-גע-קליידעטן יונגנמאַן:

— פּבע!... אַ טרעפּל... אַ לאַנג-געבאַלעמט טרעפּל, וואָס דאַרף דער-נענטערן צו דער געווונטשענער קאַריערע, צום העכערן ראַנג...

— איז הייסט עס, סאַבאַקל... אַט דאָס איז עס?

דער אָפיצער האָט, באַטראַכטנדיק דעם זיצנדיקן יונגנמאַן, אַ זאָג געגעבן שטיל, ווי פאַר זיך:

— כאָטש געווען באַדאַרפט זיך איבערטאָן... ווי?... כאָטש געווען באַדאַרפט זיך אויספּוצן, איידער מע קומט אין אַן אייראָפּעיִשן לאַנד...

און ער האָט אַ ווונק געטאָן צו די סאָלדאַטן, זיי זאָלן פירן דעם יונגנמאַן אין דער נאָענטער קלייִנער בודע.

אין דער בודע איז נישטאָ אַף וואָס צו קוקן. אַלץ איז דאָרט פּײַבט, ווי אין אַ דורכגענעצט הילצערן בײַדל.

באַם פּײַכטן טישל זיצט דער לײַטענאַנט פונאַנדערגעשפּרייט מיט זײַנע פּאַפּירן און שטרײַכט אונטער זײַן געהויבנקײַט מיט יעדן האַלב־לעצאָנעסדיקן „אײַך", וואָס ער לאָזט אַרויס פון מויל.

— ווי רופט מען אײַך?

— הערש.

דער אָפיצער דערפילט פּלוצעם, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו כאַפּן — ער האָט צײַט...

— ממ!... הערש?... הערש, מענדל, מאָשקע — אַלע אַזעלכע טשי־קאַווע נעמען...

ער האָט אַ קוק געגעבן צום יונגנמאַנס גרויסע, טונקל־גרויע אויגן און האָט צו זײַן באַוווּנדערונג דערזען, אַז זיי זײַנען ווי פריער, ווײַט פון אים — אַ גאַנצער מעהאַלעך. זיי זײַנען פול מיט ווײַטער, נישט קײַן היגער פאַרטראַכטקײַט און זײַנען דאָך מיט עפּעס גליקלעך־צעפרידן — אַפּאָנעם ווירקלעך דערפון, וואָס דאָס מיידל איז גוט אַנטלאָפן...

— אײַער פאַמיליע? — האָט ער בייז געפרעגט.

— טאָקער.

— אײַער געבורטס־אָרט?

— נאַריוווקע.

— וועלכע נאַריוווקע?

ער האָט פון זײַן פּאָרטפעל אַרויסגענומען אַ העפט און האָט גע־שאַרט אין דעם מיט אַ פינגער, ווי מע שאַרט אַף צו געפינען אַ וואָרט לויט דעם אַלעפבייס. ער האָט געפונען דאָס וואָרט, באַקומען אַן אויס־דרוק פון אַ מענטשן, וואָס פילט זיך אַ שמייכל טאָן:

— נו, יאָ... פאַרשטייט זיך... נאַריוווקע — אַ שטעטעלע, וואָס האָט אין די צײַטן פון קריג אָפּגעברענט, און צוזאַמען מיטן שטעטעלע זײַנען פאַרברענט אַלע באַווײַזן, ווער איז אַן אָרטיקער אײַנוווינער און ווער נישט... איז אַלע, הייסט עס, זײַט איר פון דאָרט — פון נאַריוווקע... איר זײַט גאָט די נעשאָמע שולדיק... איר קערט זיך אום פּאָשעט אַהיים... נו, און די יונגע אַנטלאָפענע פרוי אָדער מיידל, זי איז, נאַטירלעך, אויך געווען פון דאָרטן, פון נאַריוווקע, הייסט עס?...

דעם יונגנמאַנס אויגן האָבן אים אַ רעגע באַוויזן זייער טיפע, נישט־היגע פאַרטראַכטקייט און האָבן געגומען קוקן ערגעץ־וווּהין צו אַ דורכ־געגעצט ווינקל פון באַלקאָן. ער האָט שוין פריער געענטפערט:

— איך ווייס נישט.

— מע האָט דאָך אײַך צוזאַמען געכאַפּט!...

— איך קען זי נישט.

— ווי?...

דעם יונגנמאַנס מויל איז געבליבן אָפן, און עפּעס אַזוי אָפן. ווי גלײַך קיינער איז אַרום אים דאָ אין דער בודע נישטאָ. דער אָפיצער האָט דערפילט: דעם יונג איז לאַנגוויַיליק.

שטיל.

— אומזיסט... אומזיסט, — האָט אָפּגעזיפצט דער אָפיצער.

אײַנקוקנדיק זיך מיט פאַרשמעלערטע אויגן, האָט ער צוגערופן דעם יונגנמאַן נעענטער צום טיש, ער זאָל זיך אונטערשרײַבן.

— ווילט איר, הייסט עס, מיט אונדז פירן אַ שפּיל?

ער האָט דערזען יענעמס אָנגעבויגענעם האַלדז־און־נאַקן — אַ ני־דעריק־אָפּגעשווירענער נאַקן — אַ נאַקן פון אַ מענטשן, וואָס לאָזט זיך אין אַ ווײַטן וועג אין די צײַטן פון עפּידעמיעס... און אָט... אָט דער האַלדז־און־נאַקן — אין אים איז געווען קענטיק די גאַנצע שולד...

דער אָפיצער האָט מיטאַמאָל כאַראַטע געקראָגן, וואָס אַלץ ענדיקט זיך אַזוי גיך.

— ווילט איר עפּשער, — האָט ער געזאָגט, — ווילט איר, איך זאָל אײַך דערמאָנען, ווי אַזוי עס איז געווען? די דאָקומענטן האָט געפירט בײַ זיך די יונגע פרוי, וואָס איז אַנטלאָפן, אָט ווי אַזוי דאָס איז געווען — ווײַל אַ פרוי איז שווערער צו באַזוכן, נישט אַזוי?

ער האָט אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען הין און צוריק איבער דער בודע.

— ביידע האָט איר זיך אומגעקערט אין אײַער אַלטער היים, קעדיי צו פאַרשפּרייטן באָלשעוויזם. — זאָגט דעם עמעס, זײַט זיך מוידע. דאָרט איז שלעכט, נישטאָ פון וואָס צו לעבן. איר קאָנט דאָך זאָגן, אַז מאָן עפּעס שלעכטס דאָ בײַ אונדז האָט איר גאָר נישט געוואָלט טאָן. איר האָט נאָר געוואָלט אַריבערכאַפּן זיך מיט אײַער קאַלע איבער דער גרענעץ, האָט איר געוואָלט, און דאָ מיט איר כאַסענע האָבן... אַוועקפאָרן מיט

איר פונדאַנעץ ווײַטער — קיין אורוגווײַ, צום בײַשפּיל, קיין פּאַלעסטי־נע... ווי?

— איך קען זי נישט, — האָט געזאָגט דער יונגערמאַן.

אין זײַנע אויגן איז מיטאָמאָל פאַרשוווּנדן דער גליקלעך־צופרידענער אָפּגלאַנץ; געבליבן איז אין זיי נישט מער, ווי די ווײַטע, נישט־היגע פאַר־טראַכטקייט — אַ שיפע, אַף אייביק פאַראַקשנטע.

דער אָפיצער האָט זיך אַרויסגעבויגן דורך דער טיר און האָט אַרײַנ־גערופן די צוויי וואַרטנדיקע סאָלדאַטן.

— יאָ, — האָט ער, רײַבנדיק די וואָנצעס, גענומען אַראָפּקוקן צום יונגנמאַנס האַנט, וואָס מיט דער רויטער פרישער וווּנד, — געסט זײַט איר באַ אונדז אומגעריכטע... קיין פּאַלאַץ האָבן מיר דאָ פאַר אײַך נישט צוגעגרייט, ביז מיר וועלן דערגיין, צי איר זײַט ווירקלעך פון נאַריווקע צי ניין, וועט איר מוזן איבערזײַן עטלעכע טעג דאָ באַ אונדז אין באַראַק... אין באַראַק זײַנען אַפילע פאַראַן קראַנקע... קראַנקע אַף פלעק־טיפוס... אָבער איר מוזט אונדז מוחל זײַן. אַביסל זײַט איר אַליין שולדיק.... איר האָט אונדז פריער נישט אָנגעזאָגט, אַז איר קומט, — קיין בעסערן פּלאַץ האָבן מיר נישט באַוויזן צוצוגרייטן...

אין דרויסן איז ער נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען — געשטאַנען מיט פאַר־קרימטע וואָנצעס, מיטן פאָרטפעל אונטערן אָרעם און געקוקט:

מע פירט דעם יונגנמאַן צום באַראַק. אין דער באַגלייטונג פון די צוויי סאָלדאַטן גייט ער זייער פּאַמעלעך, מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ און מיט קורצע טריט, ווי אַ געפּענטעטער. בלויז האַרט באַם אַרײַנגאַנג אין באַראַק שטעלט ער זיך אָפּ, ער דרייט זיך אויס פּאַמעלעך אַף צוריק, און די טיפע, נישט־היגע פאַרטראַכטקייט, וואָס אין זײַנע גרויסע טונקל־גרויע אויגן, קוקט אין יענער זײַט, ווו עס ליגט דאָס לאַנד, פונוואַנען ער איז געקומען, אין יענער זײַט, פונוואַנען מע זעט איצט גאָרנישט, אויסער נאַסע שטרעקעס און אויסער דעם, וואָס אויך דאָרט איז אָסיען.

עס איז געווען פאַרנאַכט.

דער רעגן האָט אויפגעהערט.

ווײַט איבערן פעלד, אינעם שטרויענעם דערפל, וואָס קעגנאיבער נאַ־סע, פאַרוועלקטע גראָזן, האָט שטיל און נישט זיכער אָנגעהויבן קלינגען

אין קלויסטער. די כוואַליעס פון די ערשטע איינזאַמע קלאַנגען האָבן דער־גרייכט ווי אַ גרויל צו די לײַבער פון אַ גרופּע פּויערים און פּויערטעס, וואָס וואַרטן שוין לאַנג באַם באַראַק, מע זאָל פון דאָרט אַרויסטראָגן דעם קערפּער פון זייערן אַן אייגנעם, אַ געשטאָרבענעם פון פּלעק־טיפוס. פּאַרוואָרפן איבער די שטאַרק־געבויגענע קעפּ, אין אַ טונקעלער שלעכט־געפּאַרבטער טרונע, האָט מען ענדלעך פון דער ברייט־געעפנטער באַראַק־טיר דעם טויטן קערפּער אַרויסגעטראָגן. דער יונגערמאַן איז פּאַמעלעך אין דער זעלבער ברייט־געעפנטער טיר אַרײַנגעטראָטן. ער איז געוועזן העכער פון דער קליינער באַראַק־טיר, ער האָט געמוזט אַביסל אָנבייגן זײַן קאָפּ.

אין דאָרף האָט דער קלויסטער אָנגעהויבן קלינגען מער זיכער, ווי אויף אַ געשעענער פּאַרפּאַלענער זאַך. די פּויערים און פּויערטעס האָבן אַלע מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן צײלעמען.

— 3 —

לאַנגע צוויי רייען אײַזערנע באַלייגטע בעטן — פון זיי שטינקט מיט קאַמפער, מיט גוטאַפּערטש און מיט ברוד פון קראַנקע מענטשן־לײַבער.

מיט הייסן וואַסער ווערט געשײַערט דער לאַנגער דורכגאַנג, וואָס אינמיטן באַראַק. פון די צופּיל־אָנגענעצטע פּאָדלאָגע־ברעטער גייט אויף אַ פּײַכטער וואַרעמער געשטאַנק.

ווײַט־פּאַרקאַשערטע מוסקולדיקע הענט נעצן אָן און דרייען אויס די שײַערנדיקע שמאַטע, און אויך דער רוסישער יונג, דער איינציקער באַ־ראַק־דינער, צו וועמען אָט די הענט געהערן, געדענקט זיך — אַ העל־בלאָנדער יונג מיט אַ געגאָלט פּאָנעם, מיט אַ נאַקעט־געגאָלטן קאָפּ און מיט העלע, ווי נאַקעט־געגאָלטע, היפּשע אויגן; די אויגן האָבן, אַכוץ שײַערן די פּאָדלאָגע, ווי נאָך עפּעס אין זיך. אָנגעבויגנערהייט, אײַנ־נעצנדיק און אויסדרייענדיק די שמאַטע, כאַפּט דער באַראַק־דינער אַלע־מאָל בליקן צום יונגנמאַן, וואָס האָט זיך אָנגערופן העריש טאָקער און זיצט גאַנצע טעג איינזאַם אויף זײַן בעט — דעם באַראַק־דינערס בליקן זײַ־נען מאָדנע ערנסטע, ריינע, און דענסטמאָל דאַכט זיך, אַז ער אַליין איז אויך פּיל ערנסטער און ריינער, איידער די אַרבעט, וואָס ער טוט.

קריגעריי אין וויטן באַראַק־ווינקל — אַ קריגעניש מיט אַ פּריש־גע־פאַנגענעם באַיאָרטן ייִדן, וואָס וויל פאַרנעמען דאָס עקסטע אָפּגעזונדער־טע בעט.

צום באַיאָרטן ייִדן שרייט מען:

— מע זאָגט דיר: „באַזעצט“, נישט דיין אייסעק, זאָגט מען דיר. מען זאָגט דיר: „באַזעצט“ — און קריך נישט מער...

די געפּאַקטע באַבעריק־ווייסע שוועסטער מיטן רויטן ציילעם אָפּן שטערן, זי הייבט אָן צו מעסטן די היץ פון יענעם זעלבן ווינקל וווּ מע האָט זיך פריער אַביסל געקריגט. איר „קאַזיאָנע“ מיילעכל בלייבט פאַרשנורעוועט, ווי דער גאַנצער וועלט אַף צולאָכעס, געשלאָסן, און נאָר איר פאַריסן נעזל טיינעט צום באַיאָרטן ייִדן, אַז עס איז אַלצאיינס,

— אַזוי האָט באַפוילן דער דאָקטער:

— באַ אַלע, וואָס קומען אַריין אין באַראַק, מוז צוויי מאָל אַ טאָג געמאָסטן ווערן די היץ.

דער באַיאָרטער ייִד באַטלט צו איר כאַלוימעס:

— וואָס־זשע, איך בין מעשוגע?... הערט אַ געשיכטע... איך בין געזונט און שטאַרק, וועל איך מיר פּלוצעם לאָזן מעסטן די היץ...

ווי אַ פאַרגוואַלדעוועטער בלייבט ער אַף זיין בעט צעכראַסטעטע מיטן טערמאָמעטער אונטער דער פּאַכווע, נאָר באַלד ווי די שוועסטער גייט אַרויס פון באַראַק, דערנענטערט ער זיך צום יונגנמאַן, וואָס זיצט איינזאַם אַף זיין בעט. פון דעם אויבערשטן זשילעט־קעשענקעלע נעמט ער אַרויס אַ צוזאַמענגעלייגטע פּענסנע און זעצט זי אויף רייטנדיק זייער ני־דעריק אַף זיין צעפּלעטשטער נאָז. ער טוט אַ קוק אָפּן באָכער פון איבער די גלעזלעך, דערזעט, אַז ער איז אַ ייִדישער, און הייבט אָן מיט אַזאַ היי־מישן טאָן, ווי גלייך ער זעצט פאָר דעם שמועס, וואָס צווישן זיך האָבן געפירט זיינע און דעם באָכערס זיידעס:

— פּכע!... וואָס האָב איך פאַר זיי מוירע? אַז סאַכאַקל האָב איך שוין „סיפּנאָי“ געהאַט. איך האָב נאָר מוירע פאַר אַ „וואָזוורואַטנע“, און „וואָזוורואַטנע“, דאַכט זיך, הערט מען דאָ נישט, ווי?... מע הערט נישט?... איכ'ל טעלעגראַפירן מיין ברודער... כ'האָב דאָ אַ רייכן ברודער.

נאָר דער יונגערמאַן, זעט אויס, וויל נישט פאָרזעצן דעם שמועס,

וואָס צווישן זיך האָבן געפירט זײַנע און אָט דעם ייִדנס זיידעס. ער ענט־פערט נישט.

— ווי לאַנג, מיינט איר, קאָן מען דאָ האַלטן?

דער יונגערמאַן שווײַגט.

— ווי לאַנג זײַט איר שוין דאָ?

— דער פינפטן מעסלעס.

עס ווײַזט זיך אַרויס: דאָס איז די איינציקע פראַגע, אויף וועלכער מען קאָן אַרויסקריגן אַן ענטפער באַם באָכער. דעם ייִדן פאַרדריסט עס. זײַנע אויגן ווערן בייז, ווי נאָך אַ שאַבעסדיקן טשאָלנט.

— אַבעטעך, יונגערמאַן, — זאָגט ער, — וואָס נעמט איר זיך אַזוי איבער? איר זײַט סאַכאַקל אַ „טונקעלער"...

מיינען מיינט עס: סאַכאַקל אַ „רויטער".

אַז דער ייִד גייט אַוועק צוריק צו זײַן בעט, קומט באַרוועס אַרײַן דער פאַרוויטלטער דינער — צעבראַסטעט, באַלאָדן מיט פיל קליינע טשײַניקלעך אַקרעפּ. ער דערמאָנט: אַ בעדער־יונג אין אַמאָליקע טיף־רו־סישע שטעט, וווּ שוויץ־באָד איז געווען דער גרעסטער טײַנעג. זײַן אויס־דרוק: צעטראָגענע געטרײַשאַפט, פאַר וועלכער „קאַזנאַ" צאָלט אים אין הורט. כאַפּנדיק נאַקעט־געגאָלטע בליקן צום יונגנמאַן, טוט ער דערווײַל זײַן אַרבעט — ער בייגט צו זײַן אויער צו די טרוקענע שעפּטשענדיקע ליפּן פון דעם היציק־הייזעריקן קראַנקן פויער, לעבן וועלכן ער שטעלט אַוועק אַ טשײַניקל:

— פּעי, פּעי, — זאָגט ער אים, — באַשקאַ־טאָ? טרעשטשיט?

דעם יונגנמאַן האָט מען גערופן אין דער דורכגענעצטער בודע, וווּ אין ווינקל באַם נאַסן טישל האָט געוואַרט דער לייטענאַנט מיט די קרוּ־מע וואָנצעלעך. ער האָט געהאַלטן אין די הענט זייער פיל קליינע נײַ־באַ־קומענע פאָטאָגראַפיעלעך און האָט קעסיידער געטיילט אויף זיי, קעסיידער געטיילט זײַנע בליקן — איין פאַרשנדיקן בליק אויף דער קליינער פאָטאָ־גראַפיע, וואָס אין זײַן האַנט, און אַ צווייטער — אויפן יונגנמאַנס אויסגע־בלייכטן פּאָנעם.

— פּאַם־פּאַם... פּאַם־פּאַם, — האָט ער זיך צעזונגען, ווי צום טאַקט פון זײַנע בליקן, — זאָגט איר, הייסט עס, אַז אַהיים זײַט איר איצט גע־קומען צום ערשטן מאָל?... ווונדער... באַשטימט צום ערשטן מאָל?...

ווען דער יונגערמאַן, וואָס רופט זיך אַן הערש טאָקער, איז באַגלייט מיט צוויי סאָלדאַטן געגאַנגען פון דער בודע צוריק אין באַראַק, האָט ער דערפילט, ווי די פאַרנאַכטיקע פייַכטקייט נעמט אים דורך און דורך; זי טוט אים וויי, אָט די פייַכטקייט, שטעכט ווי מיט פאַרהוילענע דערנער זיין לייַב און פאַרשפּרייט אַ ברעכעניש איבער אַלע זיינע גלידער. עס זשומעט אין די אויערן, און דער פאַרנאַכט אין דרויסן איז עפּעס ווי נישט קענטלעך — דעם פאַרנאַכט, דאַכט זיך, קומט אַ ברייטער שאָלעם־אַלייכעם מיט דער פראַגע:

— ווער זייט איר?

דעם לייב האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרייַן צוריק אין באַראַק, אָבער אויך אין באַראַק האָט נישט אויפגעהערט דאָס ברעכעניש מיטן זשומען — אויך דאָרט האָט אין אייגענעם לייַב יעדעס ווייטיקלעך גליד געוואָלט ווי אָפּטשעפּען זיך און זיך באַפרייַען פונעם צווייטן. הערש טאָקער האָט זיך אייַנגעדעקט אַף זיין בעט, און אים איז געווען זייער מאָדנע, וואָס אַלע זיינע ווייטיקלעכע גלידער זייַנען נאָך געבליבן וואַך, דענסטמאָל, ווען זיין גאַנצער קערפּער איז שוין אַנדרימלט געוואָרן — יעדעס גליד האָט זיך געהאַט זיין באַזונדערן זיקאָרן, און אין יעדערן פון אָט די זי־קאָרנס האָבן, ווי אין אַ פּוסטן פאַרנאַכטיקן וואַלד מיט אַן אָנענדלעכער קייט פון ווידערקוילעס, זיך געדענקט די ווערטער:

— פּעי, פּעי... באַשקאַ־טאַ?... טרעשטשיט?...

מיט אַ פּאָר אָוונטן שפּעטער האָט מען לייַכט אונטערגעשיקערט אין שטרויענעם דערפל בײַ די אָפיצערן אין דער כאַטע. פון צווייטן דאָרף זיי־נען געקומען צוגאַסט באַקאַנטע אָפיצערן, וואָס וויסן שוין פון דער היים, און וואָס באַשטייט דאָ היינט אין אָוונט די סימכע. דעם לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצעלעך האָט מען שטעכלדיק־פרייַנטלעך געדריקט די האַנט, אים מעקאַנע געווען און אים צוגעווונטשן:

— מיט דערפאָלג...

— מיט דערפאָלג...

מע האָט געטרונקען גוטן וויין פּאַמעלעך, נישט געכאַפּט, געטרונקען מיט „טאַקט" און מיט קאַוואַנע צו דערווייַזן איינער דעם אַנדערן, אַז מע ווייסט ווי אַזוי גוטן וויין צו טרינקען. מע האָט גערעדט ווייניק ווייל

לײַטישע מענטשן רעדן ביכלאַל זייער קנאַפּ. דער דאָקטער האָט געוואָלט אַ גענעץ טאָן, די ערשטע האַלב פון גענעץ איז אַראָפּ בײַ אים גלאַט אין פויסט אַרײַן; די צווייטע האַלב האָט זיך פאַרמאָסטן אַף צו ענדיקן זיך מיט אַ הויכן קוויטשיקל, האָט ער זיך פאַרכאַפּט:

— אָך, יאָ, — האָט ער, פאַרשלינגענדיק דאָס קוויטשיקל, געזאָגט, — יענער... דער געכאַפּטער, דער יונגער... יענער... מאָדנע... ער איז דאָך קראַנק געוואָרן מיט פלעק־טיפוס...

— ווי?...

די קרומע וואָנצעלעך האָבן געמאַכט אַ נערוועזע באַוועגונג אַף צו געבן זיך אַ קראַץ אָן אַ האַנט:

— ווי?... ווי?... אַ שאָד, אַ שאָד, אים דאַרף מען היילן, דאָקטער... אים דאַרף מען היילן — איך האָב קעגן אים באַווײַזן. צוויי מאָל איז ער בײַ אונדז פאַרשוווּנדן פון אונטער די הענט.

און ער האָט אָנגעהויבן קומען אַלע טאָג צום באַראַק, קומען אָן אויס־געפּוצטער מיטן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם, און היטן דעם יונגנמאַנס געזונט.

— 4 —

אונטער די כוואַליעס פונעם שטאַרקן באַנאַכטיקן פעלד־ווינט האָבן געקרעכצט און געסקריפּעט די ווענט און דער דאַך פונעם הילצערנעם באַראַק — געקרעכצט מיט אַלע ברעטער צוזאַמען און מיט יעדער ברעט באַזונדער.

אין טיפער באַנאַכטיקער שטילקײַט האָט זיך געדאַכט: עס קרעכצט און עס סקריפּעט דאָ אַ גאַנצע צעלעכצטע באַנאַכטיקע וועלט.

דער ווינט האָט געשמיסן איבער די דינע ווענט פון באַראַק, און אויך אינעווייניק האָבן געבלאָזן און געבלאַנדזשעט ווינטיקע שירײַים, געזוכט זיך אָנצוקלעפּן אָן עפּעס — געזוכט און נישט געפונען.

הערשל טאָקער איז געבליבן אין בעט פאַרטראָגן, אין גרויס נאָגע־ניש און אין גרויסער היץ, געזען פאַר זיך אַנטקעגן אינמיטן באַראַק דעם קליינעם לאָמפּ, וואָס הענגט אַראָפּ מיט אַ דראָטל פונעם מיטלסטן באַליק.

פון צײַט צו צײַט האָט ער געעפנט די פאַרגאָסענע היציקע אויגן, נאָר נישט דערקענט דעם פּלאַץ אַרום זיך, געקוקט, געקוקט ווי פון די בלאָנדזשענדי־קע ווינטיקע שירײַים שאָקלט זיך דער לאָמפּ און זײַן פלעמל זעצט זיך, און אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער שווימט אין אַ גרויסן סקריפּענדיקן טייווע־קאַסטן, ווי אין אַ שיף, און דאָס דאַזיקע שווימען איז אַ פאַר־צווייפלטס, אַן אומאָנגענעמס, נאָר קיינער פון די אַרומיקע אײַנגעשלאָפע־נע וויל גאָרנישט נישט טאָן אַף צוצושווימען צו אַ ברעג.

עס איז געווען דער אַכטער אָדער דער נײַנטער מעסלעס פון זײַן קרענק. און דער ווינט האָט געבלאָזן, און דער באַראַק האָט געקרעכצט.

ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען אין פאַרטראָגענעם דרימל, אין גרויסער קראַנקער היץ האָט הערשל טאָקער דערפילט, אַז עמעצער דרייט זיך אַרום אים מיט שטילע אומזיכטיקע טריט — ס'איז מאָדנע: אַלע אַרום אים שלאָפן, און דאָך טונקלט זיך דאָ גאָר נאָענט אַ שטיל־באַ־וועגלעכער שאָטן, ער איז אָי דאָ אָי נישטאָ, ער פאַרשווינדט און באַ־ווײַזט זיך ווידער אײַנגעהויקערט, ווי מיט פאַרשלאָפענער געטרײַשאַפט און מיטן אַן אומעטיקן בליק, וואָס איז געווענדט צו אים, הערשל טאָקער, און צו זײַן בעט — דער שאָטן פאַרשווינדט און באַווײַזט זיך ווידער.

דערנאָך איז הערשל טאָקער אַנדרימלט געוואָרן פיל שטאַרקער, אַזוי־פיל שטאַרקער, אַז זײַן קראַנקער גליענדיקער קערפּער האָט שוין מער די דרימלדיקע שטאַרקײַט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. ער האָט באַלד גע־מוזט צוריק זיך אויפכאַפּן, און אַז ער האָט געעפנט די פאַרגאָסענע הי־ציקע אויגן, האָט ער גלײַך דערזען פאַר זיך דעם קאָפּ, וואָס בייגט זיך איבער אים אָן. זײַן גליענדיקער בליק האָט פון זייער נאָענט אַרײַנגעקוקט אינעם קאָפּס אויגן, נאָר זייערע שוואַרצאַפּל נישט דערקענט. זײַנע שלע־פעריקע ווִיעם האָבן זיך צוריק פאַרמאַכט, און דענסטמאָל האָט ער דער־הערט, ווי דער קאָפּ שעפּטשעט אים אין אויער אַף אַ פרעמדער שפּראַך:

— פילסט זיך שלעכט?... וואָס? — כאַוווער...

און ווען נאָך עפּעס שעפּטשעט דער קאָפּ זייער שטיל אין זײַן אויער: וועגן דעם נאָמען פונעם אַנטלאָפענעם מיידל — ער ווייסט איר נאָמען: „יוכעוועד"... זי האָט געבעטן איבערגעבן: „זי איז גוט אַנט־לאָפן און איז געקומען בעשאָלעם."

— אַך, יאָ, יוויכעוועד... זי איז גוט אַנטלאָפן...

און ער האָט מיטאמאָל פאַרגעסן אָנעם אַריבערגעבויגענעם קאָפּ. ער האָט נאָר געדענקט, ווי אַזוי יוויכעוועד איז אַנטלאָפן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז געשען איז דאָס אָקאָרשט נישט לאַנג, אָקאָרשט צוריק מיט אַן אויגנבליק:

ביידע זײַנען זיי פריער געזעסן אַפן הויפן אָנגענעצטע שפּענער, — ער און יוכעוועד; זיצנדיק, האָט יוויכעוועד פּאַמעלעך און אומבאַמערקט גענומען זיך אָפּרוקן, דערנסטמאָל, ווען די צוויי צוגעשטעלטע סאָלדאַטן, וואָס היטן זיי, האָבן זיך צוגעבויגן, קעדיי צו פאַרויכערן איינער באַם צוויי־טן אַ פּאַפּיראָס. און איצט זיצט ער שוין אַפן הויפן שפּענער איינער אַליין, און יענע אַלע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען אַרום פון דער בודע און אַוועקגע־לאָפן זי זוכן, האָבן זיך שוין פון די נאָענטע קליינע וועלדלעך און פון די אַרומיקע פּוסטע שטרעקעס אומגעקערט — זיך אומגעקערט איינציקווײַז און אָן איר — יהייסט עס: יוויכעוועד האָט זיך באַהאַלטן טאַקע דאָ לעבן באַראַק... נאָענט... זייער נאָענט... אָט אַזוי דאַרף מען שטענדיק טאָן... זעלטן גוט, יוויכעוועד... אָט אַזוי דאַרף מען שטענדיק טאָן, הערט זיך אײַן, כאַוויירים!...

און די כאַוויירים האָבן זיך אײַנגעהערט און האָבן געגאַפט אַפן סייכל, אַפן זײַן פרייַלעכקײַט און אַף דער אַרומיקער גרויסער פרייד, וואָס קער צו אַלעמען, — פרייד! פרייד! פרייד פון כאַוויירים איבער אַ געלונגענעם גאַנג.

— דעריקער גליק, כאַוויירים, וואָס — קוקט — איך, הערשל טאָקער, האָב פליגל. דער אָפּיצער מיט די קרומע וואָנצעלעך — ער קריכט אַף דער ערד... ער וועט מיך נישט כאַפּן... ער וועט מיך נישט כאַפּן... קוקט — פליגל...

און ער האָט שוין מער נישט געדענקט די ווינטיקע שירײַים, וואָס שאָקלען דעם לאָמפּ אין באַראַק, — ער איז אײַנגעזונקען טיפער אין דער גרויסער שלעפעריקער היץ און מיט אַ פּאָר געשווינדע פּאַך פון זײַנע פליגל שוין געווען דאָרט באַ זיך אין דער היים צווישן זײַנע כאַוויירים

בערל דער רויטער — אַ כאַוועה, וואָס מע רופט אים „וואַנקאַ“ פאַר זײַן קראַפט — האָט אים געטרייסלט פאַר ביידע אַקסלען און האָט צו אים געזאָגט:

— הערשעלע טאָקער!... אײַ, ביסטו אַ מאַזיק!

און ביידע, ער און בערל דער רויטער, אַלטע כאַווירים — זײַנען אַזוי אַ ווײַלע געשטאַנען און האָבן געלאַכט איינער דעם צווייטן אין פּאַ־נעם אַרײַן. אים האָבן פון מאָל צו מאָל אַרומגערינגלט אַלץ מער און מער כאַווירים — אַלע זײַנען געלאָפן זיך זען מיט אים אין זײַן שטעטל, בײַ זײַן מוטער אין שטוב, ווּהין ער איז אַראָפּגעפאָרן ווי גלאַט אַזוי, זיך זען מיט זײַן מוטער. די פאָרנטיקע טיר איז צוליב פריען האַרבסט שוין געווען פאַרשמירט מיט ליים. דורך דער הינטערטיר און דורך דעם לאַנגן פינצטערן הינטערהויז זײַנען אָונט אַרײַנגעקומען ביידע יאָסלס — יאָסל פון שנײַדער־פאַריין און יאָסל דער שוסטער, וואָס האָט ווי טאָמיד געזאָגט „געוויינישע“ אָנשטאָט „געאַוינישע“: „די גרויסע געוויינישע ראַטנמאַכט“!

בײַ זײַן אַרײַנקומען האָט עמעצער אַ געשריי געטאָן אַפן גאַנצן קאָל:
„אונדזער גרויסער געוויינישער כאַווער הערשל טאָקער“.

אַלע כאַווירים האָבן פון דעם מיטאַמאָל זיך זייער שטאַרק פונאַנ־דערגעלאַכט, און אויך הערשל האָט זיך געוואָלט פונאַנדערלאַכן, דאָ אין גרויס היץ אין באַראַק ליגנדיק, געוואָלט און נישט געקאָנט...

אַרום אים, אַרום זײַן קראַנקן ווייטיקלעכן לײַב, האָבן זיך געפּאָרעט הענט. ער האָט זיך געוואָלט אויפכאַפּן און האָט נישט געהאַט דערויף קײַן צענט־כיילעק פון דער קראַפט, וואָס איז נייטיק דערצו. אים האָט מען געוועקט, ווי אַף איבערצוקערן אין בעט אַף דער אַנדערער זײַט. האָט ער סאַפּקאָלסאַף געמוזט פאַרגעסן אין אַלץ... אין אַלץ... ער האָט געמוזט עפענען שמאָלע צוויי פאַסעקלעך פון די שווערע היציק־אָנגעגאָסענע אויגן, אַרויפציען מיט גרויס אָנשטרענגונג די ברעמען, דערפילן ווייטיקן, אָן אַ שיער ווייטיקן און דערזען, אַז די לופט אַרום אים אין באַראַק איז אַ מאָדנע — אַ לופט פון נישט באַטאָג און נישט באַנאַכט, אַ לופט, וואָס ער, דער קראַנקער, באַנעמט זי שוין זייער שוואַך און פילט זי שוין בלויז מיט שוואַכע שירײַים פון געוועזענע געפילן.

אַרום זײַן בעט איז געשטאַנען דער דאָקטער, די באָבעדיק־ווײַסע שוועסטער מיטן רויטן צייכן אַפן שטערן און נאָך עפּעס מענטשן פון דער דינערשאַפט. מע האָט מיט גרויס וווּנדער אַרומגעקוקט די ציכטיק־

איבערגעבונדענע וווּנד, וואָס אױף זײַן האַנט, און מע האָט אַרײַנגעשריגן צו אים אין אויער זייער הילכיק, ווי צו אַ טויבן:

— ווער האָט איבערגעבונדן?

— אַ?

— ווער?

מיט דער האַנט אויפן האַרצן האָט די שוועסטער, ווי אין שרעק, דער־ציילט, אַז ס'איז נישט זי, און כּוח דעם, — זי האָט ווידער אַרומגעקוקט די איבערגעבונדענע וווּנד, — אַז זי קאָן שווערן: דאָ אין באַראַק זײַנען גאָר אַפילו אַזעלכע איבערבינד־מאַטעריאַלן נישטאָ...

מע איז אַלע ווײַלע געלאָפן צו דער טיר — צום לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצעלעך, וואָס האָט מוירע אינעווייניק אַרײַנצוקומען; מען איז אַלע ווײַלע געלאָפן פון דאָרט צוריק מיט זײַנע פראַגן:

— הייסט עס, אַז דאָ אין באַראַק איז עמעצער געווען, ווי?

— הייסט עס, אַז אין באַראַק דרייען זיך אַרום זײַטיקע?

פאַרנאַכט זײַנען לעבן זײַן בעט מיט ליכט אין די הענט דורכגעגאַנגען דער דאָקטער, די שוועסטער און דער דינער, זיך אָפּגעשטעלט. דער דאָקטער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אױף אַ טאַפּ צו טאָן דעם קראַנקנס דוי־פעק, נאָר באַלד כאַראָטע געהאַט, אַ קוק געטאָן דעם קראַנקן אין פּאָנעם, אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און באַוויזן דער שוועסטער זײַן פאַרקרימ־טע צורע, וואָס האָט צו זאָגן:

— שוין גאָר קײַן סכּוירע נישט... אַ פּייגער...

***

עס איז געווען שפּעט באַנאַכט, ווען דער ווינט האָט געבלאָזן, און דער באַראַק האָט געקרעכצט.

אין לעצטער קראַנקער היץ, מיט לעצטע שפּורן פון געפילן האָט הערשל טאָקער דערפילט, אַז דאָ אין באַראַק געפינט זיך ווידער „ער" — יענער, וואָס קומט אַהער נאַכט־בײַ־נאַכט באַרוועס, אין פאַרשלאָפענער געטרײַשאַפט, קעדיי צו היטן דאָ אים, הערשל טאָקער, אױף זײַן קראַנקן־בעט, קעדיי זיך צו דערנענטערן צו אים מיט שטילע טריט, ווי די שטילע

ווינטיקע שירײַים אַרום הענגענדיקן לאָמפּ, און אים אַרײַנשעפּטשען אין אויער דעם גרוס פון אַלע כאַווײרים, מיט וועלכע ער, הערשל, האָט ביז איצט צוזאַמען געלעבט, און אויך פון יענע, אַף דער גאַרער וועלט צעשאָטענע כאַווײרים־מיטקעמפער, אַ גרוס אַ פאַשעטער — געציילטע ווערטער:

— אַ טשטאָ, טאָוואַרישטש?... פּלאַכאָ?...

און דאַך פילט זיך אין זיי די ברידערלעכקייט פון „זיי" אַלע, גע־וועזענע, איצטיקע און קומענדיקע, צו וועמען עס נאָגט דאָס האַרץ. און אויך די לעצטע פעסט־געבליבענע טרייסט, וואָס איר נאָמען איז — אייביק! — די טרייסט פון כאַווײרים, צעשאָטן איבער דער וועלט ווי ליכטלעך.

— נישקאָשע, כאַווײרים וועלן באַזאָרגן... כאַווײרים וועלן באַזאָרגן, כאַוועך...

עס איז געווען אין יענער נאַכט, ווען הערשל טאָקער האָט צום לעצטן מאָל מיט באַוווּסטזײַן געעפנט די פאַרגאָסענע היציקע אויגן און האָט באַנײַט דערזען פאַר זיך דעם נאַקעט־געגאָלטן קאָפּ, וואָס בייגט זיך אָן איבער אים. זײַן גליענדיקער בליק האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרײַנגעקוקט אינעם קאָפּס אויגן, געוואָלט דערזען אין זיי דעם גליענ־דיקן פאָדעם, וואָס פאַרבינדט אים מיט יענע אייביק־ליכטלעך, און האָט זיי פּלוצים, זייער פלוצים דערקענט — די העלע, ווי נאַקעט געגאָלטע אויגן פונעם באַראַק־דינער, פון יענעם, וועלכער זעט אויס ווי אַ בע־דער־יונג בעיים ער טראָגט דאָ פונאַנדער די טשײַניקלעך אָקרעפּ און שרײַט אַרײַן צו יעדן קראַנקן אין אויער:

— פּעי, פּעי... באַשקאַ־טאָ?.... טרעשטשיט?...

— טאָוואַרישטש, — האָט ער געשעפּטשעט אין זײַן אויער, — נינ־טשע דאָקטאָר סקאַזאַל: פּאָמריאָש...

דערבײַ האָט ער געשטופּט עפּעס אַ ווייכע צוזאַמענגעלייגטע זאַך צו אים, הערשלען, אונטערן צוקאָפּנס, געשטופּט מיט אָנשטרענגונג און גע־שעפּטשעט צווישן איין שטופּ און צווייטן:

— דאָס איז דיר... די כאַווײרים פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע... איבערגעגעבן... די אָרטיקע רויטע פאָן...

הערשל טאָקער האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט זי געוואָלט גע־

דענקען אַף שטענדיק, אַף שטענדיק — אַט די פֿאָן פֿון דער אַרטיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס ליגט בא אים צוקאָפּנס. ער האָט איינגעזונקען צוריק אין שווערער היץ. עס איז געווען ווי אין כאָלעם, ווען ער האָט נאָכדעם קוים־קוים דערפֿילט עפּעס ווי עמעצנס. א ריר בא זיך אַפֿן שטערן. אַז ער האָט מיט גרויס מי גאַנץ שמאָל אָן עפֿן געטאָן די אויגן, האָט ער צום לעצטן מאָל דערזען פֿאַר זיך דעם אָנגעבויגענעם קאָפּ מיט די געלע, ווי נאַקעט־געגאָלטע אויגן, נאָר אַליין האָט ער שוין מער נישט געדענקט, צי די נאַכט איז נאָך די זעלבע, צי זי איז שוין א נייע, אַן אייביקע, אַ שטענדיקע.

**
*

עס איז געווען אין א פּאָר טעג אַרום.

גאַנצפֿרי, ווען אין באַראַק האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט מענטשן, וואָס דאַרפֿן געזונט ווערן, און מענטשן, וואָס דאַרפֿן שטאַרבן, האָט מען דערזען, אַז דער ייִדישער באָכער, אַף וועמען דער לייטענאַנט קומט אַלע טאָג זיך נאָכפֿרעגן, ליגט אָן באַוועגונג אַף זײַן צוגעגלעטן געלעגער: ער איז איבערגעדעקט מיט א גרויסער רויטער פֿאָן — א סאַמעטענער מיט לאַנגע זילבערנע טרענדלעך, און אונטער דער פֿאָן זעט אויס זײַן פֿאַרגליווערטער קערפּער עפּשער צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי א געוויינלעכער, לעבעדיקער. און נאָך זעט ער אויס אונטער דער פֿאָן:

— באַזונדער... און פֿרעמד... פֿרעמד...

מ׳האָט מוירע געהאַט צו זײַן געלעגער צוצוגיין און די ווערטער, וואָס אַף דער פֿאָן, איבערלייענען, ווי גלײַך מיט איבערלייענען די ווערטער אַליין ווערט מען שוין אויך אין עפּעס פֿאַרמישט. אין די אַוועקקוקנדיקע אויגן האָט זיך אָן אויפֿהער געכאָלעמט: עפּעס רויט, רויטס...

מ׳האָט געגעבן צו וויסן אין נאָענטן שטרויענעם דערפֿל.

אַרום נײַן אַזייגער אינדערפֿרי איז „נאַטשאַלסטווע" מיט פֿאַרטפֿעלן אונטער די פּאַכוועס געשטאַנען אין דרויסן לעבן דער טיר פֿון באַראַק. דער לייטענאַנט האָט מיט די קרומע וואָנצעלעך און מיט דער נאָז געמאַכט אַזעלכע באַוועגונגען, ווי גלײַך זיי בײַסן אים, נאָר ער וויל נישט קראַצן. דער דאָקטער האָט געביסן די ליפּ און האָט געהאַלטן די הענט

מיט די אַקסלען, גרייט צו באַווייַזן מיט זיי, אַז אים פּאַטופּעט זיך נאָך אַלץ גאָרנישט אין קאָפּ.

און אין באַראַק צווישן די געלעגערס איז דענסטמאָל מיט פיל טשײַניקלעך אַקרעפּ אַרומגעגאַנגען דער באַראַק־דינער, וואָס מיטן נאַקעט־געגאָלטן קאָפּ און מיט די העלע, ווי נאַקעט־געגאָלטע אויגן. ס'האָט זיך געהערט, ווי ער קלינגט דאָרט מיט די טשײַניקלעך און ווי ער שרײַט אַרײַן צו היציק־קראַנקע אין די אויערן:

— פּעי, פּעי... באַשקאַ־טאָ?... טרעשטשיט?...

צווײ ראָצכים

אַף קאַטבוסער־דאַם, באַ דער פרוי הילדע גינטער אין קיך, ליגט אַף אַ קלײנעם געשטריקטן טעפּיכל דער האָריקער טעל — אַ גרױסער װאָל־פּישער הונט מיט אַ שאַרפן פאַרשפּיצטן פּיסק, און האַלט דעם קאָפּ פעסט אַף די פאָדערשטע אױסגעצױגענע לאַפּעס. טעל מאַכט זיך װי ער דרעמלט. אין דער עמעסן איז ער װאַך. זײַנע קלײנע, קימאַט מענטשלע־כע אױגן שליסן זיך מיט ברױגעזער און פױלער פאַרגלאָצטקײַט אַלעמאָל, װען עמעצער װיל אין זײ אַרײַנקוקן.

און אַף אַרײַנקוקן אין טעלס אױגן זײַנען געװען באַלאָנים אַ סאַך, אַ סאַך — טעל איז דער סאַמע באַרימטער צװישן אַלע זעקס הונדערט טױזנט הינט, װאָס די שטאָט בערלין פאַרמאָגט: װעגן אים האָט מען אײנמאָל געשריבן אין די צײַטונגען און פונאַנדערגעשיקט דעפּעשן אין אַלע לענדער; װעגן אים האָט געזאָלט פאָרקומען אַ פּראָצעס מיט אַן אױספאָרשער, מיט אַ באַשולדיקער און מיט אַ פאַרטײדיקער. אױב דער פּראָצעס איז נישט פאָרגעקומען, איז דאָס בלױז דערפאַר, װאָס דער מערדער און רױציײעך טעל איז סאָפּקאָלסאָף נישט מער װי אַ הונט — פון זײַן רעציכע האָט ער נאָר באַקומען אַ נאָמען אַף דער גאַנצער װעלט, און מער גאָר.

די פרוי הילדע גינטער, צו װעמען טעל קער, איז אַ קריגס־אַלמאָנע. איר מאַן, דער פאָטאָגראַף הערבערט גינטער, איז אומגעקומען אין װעלט־קריג, קאָן מען זאָגן, העלדיש, װי אַ בין באַם מאַכן האָניק. די פרוי היל־דע גינטער איז אַ מיטלװוקסיקע פעט־געװאָרענע דײַטשקע מיט פאַר־שװומענע שװאַרצע אײגעלעך, מיט אַ בעקאָװעדיקן בוזעם און מיט אַ סאַך

גוידערם אונטערן מויל. זי איז אַ גוטמוטיקע, ווי אַ זאַטע גווירישע קע־בין איז גוטמוטיק אין דער צײַט, ווען אירע באַלעבאַטים זײַנען אָפּ לאַנג אַוועקגעפאָרן און האָבן איר קיין אַרבעט נישט געלאָזט. זי זאָגט „יוט" אָנשטאָט „גוט", און נאָך יעדע פּאָר ווערטער, וואָס זי רעדט אויס, גיט זי צו מיט אַזאַ מינע, ווי זי וואָלט זיך בעטעמס געוואָלט מיט אײַך אָן אייצע האַלטן:

— ניכט?

— ניכט וואַר?

זי לעבט פון דער פּענסיע, וואָס זי באַקומט ווי אַ פרוי פון אַן אומ־געקומענעם לייטענאַנט, און אויסער דעם פאַרדינגט זי דאָס גרעסטע און טונקלסטע פון אירע דרײַ צימערן; קיין קינדער האָט זי נישט.

איצט וווינט בײַ איר אין צימער דער אוקראַיִנישער עמיגראַנט אַנ־טאָן זאַרעמבאָ — אַ געוועזענער וואָלאָסט־שרײַבער, אַן אַנטלאָפענער אַטאַמאַן פון אַ קליינער באַנדע, וואָס האָט באַראַבעוועט און געקוילעט ייִדישע שטעטלעך אין אוקראַיִנע. זאַרעמבאָ איז טאָמיד אויסגעפּוצט אין פאַרביקע אויסגענייטע קליידער, ווײַל ער געהערט צו אַ קאָמפּאַניע ווײַס־גוואַרדייִשע באַלאַלאַיקע־שפּילער, וואָס שפּילן אַ גאַנצע נאַכט שיקער־ערהייט ערגעץ אין אַ באַנאַכטיקן רעסטאָראַן־קאַבאַרעט. זײַן געשטופּלט פּנים איז פול מיט דרעמל, ווײַל ער איז די פריערדיקע נאַכט נישט גע־שלאָפן און ווײַל אויך אין דער הײַנטיקער נאַכט שטייט אים פאָר צו זײַן וואַך און מיט זײַן שיקערן הוליען אָנשטעקן אין רעסטאָראַן די געסט. אין בערלין געפינט ער זיך שוין אַ יאָר פינף און זיך אויסגעלערנט קוים־קוים צו פאַרשטיין און צו באַלעמעשען אַביסל דײַטש. בײַ דער פרוי גינ־טער וווינט ער ערשט דעם דריטן טאָג. איצט זיצט ער אַ שפּעט־אויפגע־שטאַנענער בײַ דער דײַטשקע אין קיך, און די דײַטשקע טוט מיט אים דאָס, וואָס זי טוט אין דער ערשטער צײַט מיט אַלע אירע נײַע קוואַרטי־ראַנטן — זי פּאָיעט אים דערווײַל נאָך מיט עמעסער קאַווע און דער־ציילט אים די געשיכטע פון איר וועלט־באַרימטן, קלוגן און פאַרברע־כערישן הונט:

— אַ הונט, — זאָגט פרוי גינטער, — איז ווי אַ מענטש, ניכט? דאָס ווייסן אַלע, ניכט וואַר? נאָר אַז אַ הונט זאָל זײַן אייפערזיכטיס, ווי אַ פאַרשטענדיקער מענטש, זאָגן מיר, ווי אַ מאַן און נאָך מער ווי אַ מאַן

— וועגן דעם האָט זיך קיינעם אַפילע קיינמאָל נישט געכאָלעמט, ניכט וואָר?

זי קוקט אַף טעלן מיט אַזעלכע אויגן, ווי זי וואָלט וועלן דעם הונט זאָגן: „ביסט אַ מאַמזער!" און פאַרשנורעוועט דעם פעטן פּיסק, ווי אַף אַ קוש צו טאָן:

— און אייפערזיכטיק איז טעל בלויז צו מיר, נאָר צו מיר און וויַיטער צו קיינעם נישט.

זי שטרעקט אויס זארעמבאַן אַ קורצע רויטע האַנט מיט אַ ווייך־פאַרשוווּמען פּויסטל, ווי באַ אַ קאַצעווטע, און זאָגט צו אים, אַוועקוקנדיק קלוימערשט אַן אַ זיַיט:

— אַנו, פּרוּווט, ווילט מיך אָנעמען באַ דער האַנט...

דער געשטופּלטער זארעמבאַ טוט עס זייער פּאַמעלעך, זייער פויל, נאָר מיט פאַרגעניגן. אים געפעלט די ווייכע זעקס־פודיקע און גוטמוטיקע באַלעבאָסטע. איר טשיקאַווער אַרט גראַגערן אַף דיַיטש דערמאָנט אים אָן דעם היימישן אַרט גראַגערן פון די יִדישע וויַיבער אין יענע קליינע אוקראַיִנישע שטעטלעך, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט זיַין באַנדע געראַבעוועט און געקוילעט: עס רופט אַרויס אין אים אַ בענקשאַפט צו זיַין אייגן דאָרף.

נאָר איידער ער באַוויַיזט נאָך ווי געהעריק אָננעמען פרוי גינטער פאַר דער האַנט, מאַכט טעל אויף די דרעמלדיקע אויגן. די ווייכע ליפּן וואָס אַרום זיַין שאַרפן פּיסק, באַוויַיזן זייער אינעווייניקסטע בלוטיקע און פיַיכטע רויטקיַיט, און טיף אין זיַין גאָרגל און פון זיַינע געדערים דערהערט זיך אַזאַ בייזער כאָרכל, ווי אַ גאַנצער מיניען מענטשן וואָלטן מיטאַמאָל גענומען שווענקען די העלדזער:

— בערררררר... בערררררר, — בייזערט ער זיך, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון זיַינע פאָדערשטע אויסגעצויגענע לאַפּעס, און קוקט מיט פאַרגלאָצטע רעציכעדיקע אויגן אַף זארעמבאַן, — בערררררר...

— איר זעט? — זאָגט די גראָבע דיַיטשקע, — איר זעט צי ניין?...

און אין דעם, ווי אַזוי אירע שווארצע פאַרשווּמענע אייגעלעך שמייכלען, איז צו זען, אַז זי איז שטאַרק צופרידן, וואָס דער הונט איז אין איר פאַרליבט און איז צו איר אַזוי שטאַרק אייפערזיכטיק.

— ער וועט צו מיר נישט צולאָזן, — זאָגט זי, — אין קיַין פאַל.

זארעמבאָן איז אַ שאָד, וואָס דער הונט שטערט אים די גלעגנ־הײַט צו ווערן מיט דער באַלעבאָסטע היימיש. ער מוז זיך אָפּזאָגן פון אָנעמען זי בײַ דער האַנט. פון זײַן אַלטער, יאָרנלאַנגער פּראַקטיק געדענקט ער, אַז אַלע גוטע זאַכן הייבן זיך אָן פון „אָנעמען בײַ דער האַנט”.

דער גרויסער און האַריקער וואָלפישער הונט וואַרפט אָן אַף אים אַ שרעק. דערצו נאָך האָט בײַ זיך פרוי גינטער אַ גאַנצן פּאַק צײַטונג־אויסשניטן — גאַנצע פּעק מיט באַווײַזן, אַז די שרעקלעכע זאַך, וואָס זי דערציילט וועגן איר פאַרברעכערישן הונט, איז אַן עמעס; קורץ: פון אייפערזיכטיקייט צו דער פרוי גינטער האָט טעל איבערגעריסן דעם האַלדז פון אַן אַכט־כאַדאָשימדיקן קינד.

דער פרוי גינטער האָט שוין איינמאָל אַפילע שיר נישט געהאַט דערעסן צו דערציילן דאָס יעדערן באַזונדער. צו איר פלעגן דאַן פון פרימאָרגן ביז נאַכט לויפן צײַטונגס־לײַט און פאַר יעדן פון זיי פלעגט זי מוזן אויסלייגן די מײַסע פונעם אָנהייב ביזן סאָף. אַלע פלעגן שלינגען אירע ווערטער און זיי פאַרשרײַבן אין גרויס כאַפּעניש.

נאָר פון דאַן אָן זײַנען שוין אריבער פיל טעג. אָן טעלן, וועלכן מען האָט דענסטמאָל געמאָלט און פאָטאָגראַפירט אין פאַרשיידענע פּאָזעס, האָבן אומדאַנקבאַרע מענטשן פאַרגעסן, ווי זיי פאַרגעסן ביכלאַל אָן אַלערליי ענלעכע גרויסע זעלטנהײַטן.

טעל, זעט אויס, איז אַף אָט די מענטשן באַליידיקט, פרוי גינטער — אויך, און מיט אַ באַזונדערער האַנאָע דערציילט זי איצט באַנייס די געשיכטע איר נײַעם קוואַרטיראַנט. ווער איז טעל געווען, בעשאַס ער איז אַרײַנגעפאַלן צו איר אין די הענט? — אַ גאָרנישט איז ער געווען; אַ באַשעפעניש, וואָס איז קוים אַלט אַ יאָר און צייכנט זיך אויס בלויז מיט דעם, וואָס ער איז אַ קלוג נייגעריק הינטל — אַ קאָמיקער. ער האָט ליב געהאַט אומעטום אַרײַנצושטעקן זײַן נאָז, זיך שאַרן אַרום איר, דער פרוי גינטער, און אָן אויפהער לעקן, לעקן אירע הענט.

געקויפט האָט זי אים אין יענער צײַט, ווען איר מאַן איז געפאַלן אין קריג און זי איז געבליבן איינע אַליין. אַלעמאָל, ווען זי פלעגט טעלן איבערלאָזן אַליין אין דער געשלאָסענער וווינונג און נאָכדעם זיך אומקערן, פלעגט ער זיך וואַרפן אַף איר מיט גרויס פרייד, און דאָס קאָן בלויז פאַרשאַפן פיל שפּאַס, ניכט וואָר?

אָט אַזוי איז טעל בא איר אין וווינונג אָפּגעווען גאַנצע דריַי יאָר. נאָר איינמאָל אין אַ זונטיק איז פרוי גינטער געגאַנגען מיט אירע שכיי־נעס אָנקוקן אַ יעסוימים-הויז און האָט דאָרט דערזען אייניקע נייַ־געבוי־רענע קינדער, וואָס האָבן אויך פאַרשאַפט פיל שפּאַס, ניכט וואַר?... אי־בערהויפּט איז איר דאָרט געפעלן איינס אַ קליינינקס פון אַ כאַדאָשים זיבן. דאָס קליינע האָט, ליגנדיק אין די קישעלעך, געסליונעט, געשטופּט אַ פּויסטל אין מיַילעכל און האָט גערעדט אַזוי פריילעך, אַז די שכיינים האָבן זי אָנגעהויבן זייער שטאַרק צוצורעדן, זי זאָל עס נעמען אַף אויפ־ציען צו זיך אַהיים. זי האָט דעמאָלט אַפילע צו אירע שכיינעס געזאָגט, אַז זי האָט שוין טעלן, נאָר די שכיינעס האָבן זי דאָך צוגערעדט צו דעם קליינעם, וויַיל עס איז זייער „קנאַרקע" (טשיקאַווע), ניכט וואַר?... אוי־סער דעם האָט זי זיך דערוווּסט, אַז אויב מע נעמט פון יעסוימים־הויז אַ קליין קינד צו זיך אַהיים, באַקומט מען נאָך דערפאַר צוגעצאָלט פאַר אַלע אויסגאַבן. זי האָט דעריבער דאָס קינד צו זיך גענומען. זי האָט עס געבראַכט צו זיך אַהיים אין די קישעלעך און האָט עס באַוויזן טעלן. פון אָנהייב האָט עס טעל מער אָדער ווייניקער רויִק אַרומגעשמעקט, נאָר נאָכדעם, אַז ער האָט צווישן די פונאַנדערגעוויקלטע קישעלעך דערזען אַ לעבעדיק קינדעלע, האָט ער אָנגעהויבן דערויף זייער שטאַרק צו בילן, בילן און שפּרינגען, אַזוי אַז זי האָט געמוזט אַף טעלן זיך אָנבייזערן, טו־פּען אַף אים מיט די פיס און שריַיען:

— פוי!... פוי!...

נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. טעל האָט זיך באַרויִקט, ווען זי האָט דאָס קינד אַוועקגעלייגט, און האָט איבעראַניַיס געשפּרונגען און געמאַכט גרויסע גוואַלדן אַלעמאָל, ווען זי האָט דאָס קינד צוריקגענומען אַף אירע הענט.

אָט אַזוי איז אַוועק אַ וואָך און מער — אַ וואָך פון גרויסע גוואַלדן, אַזוי אַז די שכיינים פון די נאָענטע וווינונגען האָבן זיך אָנגעהויבן קלאָגן אַף איר אין פּאָליציי. דענסטמאָל איז איר, פרוי גינטער, געבליבן נישט מער ווי קויפן צו טעלן אַ רעכטע לעדערן־געפלאָכטענע בייַטש, וויַיל אין יעסוימים־הויז האָט זי זיך פונאַנדערגעשריבן, אַז פריער איידער דאָס קינד וועט אַלט ווערן צוויי יאָר, וועט זי עס נישט אָפּברענגען, און אַז מע שריַיבט זיך פונאַנדער, דאַרף מען אויספּילן, ניכט? ניכט וואַר?...

מיט דער בײַטש האָט זי אָנגעהויבן שלאָגן טעלן יעדעס מאָל, וואָס ער הייבט אויף אַ גוואַלד, פאַרוואָס זי נעמט דאָס קינד אַף די הענט. פון אָנהייב האָט זי אים געשלאָגן זייער לײַכט, נאָר וואָס מער טעל האָט געבילט, אַלץ מער איז אין איר געוואַקסן די אײַנגעשפּאַרטקײַט אים אויסצולערנען, אַז אים זאָל נישט אַרן, וואָס זי האַלט דאָס קינד אַף די הענט. זי האָט אים וואָס אַ מאָל אַלץ שטאַרקער מיט דער בײַטש געשלאָגן, ביז זי האָט אים אויסגעלערנט: בעיים זי נעמט דאָס קינד אַף די הענט, זאָל ער וויסן, אַז ער דאַרף אַוועקגיין אין קיך און זיך דאָרט אַוועקלייגן אונטערן טיש אַפן טעפּיכל. די ערשטע צײַט האָט ער, ליגנדיק דאָרט אַפן טעפּיכל, איר נאָך אַלץ נאָכגעקוקט מיט די אויגן און אַלעמאָל, ווען זי האָט גענומען דאָס קינד אַף די הענט, האָט ער דאָרט געמאַכט: בעררררר... בעררררר!... ווי ער האָט עס געמאַכט איצט, ווען ער, זאַרעמבאָ, האָט זי געוואָלט אָנעמען פאַר דער האַנט. נאָר ביסלעכווײַז האָט ער אויך דאָס אויפגעהערט צו מאַכן. ער איז געוואָרן אַ נאַכלעסיקער, שטילער הונט. ער איז שטענדיק געלעגן אין קיך אונטערן טיש מיט אַן אַוועקגעלייגטן קאָפּ אַף די אויסגעצויגענע פאָדערשטע לאַפּעס און מיט צוגעשלאָסענע דרעמלענדיקע אויגן, אַזוי אַז אַלע שכיינים האָבן דאָס באַמערקט. אַלע שכיינים האָבן אַף אים געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ פוילער. „פוי, טעל", — פלעגן זיי צו אים זאָגן, — „פאַולפעלץ". טעל פלעגט זיך צו זיי נישט אומקוקן. נאָר אַמאָל פלעגט זי, פרוי גינטער, אין דעם שאָקלען פון זײַן לאַגגן עק באַמערקן, אַז ער בענקט... ער בענקט זייער שטאַרק... זי האָט געמיינט, אַז זי איז שוין מיט אים פאַרטיק. נאָר איינמאָל, אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן...

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז דאָס קינד געלעגן אַפן בעט אין די קישעלעך און געשפּילט זיך מיט זײַן אייגענעם פויסטל, געשטופּט דאָס פויסטל צו זיך אין סליונעוודיקן מײַלעכל. זי, די פרוי גינטער, האָט זיך דערמאָנט, אַז עס פעלן איר נאָך אייניקע זאַכן צום מיטיק און אַז עס איז שוין באַלד צען אַזייגער, באַלד וועט מען שפּײַז־קראָמען שליסן. זי האָט צוגעמאַכט די טיר פון שלאָפצימער, וווּ דאָס קינד איז געלעגן, און אַליין איז זי געשווינד אַראָפּגעלאָפן אין קרעמל.

איז אָט... דענסטמאָל איז עס געשען. מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, ווען זי האָט זיך אומגעקערט, איז שוין געווען נאָך אַלעמען: טעל איז

געלעגן ווי טאָמיד אָפן טעפּיכל, וואָס אונטערן קיך־טיש, נאָר די טיר אין שלאָפצימער איז געווען אָפן, און אָפן דיל איז געלעגן דאָס קינד טויט, פאַרבלוטיקט, מיט אַן איבערגעביסן העלדזל... זי האָט אויפגעהויבן אַ גוואַלד. עס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן די שכנים. די פּאָליציי איז, פאַרשטייט זיך, אויך באַלד געקומען. מע האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. דער אויספאָרשונגס־ריכטער איז, פאַרשטייט זיך, אויך באַלד געקומען. ער האָט אויך געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. טעלן האָט מען אַף אַ פּאָר טעג צוגענומען אין פּאָליציי, נאָר נאָכדעם האָט מען אים אָפּגעבראַכט צוריק — דער וועטערינאַר האָט אויסגעפונען, אַז טעל איז אַ געזונטער הונט — ער איז נישט משוגע.

די פרוי גינטער דערציילט, ווי זי האָט געוואָרט, עס זאָל זײַן אַ פּראָצעס; זי וואַרט נאָך איצט אויך — זי קלאָגט זיך:

— קיין פּראָצעס איז נישט געווען...

**
*

אַנטאָן זאַרעמבאַס געשטופּלט פּנים איז פול מיט אומעט און מיט בענקשאַפט — אומעט פון די פיל פאַרגאַנגענע שיקערע נעכט, אומעט פון די שיקערע נעכט, וואָס שטייען אים פאָר. זײַנע אויגן האָבן אַרום זיך געשוואָלענע זעקעלעך און קוקן אַף טעלן. די געשיכטע מיטן פאַרבלוטיקטן קינד, וואָס איז דאָ אין צימער געלעגן אַף דער פּאָדלאָגע מיט אַן איבערגעביסן העלדזל, דערמאָנט אים אין פיל ענלעכע געשיכטעס אין יענע ייִדישע שטעטלעך אַף אוקראַיִנע, וווּ ער מיט זײַן באַנדע האָבן גע־קוילעט און געראַבעוועט. בלוט... בלוט אין אַלע ייִדישע הײַזער געדענקט זיך אים, בלוט אַף דער גאַס, וווּ צווישן צעבראָכן גלאָז און צווישן אַלערליי אַנדערע שמאַטעס און ייִדישע בעבעכעס וואַלגערן זיך פאַרבלוטיקטע קערפּערס מיט עפּעס אַן אָפּגעהאַקטן קאָפּ — אַ קאָפּ מיט אַ גראָלעך־שוואַרצער באָרד, און אַליין איז מען אַלע צוזאַמען שיקער אָדער ניכטער — ער מיט זײַן גאַנצער קאָמפּאַניע, און סײַ ווען מע איז ניכטער, סײַ ווען מע איז שיקער, הערט מען נישט אויף צו זינגען דאָס דעמאָלטיק ניי־מאָדנע לידל:

„עפּעלע, עפּעלע!
ווּהין דו קול־ליעסט זיך...״

פון גרויס אומעט און בענקשאַפט פאַרגלוסט זיך אים דערציילן דער באַריידעוודיקער באַלעבאָסטע, ווי אַזוי די געשיכטע איז געווען:

— ניכט? — פרעגט ער בא איר אַלעמאָל איבער, צופאַסנדיק זיך צו איר אַרט רעדן, — ניכט וואַר?

די גוטמוטיקע און פליַיסיקע דיַיטשקע פאַרשטייט זייער שלעכט זיַין צעבראָכענעם דיַיטש. איר זיַינען אַ סאַך זאַכן נישט פאַרשטענדלעך, אי־בערהויפּט איז איר נישט פאַרשטענדלעך, ווער איז שולדיק און פאַרוואָס האָט מען פאַרגאָסן בלוט. קלאָר איז פאַר איר בלויז איין זאַך: אויך אַרום אָט דעם קוואַרטיראַנט אירן האָבן זיך אַף דער פּאָדלאָגע געוואַלגערט פאַרבלוטיקטע קינדער — אַ סאַך, אַ סאַך פאַרבלוטיקטע קינדער מיט איבערגעריסענע העלדזלעך.

— נו, און אַ פּראָצעס? — פרעגט זי מיט גרויס אינטערעס בא זאַרעמבאָן, — אַ פּראָצעס איז געווען?

זאַרעמבאָ שוויַיגט.

פרוי גינטער קוקט זיך איַין אין זיַין געשטופּלטן פּאָנעם, פאַרטראַכט זיך, און איר איז דאָ באַניַים עפּעס זייער נישט קלאָר. זי כאַפּט זיך ער־געץ אַוועקגיין.

איצט בליַיבן דיביידע אַליין אין קיך — זאַרעמבאָ און טעל. איינער זיצט אַף אַ שטול לעבן טיש, דער צווייטער ליגט אַפן קורצן טעפּיכל און האַלט דעם קאָפּ אַף די אויסגעצויגענע פאָדערשטע לאַפּעס. אַרום איז שטיל. ביידע קוקן זיך אין די אויגן מיט גרויס אומעט, מיט בענקשאַפט.

צווישן שכיינים

מיט מעשוגע־געוואָרענע קאָלירן פון וועלקונג בלאָנדזשעט אַרום מיר אַף בערג און אין טאָלן דער היים־זוניקער סאָף פון אָקטאָבער. רייכעס שאַרפע, ווי אינגבער, זײַנען פול מיט ווילדקײַט, ווי די באַוואַקסענע הויך־באַרגיקע געדיכטעניש, וואָס אונטער נאָענטע און ווײַטע הימל־בלויקײַטן.

איך קער זיך אום צופוס פון דער „וואַרעמער אָזערע” צוריק צום בערגיקן יישעוו לאָנדאָקאָ, וווּ מע ענדיקט בויען דעם גרויסן קאַלך־זאַוואָד. מיר דערגייט די יאָר די באַטאָגיקע היץ, און דער קאָפּ איז מיר פול מיט דער צוויי־אַ־האַלב שאָעדיקער לעקציע, וואָס איך האָב נאָר־וואָס אויסגעהערט דאָ אין ווילד־פאַרוואַקסענעם הויכבאַרגיקן העק, וווּהין עס פאַרבלאָנדזשעט נאָך אַ מאָל אויך הײַנט צו טאָג דער אוסוריער טיגער — אַ לעקציע וועגן פיש־פאַרמערונג.

שפּאַן איך אַלץ מיט אויסבאַהאַלטענע שטעגן באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף און ווער שיר נישט צעגאַנגען פון היץ. דערצו נאָך די אומבאַטראָטענע שטרעקעס, וואָס קוקן אַף מיר פון אַלע זײַטן — זיי שוואַכן מיך אָפּ ווי אַ פּאָסעק פון „בראשית”:

„און געווען איז אָוונט, און געווען איז מאָרגן —
דער טאָג דער ערשטער.”

געראַטעוועט האָט מיך פון דעם אַלעמען די פאַרוואַלטערן פון דער לאָנדאָקאָער שול, וואָס איז דעמאָלט אַף איינעם פון יענע בערגיק־הייסע שטעגן מיר אָנגעקומען אַקעגן. שוין אַליין די שטײַפקײַט און די באַשלאָסנקײַט פון אירע ברייטע טריט האָבן געווירקט אַף מיר, ווי אַ מין

סאָרט כאַלאַשעס־טראָפּן, מיך אויפגעטרייסלט און מיך אומגעקערט צום געפיל, אַז אויסער אומבארירטע שטרעקעס, וואָס דערמאָנען אין פסוקים פון „בראשית", הייבט נאָך דאָ אָן אַרויסצושטראָמען פון צווישן די בערג אַ יונג, שוווער און גליקלעך־ערנסט לעבן. אַ שטראָמעלע אין דעם לעבן איז די פּאַרוואַלטערן, וואָס קומט מיר אָן אַקעגן. איר האָט גע־קלעקט ענערגיע אויף איינצואָרדענען אינעם יונגן באַרגיקן יִישעוו לאַנ־דאָקאַ אַ זעלטן־גוטע שול. פרייליך און מוטיק, ווי אויגן פון גליקלעכע קינדער, קוקן דאָרט די שפּיגל־ריינע פענצטער פון איר שול אויפן נייעם וואַקסנדיקן שיינעם יִשעוו. און אַליין איז די פּאַרוואַלטערן שוין נישט גאָר יונג, און רעדן רעדט זי גאַנץ פּאַמעלעך, אַביסל זינגענדיק־צעצויגן, ווי מע רעדט אין זשיטאָמירער געגנט, פונוואַנען זי שטאַמט. און זען זעט זי אוים איצט, בעיים זי דערנענטערט זיך צו מיר, ווי איר מאַמע, וואָס האָט אַמאָל נאָך אין שטעטל געטראָגן אַ פּאַריק.

— אין אַזאַ היץ? — זאָג איך, אָפּשטעלנדיק זיך אַ שמועס טאָן מיט דער פּאַרוואַלטערן, — וווּהין טראָגט עס אײַך?

— טאַקע... עס טראָגט מיך, — ענטפערט זי, צושטעלנדיק אַ האַנט צום שטערן און אײַנקוקנדיק זיך אינעם נאָענטן רוסישן יִישעוו, וואָס ליגט אין אַ זײַט לעבן אַ נישקאָשעדיק־הויכן באַרג, — נישט עס טראָגט מיך, נאָר מאַמעש עס צעטראָגט מיך!

זי קוקט זיך נאָך אַלץ אײַן אינעם רוסישן יִישעוו:

— דאָס גיי איך איצט אַהין, געמוזט אוועקוואַרפן אַלע אַרבעטן. איך וועל דוכט זיך אויסלאָזן צו זיי אַלץ, וואָס באַ מיר אויפן האַרצן.

— וואָס איז דען? — וווּנדער איך זיך.

— פרעגט נישט, — ענטפערט זי, — צאָרעס איז גענוג. מיר האָבן אָפּגעטאָן אַ כאָכמע... מיר האָבן אַנטליען דעם רוסישן יִישעוו אַ לערער... מיר זײַנען דאָך מיט זיי שכיינים.

— וואָס — פרעג איך, — האָט איר זיי אַנטליען?

— יאָ, זאָגט זי, — מיר האָבן זיי אַנטליען אַ לערער אויף מאַטעמאַ־טיקע.

— אַ לערער?!...

— נו, יאָ, — ווערט זי בייזלעך, — אַן עמעסן לערער, אַ לעבעדיקן. וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי?

— ניין, — זאָג איך, — גאָרנישט. אנטלייען, ווייס איך, קאָן מען יענעם א טעפּל, א לאָקשנברעט, א מולטער אָפּ ראָשטשינען. אָבער אַנט־לײַען א לערער?... איך הער עס צום ערשטן מאָל.

— מאַסקים, — מאַכט זי, — ס'איז טאַקע געווען ווי אַנטלײַען אַן אויג פונעם קאָפּ. מיר באָדן זיך דאָ אין לערער? נאָר אַז יענע קומען אַלע טאָג און בעטן און קליאַנטשען, און לעבן לעבן מיר מיט זיי זייער גוט. באַ יעדן יאָנטעוו און באַ יעדער צאָרע — מיר באַ זיי, זיי באַ אונדז, איין גוף און איין נעשאָמע. גיי קוק צו, ווי יענע קאָנען נישט אָנהייבן דאָס לערן־יאָר. האָבן מיר זיי געליען א לערער אָף געציילטע צען טעג. נו, זעט איר דאָך: האַלטן זיי אים שוין אַריבער דרײַ וואָכן און גיבן אים אונדז נישט אָפּ. דאָס האָב איך אָוועקגעוואָרפן אַלע אַרבעטן און גיי איצט צו זיי. איך וועל זיי דאָרט אָפּשפּילן א מיטוואָך, אַז זיי וועלן מיך האָבן צו געדענקען אָף קינדס־קינדער.

— ניין, וואָרט, — זאָג איך צו דער פאַרוואַלטערן, — אויב אַזוי, גיי איך אויך מיט אײַך.

מיר איז דאָ בעעמעס טשיקאַווע א קוק צו טאָן, ערשטנס, ווי אַזוי זעט אויס א לערער, וואָס מע אַנטלײַט אים. צווייטנס, ווי אַזוי וועט די פאַרוואַלטערן אים אָפּנעמען, און, דריטנס, ווי אַזוי וועט זי פירן מיט זיך צוריק אַהיים אָט דאָס לעבעדיקע שטיקל סכוירע.

די אײַנוווינער פונעם קליינעם רוסישן יישעוו — דעריקער די מאָנצבילן — טרעפן מיר אין דרויסן באַ דער אַרבעט. מע איז אַלע אויס־געטאָן ביז צום העמד, מע שוויצט, ווי אום טאַמעז און מע טעסעט זייער ערנסט גראָבע און דינע קלעצער. טאַקע דאָ געפינען מיר דעם רויטלעכן פאָרזיצער פונעם יישעוו־ראַט — זייער א הויכן פערציק־יאָריקן מאָן מיט אַן אויסגעמושטירטקײַט פון א רויטאַרמייער און מיט א טעווע א טראַכט צו טאָן א קאָפּעלע פריער, איידער ער ענטפערט א מענטשן א וואָרט. ער איז אויך אויסגעטאָן ביז צום העמד, בייגט זיך מיט א האַק אין האַנט איבער א גראָבן קלאָץ, וואָס ליגט צווישן זײַנע לאַנגע פיס, טעסעט און שוויצט גלײַך מיט אַלע.

— ווי איז דיר קײַן ביזאָיען נישט, כאַוועד אַלעקסאַנדראָוו, — טרעט באַלד צו אָף אים די פאַרוואַלטערן און שטעלט מיך גלײַך פאַר אַן איידעם. — אָפּן אָונגט פון דעם דאָזיקן־אָ כאַוועד באַ אונדז אין לאַנ־

דאָקאָ האָסטו ערשט יענע וואָך זייער שיין גערעדט, ווי אַזוי מע דאַרף העלפֿן איין ייִשעוו דעם אַנדערן. זיס, ווי צוקער, האָסט גערעדט, און אַליין טוסטו אונדז אַף אַזאַ זאַך. מיר האָבן אייַך אַנטליִען אַ לערער אַף צען געציילטע טעג, האַלטסטו אים שוין די דריטע וואָך און קלערסט גאָר אָפּאָנעם נישט אים צוריק אונדז אָפּצוגעבן...

— וואַרט נאָר, — טוט דער פּאָרזיצער פּאַמעלעך אַ טרייסל אַף רעכטס און אַף לינקס מיטן קאָפּ, — כאַפּ נישט... וואָס הייסט „איר האָט אונדז אַנטליִען"?...

ער ווישט אָפּ מיט אַ האַנט דעם שוויס פון שטערן, טוט אַ קאַפּע־לע אַ טראַכט און שטעלט אָן זיינע אויגן אַף דער פּאַרוואַלטערן:

— נו, און מיר? — פרעגט ער, — מיר פאַר אייַך זאָרגן זיך נישט? און וואָס איז דאָס־אָ, אַ הונט?...

דערבײַ ווייַזט ער אָן אַף די אָנגעגלעזטע פענצטער פון דער אַנט־קעגנדיקער סאַמע שענסטער ייִשעוו־געבײַדע — אַ געבייַדע, וואָס האָט באַם אַרייַנגאַנג אַ שילד מיט אַן אויפֿשריפט „קלוב"...

שטעלט זיך אַרויס:

די פּאַרוואַלטערן האָט געוואָלט באַוואָרענען די לאַנדאַקאַער שול מיט „פּאָדוויינע" פענצטער אַף ווינטער. פענצטער האָט זי געהאַט, נאָר גלאָז אַף שויב איז איר נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען. דער רוסישער ייִשעוו האָט דענסטמאָל באַשלאָסן אַרויסצונעמען אַף דערווייל די שויבן פון די „פּאָדוויינע" פענצטער באַ זיך אין קלוב און זיי אָפּגעבן פאַר די „פּאָדוויינע" פענצטער פון דער לאַנדאַקאַער שול, קעדיי די קינדער זאָל דאָרט זיין וואַרעם; לאַנדאַקאַער שול האָט פון איר זייט אויסגעליִען דעם רוסישן ייִשעוו אַ לערער אַף מאַטעמאַטיק — אַ טויווע פאַר אַ טויווע.

— נו, גוט! — איז אין דעם אַלץ מוידע די פּאַרוואַלטערן, — אָבער ס'איז געווען גערעדט אַף וויפל אַנטלייען מיר אייַך דעם לערער? ס'איז געווען געזאָגט קלאָר „אַף געציילטע צען טעג", צי ניין?

— יאָ, ווער זאָגט דען, אַז ניין? — ענטפערט דערויף גאַנץ אָרנט־לעך אַלעקסאַנדראָוו. — אַזוי איז געווען אָפּגערעדט: „אַ לערער אַף מאַ־טעמאַטיק אַף צען געציילטע טעג". האָט איר אונדז דאָך אָבער געגעבן אַ לערער, וואָס האָט נאָר־וואָס איצט, אין 1931 יאָר, געענדיקט דעם טעכניקום... דאָס האָבן מיר געמוזט צו אים צושטעלן אונדזערע אַ יונגע

לערערן, זי כאַזוערט מיט אים אײן אַ טערמינאָלאָגיע אַף רוסיש. ווי נאָר ער וועט זיך אויסלערנען, וועלן מיר אים אָפּהאַלטן צען געצײלטע טעג און וועלן אים אײך אָפּגעבן גאַנצערהייט, קײן האָר וועט אַף אים נישט פעלן. וואָס־זשע? מיר וועלן אײך, כאָלילע, ראַבעווען?

— ט'האָסטו דיר! — פּליעסקעט אויס מיט די הענט די פּאַרוואַל־טערן, — דריי וואָכן דאַרף ער אַף אויסלערנען די טערמינאָלאָגיע? ווי איז ער ערגעץ? ער קען דען קײן רוסיש נישט?

— אָן דאָרט־אָ, — ווײַזט אָן אַלעקסאַנדראָוו אַף אַ הויז, וואָס זעט אויס פונוויטנס ווי אַ שול, — אַדעראַבע, זײַ זיך אַהין מאַטריעך, דו ביסט שוין אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, עפּשער וועסטו טאַקע באַ אים פויעלן, ער זאָל עס מאַכן אַ קאַפּעלע גיבער...

אַליין נעמט ער שטײַפער די האַק אין די הענט און טעסעט שוין ווידער דעם קלאָץ צווישן זײַנע לאַנגע פונאַנדערגעשטעלטע פיס.

אין שול, וווּהין מיר קומען אַרײַן, זעט אַלץ אויס ווי באַלד נאָכן ענדיקן די לימודים. אָן אויפראַמערן קערט אויס די פּאָדלאָגעס און באַ־גיסט זיי פון אַ טשײַניק. די פענצטער זײַנען זומערדיק צעעפנט. דער רייעך פונעם אָפּגעזעצטן באַגעצטן שטויב מישט זיך אויס מיט די ווילדע אינגבער־געוויקסן, וואָס ציִען זיך אַהער פון דער אַרומיקער בערגיקער ביי־מער־געדיכטעניש און דערמאָנען אין עפּעס אַ נײַעם ביז גאָר גרויסן ערעוו יאָנטעוו. פון איינעם אַ קלאַס הערט זיך אַ פריילעכער שמועס, איבער־געהאַקט פון מאָל צו מאָל מיט אַ געלעכטער. דאָרט טרעפן מיר דעם „אַנטליענעם לערער״ — אַ יונג שוואַרץ באָכערל. ער איז נישט אַליין. נישט ווײַט פון דער פּאַרטע, ווו ער זיצט, שטייט אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אין אָפענעם פענצטער אַ בלאָנד רוסיש מיידל פון אַ יאָר נײַנצן. זי איז אָפּגעשוירן קימאַט ווי אַ ייִנגל, זי טראָגט אַ שמאָל בלוי לעדערן פּאַסיקל אַף דער זייער דינער טאַליע. זי האָט אַ שטיפעריש נעזל און קוקט מיט דורכגעטריבענע, ברייט־צעעפנטע אויגן — העלע אויגן ווי גרויסע ווײַנטרויבן.

דערזעענדיק אונדז, די אַרײַנגעקומענע, ווערט דאָס פּאָרל פאַרלוירן. דאָס מיידל דרייט זיך אויס מיטן פּנים צום פענצטער, און מיר זעען זי שוין נאָר אין די פּלייצעס. דאָס זיצנדיקע באָכערל בלײַבט אַ ווײַלע בלאָס. דערנאָך טוט ער זיך אַ כאַפּ צו אַ צעעפנטן העפט, וואָס ליגט

לעבן אים אַף דער פּאַרטע, שפּאַרט זיך אונטער אַף בײדע עלנבויגנס און באַזערט ווי אַ גרויסער מאַסמיד:

— טראַפּעציע איז אַף רוסיש: טראַפּעציאַ.

— קוואַדראַט — קוואַדראַט.

— פּיראַמידע איז אַף רוסיש: פּיראַמידאַ.

— קאָנוס איז אַף רוסיש: קאָנוס.

די פּאַרוואַלטערן, זע איך, קוקט זיך גוט אײַן אין דער רוסישער לערערן. פּאַמעלעך דרייט זי אוים צו מיר די אויגן, פּאַרבײַסט די אונטערשטע ליפּ און טוט צו מיר זייער שטיל אַ זאָג וועגן דער לערערן:

— שיין ווי די וועלט! אַזאַ שטיק גאָלד אַף מיר... זעט איר שוין, וואָס דאָ טוט זיך?

דערנאָך פירט זי איבער איר בליק אַף איר אייגענעם אומגליק, אַפן שוואַרצן באָכערל הייסט עס. ערשט שפּעטער טוט זי בא מיר באַנײַם אַ פרעג:

— נו?... וואָס הייבט מען דאָ אָן צו טאָן?... אַדעראַבע, זײַט אַ קלוגער און גיט אַן אייצע.

— ראַדיוס איז אַף רוסיש ראַדיוס, — כאַזערט אַלץ זייער פלײַסיק דאָס באָכערל, — פּאַראַלעל איז אַף רוסיש פּאַראַלעל, דיאַגאָנאַל איז אַף רוסיש דיאַגאָנאַל, פּערפּענדיקוליאַר איז אַף רוסיש פּערפּענדיקוליאַר.

פּאַרזאָרגט, ווי אַמאָל די מאַמע, וואָס האָט נאָך געטראָגן אַ פּאַריק, שטייט אַ ווײַלע די פּאַרוואַלטערן און טראַכט. זי איז געפאַלן אַף אַ סייכל.

— הער אוים, — זאָגט זי צו איר מאַטעמאַטיק־לערער, — איך האָב באַשלאָסן בלײַבן דאָ אַף אַ פּאָר טעג. איך אַליין וועל שוין אַ פרוּוו טאָן אײַנכאַזערן מיט דיר די טערמינאָלאָגיע. מיט מיר, האָף איך, וועסטו זיך אויסלערנען אַ קאַפּעלע גיכער... ווי מיינסטו?

— ווי?...

אַ ווײַלע זיצט דאָס באָכערל נישט טויט, נישט לעבעדיק. די יונגע לערערן האָט זיך שוין צוריק אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם פונעם פענצטער און קוקט אַפן באָכערל. זי איז בלאַס און ווארט, וואָס וועט ער זאָגן. זי קוקט זיך מיט אים איבער.

— ניין, — כאַפּט זיך דאָס באָכערל, — צו וואָס דאַרפט איר דאָ בלײַבן? איך... איך קען שוין, דוכט זיך.

דערשראָקענערהייט שטרעקט ער אונדז אוים דאָס העפט, מיר זאָלן אים פאַרהערן.

— טראַפּעציע איז אויף רוסיש טראַפּעציאַ. פּיראַמידע — פּיראַמידאַ. קאָנוס — קאָנוס, פּערפּענדיקוליאַר — פּערפּענדיקוליאַר.

— נו, יאָ, — זאָג איך צו דער פּאַרוואַלטערן, — וואָס ווילט איר פון אים? ער קען דאָך שוין אויסגעצייכנט... איצט וועט ער דאָ בלײַבן נישט מער ווי אויף צען געציילטע טעג און וועט קומען צוריק קיין לאַנדאָקאָ.

אַזוי ווערט טאַקע באַשלאָסן. נישט שפּעטער ווי אין צען טעג אַרום וועט דער אַנטליענער לערער שוין געבן זײַנע אונטעריכט־שאָען ווידער אין דער לאַנדאָקאָער שול.

איצט גייען מיר ביידע צוריק קיין לאַנדאָקאָ, איך און די פּאַרוואַלטערן. מיר שווײַגן. ס'הייבט אָן נאַכט ווערן. מיט מעשוגע־געוואָרענע קאָלירן פון וועלקונג בלאַנדזשעט אַרום אונדז אויף בערג און אויף טאָלן דער היים־זומערדיקער סאָף אָקטאָבער. מיר געדענקען זיך נאָך אַלץ די ווינטער־פענצטער, וואָס זײַנען געבליבן אָן שויבן בײַ דער סאַמע שענסטער געביידע אינמיטן רוסישן ייִשעוו. און אין די אויערן הערן מיר נאָך אַלץ נישט אויף צו קלינגען די ווערטער:

— פּאַראַלעל איז אויף רוסיש: פּאַראַלעל.

— דיאַגאָנאַל — דיאַגאָנאַל.

— פּערפּענדיקוליאַר — פּערפּענדיקוליאַר.

אינהאַלט

	זײַט
פֿאָרוואָרט	3
צווישן בערג	5
פֿרײַנטשאַפֿט	41
אָן אײידעס	49
דער סקולפּטאָר	66
יאָרצײַט־ליכט	100
גראָד זי	115
אין שײַן פֿון שײַטערס	126
אַ שווערער כאַראַקטער	151
אין אַ ווינטערדיקן שטורעם	177
הערשל טאָקער	187
צוויי ראָצכים	208
צווישן שכיינים	216

Este libro se terminó de imprimir el
día 22 de Octubre de 1949, en los
Talleres Gráficos de Julio Kaufman,
Corrientes 1976, Buenos Aires,
República Argentina.